STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04048

IN FRAYE SHO'N

Aaron Feldman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן פעלדמאן

אין פרייע שעה'ן

נאָוועלן און דערציילונגען

פאַרלאַג „צוזאַמען"

ניו־יאָרק 1935

Copyright, 1935
by
AARON FELDMAN, New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
234



אהרן פעלדמאַן

מיין טייערער, ליבער פרוי **רחלען** ווידמע איך דאָס דאָ־זיקע צווייטע בוך פון מיינע דערציילונגען, און דערמאָן דערביי מיט דאַנקבאַרקייט אַז, פון אַלעמען, האָט זי אַמ־מערסטן און אַמגעטרייסטן מיטגעווירקט און מיטגעהאָלפן אין אַלע מיינע שאַפונגען.

א. פ.

פון פאַרוואַלטערשאַפט צום פיקעט-ליין

שוין לאַנגע גרויע פרימאָרגנס, אַז אַרום דער צוויי־שטאָקיקער געביידע מאַרשירן אַרום סטרייקער הין און צוריק. שעריפס דרייען זיך אַרום צווישן די סטרייקער אכטונג געבן אַז זיי זאָלן זיך ניט אָפּ־שטעלן אויף קיין רגע און פאַרזעצן אין אָרדנונג זייער מאַרשירן אין א גלייכער ליניע. די אייגנטימער פון פאַבריק, קאָלזאַק און ראָם האָבן זיך געווענדעט אין געריכט נאָך אַן „אינדזשאָנקשאָן" — (פאַרווערן די סטרייקער צו פיקעטן) אָבער דער ריכטער האָט אָפּגעזאָגט אַרויס־צוגעבן אַזאַ פאַרבאָט. מיסטער ראָם האָט שוין אַפילו א פאַרזוך גע־מאַכט פאַרבינדן זיך מיט א ניו יאָרקער גענג־באַנדע צו פּראָוואָצירן א מין איבערפאַל אויף זיין פאַבריק — פאַרניכטן פאַרטיקע אַרבעט, כדי באַשולדיקן נאָכדעם דעם הויפּט־אָנפירער פון סטרייק און אים אַרעסטירן. זיינען אבער די סטרייקער אויף דער וואַך... און אַגב איז קאָלזאַקס טאָכטער אַגנעס, די הויפּט פאַרוואַלטערן פון פאַבריק, קעגן אַזאַ ברוטאַלן אַנגריף. זי דערלאָזט ניט מיסטער ראָם צו אַזאַ פאַרברעכערישן אַקט. און פון וואַנען זי ווייס פון זייערע פּלענער איז פאַר זיי א סוד...

זי דערקלערט ראָמען און באַווייזט מיט פאַקטן, אַז א לאַנגער קאַמף וועט רואינירן אים מיטן פאָטער און א גיכער באַנקראָט איז אומפאַרמיידלעך.

מיסטער ראָם שרעקט זיך פאַר מיס אַגנעס רייד; ער פאַרדעכ־טיקט איר אין געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון סטרייק,

אַבער ער וואגט עס ניט צו זאָגן עפענטליך, ווייל איר פאָטער וועט עס בשום אופן ניט וועלן גלויבן.

די פאָר יאָר זינט זי פאַרוואַלטעט די פאַבריק האָט זי גע־היט וואכזאם איר פאָסטן; שטענדיק שטרענג געווען צו די אַרבעטער; קיינמאָל קיין שמייכל ניט באַוויזן צו זיי, אַפילו אַ פריינטלעכן קוק ניט געטאָן; איר פּנים איז שטענדיק ווי פאַרגליווערט, אירע געפילן פאַרהאַטעוועטע. קיינמאָל ניט געוואָלט אויסהערן אַ קריוודע פון אַן אַרבעטער. ווען אימיצער פלעגט אמאָל זיך אָננעמען מיט קוראַזש און מיט אַ דערשראָקענעם רחמנות־פּנים צו איר צוגיין און דערקלערן, אַז מיט זעקס־זיבן דאָלאַר אַ וואָך איז שווער אויסצוקומען, און אין אָפּגעהאַקטע ניט דערזאָגטע ווער־טער געבן אָנצוהערעניש אויף „אַ רייז", פלעגט אַגנעס, שפּאָטיש זיך אויסדרייען מיטן פּלייצע צו דער אַרבעטערן און חוצפּהדיק אויס־שרייען: „מיט אייערע קריוודעס קענט איר גיין צו גאָט!" קיינער האַלט אייך דאָ ניט; אויב איך געפעלט ניט די „קאָונטרי", פאָרט מען אין ניו יאָרק, דאָרטן וועט איר אַלע באַקוועמליכקייטן האָבן; מיר'ן שוין דאָ קריגן שיקסעס, אַפילו פאַרמערקעס פאַר דריי־פיר דאָלאַר אַ וואָך, און דערביי אויף די מיידלעך פאַראַכטנדיקע בליקן וואַרפן, ווי אויף נישטיק־אומנויטיקע באַשעפענישן פאַר דער מאָדערנער גע־זעלשאַפט... און אויף די מענער־אַרבעטער האָט אַגנעס זייער זעלטן אַ קוק געטאָן...

— אויך מיר מענשן! פלעגט זי דעם פאָטער אָפּט באַמערקן און איראָניש דעם פּנים פאַרקרימען. און זיי הייסן נאָך „די זאַלץ פון דער מענשהייט" געבוירענע שקלאַפן זיינען זיי!... און וואָס פאַר אַ לעבן זיי מאַכן מיט אַזעלכע מיזעראַבעלע ווײדזשעס? האָבן זיי ניט געקענט אָפּזוכן אַנדערע אַרבעט, ווי פרעסן העמדער און לעבן ווי בעט־לערם? צום טייפל מיט זיי! פלעגט זי גאַליק פאַרענטפערן. אייזלען דאַרפן שווער אַרבעטן און ווייניק עסן און שלאָפן אויף זייער אייגן מיסט...

און דאָ פלוצלינג אין אַ משך פון אַ קורצער צייט אַזעלכע שרעק־

וואַרנדיקע רייד, אַז גיי גיב אויף דעם סטרייק און וואַרף זיך אונטער אַלע זייערע פאָדערונגען און לאָז זיי באַלעבאַטעווען אין זיין פאַבריק, אַז זיי זאָלן אַ דעה זאָגן אויף זיין פּריוואַט אייגנטום! ניט ביי אים וועט אימיצער הערשן...

מיסטער קאַלזאַק האָט געוואוסט, אַז אין דעם סטרייק שטעקט אַ מעכטיקע האַנט, אונטער וועלכע זיין טאָכטער ווערט באַפּוילעריש דיקטירט, און ער האָט געוואַרט מיט פיבערישע אַנשטרייגונגען דאָס ווייטערדיקע ענטוויקלונג פון סטרייק, נאָכדעם אין געהיים זיך בּאַראַטן מיטן שותּף ראָם, ווי אויף ווייטער זיך באַנעמען מיט די סטרייקער.

2

די „שוירט פעקטאָרי" פון קאַלזאַק און ראָם האָט אין נויאָרק אַ שם געהאַט פון אַ סקעב־פּלאַץ, וואו אַן אונטערוועלט באַנדע פּלעגט קיינמאָל פון זייער „פּיי־ראָל" ניט אַרונטער.

אַ קליין שאַפּקע פון פיר מאַשינען, ערגעץ פאַרוואָרפען אין פּיט סטריט, איז אין אַ משך פון אַ פּאָר יאָר אויסגעוואַקסן אַ פאַבריק פון הונדערט מאַשינען מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, און די פירמע האָט עקספּלואַטירט די אַרבעטער, איבערהויפּט די פרויען און מיידלעך, אויפן נידעריקסטן גראַד: פון זייער שווייס און פּראַצע זיינען די באַלעבאַטים רייך און רייכער געוואָרן און די אַרבעטער — אָרימער און אויסגעטריקנטער פון טאָג צו טאָג. דאָך האָבן זיי ווי שטומע אָקסן געליטן, געשוויגן און געפּראַצעוועט ביז זייערע נערוון און גדולד האָבן רעוואָלטירט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן אין חודש סעפּטעמבער, ווען דער סעזאָן איז געשטאַנען אין פולן ברען, זיינען די אַרבעטער, אָנגעפירט פון צוויי שוועסטער־מיידלעך, אַרויס אין סטרייק און עקשנות־דיק געקעמפט צוויי חדשים, דורכלעבנדיק פּילע קאַלטע, הונגעריקע טעג.

קאַלזאַק און ראָם, ווי דער כּלל פון אַ סך אַרויפגעאַרבעטע אימיגראַנטן, האָבן בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן די סטרייקער

און אריבערגעפירט זייער פאבריק אין א קליין שטעדטל אין פענ־סילווייניע סטייט, ווייט פון א יוניאַן, ווייט פון דער עפענטלעכקייט, און דורך א סקעב אײדזשענסי געקריגן צוגעשיקט ביליקע הענט, וועלכע האָבן געפּראַצעוועט פאר א הונגער־לוין. מענער און מיידלעך פון די געוועזענע סטרייקער זיינען איינציקווייז דערנידעריקטע, פאַרשעמטע אויך געקומען זיך בעטן ביי דער פירמע צוריק צו דער ארבעט, און קאלזאק מיט נצחון־נקמה האָט געקליבן די געזונטע, די יונגע, די לאַיאַלע... דאַן איז דער שקלאַפן־סיסטעם, דער טרייב־געיעג פאַרדאָפּלט געווארן און דאָס געהאלט פארקלענערט געווארן. די מענער־ארבעטער אין די הייסע זומער־טעג ביי די פרעס־אייזנס פלעגן זיך פּרעגלען אין זייער אייגן שוויים און קוים אויסארבעטן זעקס, זיבן דאָלאר א וואָך. און די מיידלעך — פאר זיי איז קיין באשטימטער פּרייז ניט געווען: וויפיל דער באָס, איבערהויפּט מיס אגנעס פלעגט זאָגן, האָבן די מיידלעך אונטערן בייטש פון הונגער־דעפּרעסיע געמוזט ארבעטן. ווען א מיידל פלעגט פארשפּעטיקן פינף מינוט, פלעגט דער „טיים קיפּער" פאר איר צומאכן די טיר ביז נאָך מיטאג. אָפט פלעגט ביי די ארבעטער פארגנבענען זיך א געדאנק: ווען אימיצער זאָל אָרגאַניזירן די ארבעטער און ארויסרופן א סטרייק, דאן וואָלטן זיי מיט פרייד און געזאנג, ווי איינער פארלאָזן די פאבריק; אבער אזא געדאנק ארויסברייגען פון מויל האָט קיינער ניט געוואגט. די מורה פאר די שפּיאָנען, וועלכע פלעגן לויערן ווי שאקאלן איבער יעדן נייעם פּנים, וואָס פלעגט זיך באווייזן ארום פאבריק און גלייכצייטיק נאָכשפּיאָנירן די אַלטע ארבעטער, האָבן אונטער זייער דרוק אויסגעזען ווי נעבעכדיקע באַשעפענישן, אַז זיי אַליין פלעגן אויף זיך קוקן ווי אויף נישטיקע פּחדנים, ווי אַרויסגעשטויסענע פון לעבנס־ראָד. און זיי די פייגלינגס וואָלטן דאַרטן געהונגערט, געליטן, געזיפצט אונטער די שווערע לאַפּעס פון באָסעס און געשקלאַפּט אזוי לאנג ביז זייערע כחות וואָלטן זיך אויסגעשעפּט, דאן וואָלטן די באלעבאטים זיי ווידער ארויסגעשמיסן און ווידער פארביטן פאר אינגערע, געזינטערע הענט... אבער צופעליק איז פרידא, א יונג גרין מיידל, ניט

לאנג ביי דער ארבעט, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון באַלעבאָס ראָם צוליב איר העפטיקן פּראָטעסט, פארוואָס ער האָט זי איינמאָל אדומגענומען און געוואָלט א קוש טאָן.

די ארבעטער זיינען פון באָס ברוטאלע האנדלונג, ווי פון א היפּנאָז זיך אויפגעכאַפּט. אלע האָבן אנגעהייבן פילן סימנים, אז א נייע עפּאָכע קומט אָן און דער ערשטער שטוים וועט פירן צו וויי־טערדיקע, ברייטערע פּאסירונגען, און זיי האָבן מיט פיבערהאפטיקע אנשטריינגונגען געווארט אויפן מאָמענט, ווען אלע וועלן זיין איין איינהייט, ניט ווי צעוואָרפענע אויסגעטריקנטע ריטלעך...

3

פרידא איז שוין פון לאנג אָן געווען אנגעשלאָסן אין א יונג־ראדיקאלער אָרגאניזאציע. ארבעטנדיק ביי קאלזאק און ראָם פלעגט זי פון צייט צו צייט קומען אין נויארק און איבערגעבן וועסנאוון, דער פּאָרזיצער פון זייער אָרגאניזאציע, א פולן באריכט וואָס עס קומט פאָר דאָרטן אין פאבריק, און אויך אָט דער געמיינער אינצידענט מצד פון באָס איז דאָרט באריכטעט געווארן. און וועסנאוו אליין, א יונג־פייערדיקער אָרגאניזאטאָר פון דער „שווירט־מייקער יוניאָן", איז אהין אין געהיים געשיקט געווארן און דורך פיל טעג בעטנדיק זיך ביים באָס צו דער ארבעט איז אים מיט פיל שוועריקייטן קוים געלונ־גען אהין אנקומען ארבעטן.

וועסנאוו האָט פּאָרזיכטיק אנגעהייבן ביסלאכווייז אָרגאניזירן קליינע גרופּעס ארום זיך און מיט יעדער גרופּע פלעגט ער האָבן לאנגע שמועסן אין די פרייע מיטאגס־שעהן און נאָך דער ארבעט. זיין ארייג־קומען אין פאבריק האָט ווי א זון־שטראָל באלויכטן אלעמענס גע־מיטער: זיינע פריינטלעכע רייד און חברשע באציאונגען צו די מיט־ארבעטער ארום און זיינע טיף־לאָגישע באווייזע, אז זיי, נאָר זיי זיינען די אמתע בויער און באשאפער פון אלע וועלט־רייכטימער און א קליין צאָל פאראזיטן האָבן עס פארכאפּט אין זייערע בערישע לאפּעס

און האַלטן עס גאַנץ פעסט, אבער אַז די שעה וועט שלאָגן, און עס האַלט שוין דערביי, וועט דער ארבעטער אויפשטיין אַזוי ווי דאָרטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם שימל פון קנעכט־שאַפט און נקמה נעמען פון אַלע אונטערדריקער!

די ארבעטער פלעגן מיט האַלב־אָפענע מיילער, ווי פאַרגליווערטע שטיין און אויסהערן וואָרט אין וואָרט; לאַנג־לאַנג נאָכדיינקען, זיך אריינטראַכטן אין זיינע רייד — און קערנער פון האַס און רעוואָלט פלעגן פאַרזייט ווערן אין זייערע הערצער און מחות.

אחוץ זיין אָראַטאָרישע באַגאַבטקייט איז וועסנאַוו אויך באַגאַבט געווען מיט אַ שיין־לירישע טענאָר שטימע און שיינע זשעסטן, וועלכע האָבן צוגעגעבן חן צו זיינע רעדעס; דערצו האָט ער באַזעסן אַ שטאָ־לענעם ווילן און ניט געמאַכט קיין אָפּנויג פון דער אנגעצייכנטער ליניע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר דאָס ריכטיקסטע — און די אַלע אויסגערעכנטע מעלות זיינע האָבן מיטגעהאָלפן, אַז די פאַבריק־ארבעטער זאָלן אין אַ קורצער צייט, ווי דורך אַ מאַגנעטישער קראַפט, אָרגאַניזירט ווערן. און יעדער איינער האָט שפּאַנענדיק געוואַרט אויפן רוף פון סטרייק.

וועסנאַוו מיט זיין שאַרף־אינטעליגענט אויג האָט גוט אויסגע־שטודירט און גענוי אויסגעפאָרשט מיט אַנגעם עקספּלואַטאַטאָרישע האַנדלונגען צו די ארבעטער און דעם שקלאַפישן יאָג־סיסטעם, וואָס זי האָט איינגעפירט ביי דער ארבעט. ער פלעגט פיל מאָל באַמערקן ווי אַנגעם שטייט פון ווייטן, פאַרשטיקט הינטער אַן אייזערנעם סטאָלב און גיט אכטונג ווי די מיידלעך ארבעטן; און טייל מאָל לויפט זי צו, קריצט מיט די ציין, שרייט, זידלט זיך און גייט אָפּצוריק מיט שטאָלצע טריט און כמורנע, בייזע בליקן. און אַ פּאָר מאָל איז זי געשטאַנען פון ווייטן און נאָכגעקוקט ווי ער ארבעט; און ווען זיינע בליקן באַ־געגענען זיך מיט אירע, דרייט זי זיך דאַן אַוועק און ווערט פאַר־שוואונדן צווישן דעם ים ניי־מאַשינען און גייט מיט וואַזשנע טריט אריין אין „אָפיס".

וועסנאָוו האָט פיבעריש געוואַרט אויפן טאָג, ווען זיין אָרגאַני־זאַציע וועט אים הייסן רופן דעם סטרייק.

קיינעם פון די באָסעס איז ניט איינגעפאַלן, אַז דער איינפאַכער, „פּראָסטער" אַרבעטער איז אַן אָרגאַניזאַטאָר און אין געהיים אָרגאַ־ניזירט די פאַבריק. יעדער פּלאַן, יעדער באַוועגונג, אַפילו דער שטילער צוזאַמענריידן זיך מיט יחידים, איז אויך געווען מיט אַ סודר, מיט טאַקט, איבערגעדיינקט אַסך מאָל. און ווי קען עס זיין, אַז דער „שטי־לער" נויאַרקער בחור מיטן שטענדיק־פריינטלעכן שמייכל" זאָל זיין אַזאַ גוואַלדיקער בונטאַר, אַזאַ פּלאַם־פייערדיקער אַגיטאַטאָר, וואָס זאָל קענען מיט שטורם נעמען אַזויפיל אָפּגעשטאַנענע, אומבאַוואוסטזיניקע מענער און מיידלעך און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ דיסציפּלינירטע אייגהייט?

די באָסעס, פאַרבייגייענדיק לעבן וועסנאָוום ניי־מאַשין פלעגן אָפט שפּאָטישע בליקן אויף אים וואַרפן, ווי ריידנדיק: „אַזאַ גע־זונט־יונגער חברה־מאַן און שוויצט אין אונזער פאַבריק פאַר אַזאַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. געווים איז ער אַ בולוואַן, אַ אידיאָט!"

און פיל מאָל זיינען צו זיינע אויערן דערטראָגן געוואָרן ווערטער פון מיס אַגנעס, ווען זי פלעגט זידלען און שרייען אויף די מענער און מיידלעך: „איר מוזט טאָן וואָס מ'הייסט אייך! מיר זיינען די באַ־לעבאַטים איבער אייך. ווער רעכנט זיך מיט אייערע מיינונגען און פילונגען! אייך געפעלט ניט? טאָ גייט פון דאַנען! ווער דאַרף אייך דאָ!"

די אַרויסגעזאָגטע ווערטער פון אַ מיידל, וואָס דאַרף זיין, ווי געוויינלעך, מער טאָלעראַנט ווי אַ מאַן און מער פילנדיקער, פלעגן אים שניידן ווי פאַרסמטע פיילן אין זיין ברוסט און אין די מינוטן פלעגט ער אינסטינקטיוו פילן אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט, אַ מין ענטוי־שונג צו אַלע פרויען...

דאָך האָט וועסנאָוו באַשלאָסן זיך נעענטער באַקאַנען מיט מיס אַגנעס און זיך דורכשמועסן מיט איר, דערקלערן ווי ווייט מעגלעך אין אַ מילדן טאָן, אַז אַ סטרייק איז אומפאַרמיידלעך אין זייער פאַ־

בריק, אויב די לעבנס־באַדינגונגען פון די ארבעטער וועלן ניט אויס־געבעסערט ווערן. אָבער ווען און וואו מיט איר זיך טרעפן און צו איר ריידן האָט ער ניט געקענט באַשטימען. געוואַרט האָט ער אויף א גינסטיקער געלעגנהייט זיך טרעפן מיט איר פנים אל פנים. אָבער ווי אזוי האָט ער אליין ניט געוואוסט.

4

גענאָרג ריבאַלאָוו איז דער איינציק פּאָפּולערסטער מעדיצין דאָקטאָר אין יוניאָנטאַן, וואו קאָלזאַקס „שוירט פעקטאָרי" געפינט זיך. זיין אָפיס און פריוואַט־האָספּיטאַל געפינט זיך אין מעין סטריט. אחוץ זיין רייכע פּראַקטיקע, פאַרנעמט ער זיך אויך מיט ליטעראַטור. ער איז פון די געציילטע אידישע דאָקטוירים אין די אמעריקאַנישע שטעדט־לעך, וואָס האָבן ליב דאָס אידיש וואָרט. זיין פרוי דאָרע האָט אין דער יוגנט געענדיקט דעם אידישן ארבעטער סעמינאַר און ביז איצט איז זי א הייסע אַנהייגערן פון אלץ וואָס איז אידיש. אויך זייער איינציקע טאָכטער יהודית, א מיידל פון 18 יאָר, האָט אין זיך איינ־געזאַפּט די עסטעטיזם און גוטע מידות פון אירע עלטערן. זייער הויז איז דער צענטער פון אסך שטעדטלעך ארום פאר אלע קינסטלער און ליטעראַריש־קולטורעלע ליבהאָבער. צווישן זיינע אינטעליגענטע פריינט ציילט זיך דער אָרגאַניזאַטאָר און פּאָעט וועסנאָוו, מיט וועלכן ריבא־לאָוו האָט זיך באַקאַנט מיט א צייט צוריק אין נויאָרק ביי זיינס א פאַרלעזונג, און דאָ אין יוניאָנטאַן איז זייער פריינטשאַפט נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרן, און וועסנאָוו איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט אזא אינטעליגענט־סביבה, וואו פאַרברייגגען די פרייע צייט און צוזאַמען שרייבן לידער און דערציילונגען.

זונטיק. א שיינער הארבסט טאָג. די זון אין מיטן בלויען הימל וואַרפט אירע מילד־גאָלדענע שטראַלן אויף אלץ וואָס זי פאַרכאַפּט אין איר וועג, און די לופט איז מחיהדיק אנגענעם. דר. ריבאלאָוו מיט זיין קליין פאַמיליע און וועסנאָוו זיצן אין הויז, שמועסן איבער פאַר־

שיידענע טאָג־פראגן; זייער טאָכטער יהודית האָט נאָר וואָס פארענ־דיקט א פּאָעמע — איבערזעצט פון א מאָדערנעם אידישן דיכטער אויף ענגליש און זי לייענט עס פאר זיי פאָר. פאָטער און מוטער גיבן זייער בעסטן מיינונג, באמערקן אָבער דאָ און דאָרטן לייכטע טעותן. וועס־נאָי אָלס יונגער, ברוויזנדיקער דיכטער איז אנטציקט פון איר אייגנ־ארטיקן סטיל, קאָנסטרוקציע און פארבנרייכע שפּראך.

די שטימונג אין דער פאמיליע איז א געהייבענע: — אינספּירירט פון יהודיתעס פּאָעמע און פון דער ליכטיק־דרויסנדיקער פרימאָרגן זון, שלאָגט פאָר מאדאם ריבאַלאָוו, אז מ'זאָל מאכן א „רייד" און וויזן וועסנאָוון די שפע פון דער רייכער נאטור פון די בערגיקע פעל־דער און וועלדער, כדי קענען מאָלן נאטור־מאלעריי בילדער.

דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך ווי אויף „א קאטאָק" אויף „סטייט־ראָוט" ניין. די וועג איז גלאַט, פון ביידע זייטן פארפלאנצטע ביימער שוין מיט האלב־פארגעלטע בלעטער. אויטאָמאָבילן יאָגן זיך ווי טייוואָלים אויפן גלאטן נאָר וואָס פארענדיקטן ראָוט. עס שוועבן פארביי פעלדער, וועלדער, טייכלעך, פארמס; טשרעדעס פּאשען זיך דאָ און דאָרטן ביים וועג אָן א סודר. זיי זיצן אלע שטימונגספולע אין מאשין, איבערוואָרפנדיק זיך מיט קורצע שמועסן וועגן די וואונ־דערלעכע פּאנאָראמע, וואָס שווימט פארביי זייערע אויגן. פּלוצלינג איז ווי א וויכער אָנגעלאָפן אן אויטאָמאָביל, ארייגעלאָפן אין דר. ריבאלאָווס מאשין מיט א קראך און באלד א היסטערישער געשריי, פארהילכנדיק די לופט ארום.

ריבאלאָוו און וועסנאָוו זיינען גלייך פון מאשין ארויסגעשפּרונ־גען, זען וואָס דאָרטן איז געשען: א יונג־שיינע מיידל, די דרייווערין, איז האלב געזעסן באוואוסטלאָז מיט א פארבלוטיקטע רעכטע האנט. וועסנאָוו איז ווי א סטאַטוע שטיין געבליבן, ווען ער האָט אין דער פארוואונדעטער מיידל דערקענט מים אגנעס. דר. ריבאלאָוו איז אריין אין איר מאָשין, זי אָפּגעמינטערט און מאָמענטאל פארבאנדאזשירט איר האנט און געבראכט זי צו אים אין שפּיטאָל. דאָרטן האָט ער זי עקזאמענירט נאָך אמאָל און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן,

אַז די לייכטע וואונד אויפן האַנט איז געקומען פון שטיקלעך שויבן גלאָז וואָס דער צוזאַמענשטויס האָט פאַראורזאַכט.

ריבאַלאָוו איז געווען זייער הויז־דאָקטאָר און גוט געקענט די פאַ־מיליע קאַלזאַק, און געוואוסט האָט ער פון וועסנאָוון, וואָס ס'קומט פאַר דאָרטן אין פאַבריק, און ווי וועסנאָוו מיט דער הילף פון זיין אָרגאַ־ניזאַציע פּלאַנעווען פאַר אַ באַלדיקן סטרייק. און ריבאַלאָוו האָט די לעצטע טעג, ערב סטרייק געזוכט אַ וועג, ווי אַ פאַרמיטלער נעגטער באַקענען מיט אַנגעס מיט וועסנאָוו, — אפשר דורך איר איינפלוס רעאַגירן אויף איר פאָטער, אַז ער זאָל נאָכגעבן די אַלע פאָדערונגען, כדי אויסמיידן אַ לאַנגן קאַמף.

וועסנאָוו איז געזעסן אין פאַרלאַר, לעבן פענסטער, נאָכטראַכטנ־דיק דעם מאָדנעם צופאַל, וואָס האָט געבראַכט אַ לייכט־פאַרוואונדעטע אַנגעס צום דאָקטאָר אין הויז. פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען ווי צורי־סענע פעדים האָבן זיך געקנוילט אין זיין מוח. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט, אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַצירט איבערן גרויסן, שיין־מעבלירטן זאַל, צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק, דורכגעבלעטערט אַ פּאָר ביכער, געשטאַנען אַ ווייל, צוגעגאַנגען נאָכדעם צו אַן אַרטיסטישע בילד, וועלכע איז געהאַנגען אָפּגעזונדערט פון אַ ריי קלענערע בילדער, באַ־טראַכט עס אויבנאויפיק און זיך ווידער געזעצט לעבן פענסטער, צו־שאַרט ברייטער די טונקל־רויט זיידענע גאַרדינען און אַרויסגעקוקט אין דער שטילער, באַבוימטער גאַס, וואו דער „בלויער זונטיק" האָט געשאָטנט אויף דעם זעלטן־זעלטן פאַרבייגייער, הייזער, ביימער און פייגל... ער האָט ניט געהערט ווי אין זאַל זיינען שטיל אריינגעקומען אַנגעס מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט אין באַגלייטונג פון ריבאַלאָוו און זיין פרוי.

— חבר וועסנאָוו, וועסנאָוו! האָט דער דאָקטאָר אים פריינטלעך גערופן. וואָס אַזוי פאַרטיפט? אפשר אַ נייע טעמע פאַר אַ פּאָעמע אויפן געדאַנק? אפשר עפּעס אַנדערש?

וועסנאָוו האָט זיך בליץ־שנעל אַרומגעקוקט, אויפגעשטעלט, עט־

וואָס זיך פאררויטלט, ענטשולדיקט, אז ער האָט ניט באמערקט און ניט געהערט ווי זיי זיינען אריין.

ריבאלאוו האָט אים ענטשולדיקט.

— דאָס איז שוין אן אלטע שוואכקייט פון אלע יונגע פּאָעטן און דיכטער וואָס טראכטן א סך און שרייבן ווייניק... האָט דאָרע וויציק באמערקט.

— אָבער לאָמיר איך נענטער באקענען מיט דער פריילן, האָט ריבאלאוו ערנסט געזאָגט. איך וויים אז איר זעט זיך פון צייט צו צייט פון דער וויטן, אבער ביי אזא געלעגנהייט שאדט ניט זיין גוט און נאָענט באקאנט. חבר וועסנאוו, מיין גוטער פריינט א יונגער פּאָעט און מים אגנעס קאָזלאַק, האָט ריבאלאוו זיי פאָרגעשטעלט.

אגנעס האלב צוטומלט און דערשראָקן און דערשטוינט, האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויף וועסנאוון. דאָס ערשטע מאָל איז זי צו אים אזוי נאָענט, אבער ווי אנדערש ער איז, ווי אין פאבריק. דאָרטן אזוי ערנסט, א פארוואלקנטער פנים, און דאָ אין זאָל אזא ליבער חן אויסגעגאָסן; אזא קלינגנדיקע שטימע. זי האָט העפליך דעם קאָפּ א נויג געטאָן און אים די האַנט געגעבן.

דאָס ערשטע מאָל וואָס אגנעס האָט זיך אזוי פריינטלעך און מיט אזוי פיל רעספּעקט באצויגן צו אן ארבעטער. פארגנבטע בליקן האָט זי געוואָרפן אויף זיין שיין־סימפאטישן פנים און אויף זיין קאָפּ גע־קוילטע שווארצע האָר. אין זאָל האָט געהערשט א שטיל־שווייגן.

— מיר פארדריסט זייער און זייער, פריילן קאָלזאַק, וואָס איך האָב אייך געטראָפן אין אזא פּאָזיציע, האָט וועסנאָוו דער ערשטער איבערגעריסן דעם שטיל־שווייגן. איך האָב מיין טיפסטע סימפאטיע מיט אייך. א דאנק מיין פריינט דר. ריבאלאוו, וואָס ער איז אין צייט אָנגעקומען, אדער איר זיט אין צייט אויף אונז אָנגעפאָרן... האָט ער שפּאסיק באמערקט. אָבער איצט איז ניט די צייט ריידן דערפון. איר פילט נאָך דעם צוזאמענטרייסלונג, איר ליידט שמערצן און איר מוזט האָבן באלדיקע רו.

— מיר וועלן זיך נאָך זען און זען האָט אגנעס שטיל באמערקט

און נאָך פיל ריידן פון דעם פאַטאַלן צוזאַמענטרעפן. זי האָט אים אַ צווייטן מאָל העפלעך די האַנט געגעבן, געזאָגט גוד ביי און געבעטן דעם דאָקטאָר באַגלייטן זי אַהיים אין איר מאַשין.

5

ווענסטאָוו, ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט, האָט געאַרבעט ווי אַלע טאָג אָן ענדערונגען. די צייט פון סטרייק איז שוין געווען באַשטימט אויפן צענטן פון קומענדיקן חודש. די סטרייק־מאַשינערי איז שוין געווען אויסגעאַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט. די אַרבעטער זיינען שוין געווען גוט אָרגאַניזירט, אַז קיין ווידערשטאַנד וואָלט געקענט צו־ברעכן זייער ענגן קייט וואָס זיי האָבן אַרום זיך פאַרצאַמט.

אַגנעס נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט ווענסנאָוון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפע ביינקשאַפט. זי פלעגט אים אָפּוואַרטן אויפן זייטיק־איינזאַמען פעלד פון יוניאָנטאַן, ווען ער פלעגט גיין צום דר. ריבאַלאָוו. זייערע שמועסן פלעגן זיין די ערשטע טעג אַבסטראַקטע — ניט באַרירט קיין פאַבריק־פראַגן. ער האָט געוואָלט נענטער און נענטער מיט איר זיך באַפריינדן, און דאַן וועט ער רעאַגירן אויף איר — אפשר וועט זיין מעגלעך פאַרמיידן אַ קאַמף. אַגנעס אָבער האָט ניט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן, כדי איר פונק־ליבע זאָל זיך צוגליען, צוברענען און צופלאַקערן; זי האָט געפילט באַלד, אַז ווענסנאָוון איז איר וויכטיקער פון אַלץ. אַרויסגיין מיטן אמת, זאָגן אים אַז זי ליבט אים פלאַמיק, איז געגן איר מיידל־שטאָלץ, וואָס מוז אונטער די שווער־סטע אַנגסטן־צוימען אויפהאַלטן די פרויען־ווירדע ווי עס זאָל ניט ווייטאָן און אפילו שטאַרקע יסורים לײַדן... בפרט אַז זי איז די פאַרוואַלטערן פון פאַבריק און ער אַרבעט דאָרטן. שווייגן האָט זי אויך ניט געקענט, פלעגט זי פון צייט צו צייט אין אָפּגעהאַקטע, ניט דערזאָגטע ווערטער אַרויסווייזן אירע פילונגען צו אים... ווענסנאָוו, ווי שטאָליק און גראַדליניק ער איז געווען, האָט אויך געפילט אַ ניט־גלייכגילטיקייט צו אַגנעסן, אָבער ער האָט מיט כל אמצי כחות, ווי

א בונטאר, ווי א רעוואָלוציאָנערער יונגער פּאָעט פאַרשטיקט, קאָנט־ראָלירט זיינע געפילן...

— איר מוזט ניט ארבעטן דאָ ביי אונז, האָט אגנעס איינמאָל א שבת ביינאכט שטייענדיק מיט אים אין פעלד ווייט פון זייער פאַבריק, זיך געבעטן. פאַרלאָזט אונזער פעקטאָרי און איך וועל זען, אז אייך זאָל קיין זאך ניט פעלן... איך ווייס, אז איך וועל געשטערט ווערן פון מיינע עלטערן. און ווירקלעך, האָט זי ערנסט מיט פּאַטאָס גערעדט: מוזט איר מאכן א לעבן פון נישטיקע ארבעט? אזא יונג־שיינער אינטעליגענטער מאַן מיט באַגאַבטע איינגשאַפטן מוז שוויי־סיק פּראַצעווען? בנאמנות איך שעם זיך! נאָך מיין מיינונג זיינען די ארבעטער ארויסגעשטויסענע פון לעבנס־ראָד, די אומפּייאיקע מאכן א לעבן פון שווערע ארבעט; בכלל איז אן ארבעטער ניט קיין געבעד־טענער גאסט אין אינטעליגענטע קרייזן. א פאקט איז, אז יעדער אמע־ריקאנער וואָס קען אוים נוצן זיין פייאיקייט און שטארקן ווילן אנטלויפט פון שווער־פיזישע ארבעט. אימיגראַנטן ווי: סלאָוואקן, איטאַליענער, פּאָילאַקן, נעגערס און אסך־אסך איינפּאכע אידן ארבעטן. אָבער איר? ווי שעמט איר זיך ניט?!

וועסנאוו האָט געפילט ווי אנטלויפן ווייט פון איר ווי פון א מגפה איידער הערן די אויסגעדראָשענע שאַבלאָנע, בורזשואזע שטעך־רייד וואָס די אַלע פּוסט־און־פּאַסניקעם ריידן...

— איך פאַרשטיי ניט אייער שפּראַך, האָט וועסנאָוו אויפבראַוזנדיק ארויסגעקרעכצט: אדער איר זייט אזוי קינדיש־נאַאיוו, אגנעס, אדער מילד־גערעדט: אייערע ווערטער זיינען אזוי שפּאָטיש און פול מיט סאַרקאַזם און גאַל אויף די דאָזיקע, אונטער וועלכע שוץ־פליגלען איר באַהאַלט זיך; און די זעלבע וועלכע איר האַסט, האָבן פאַר אייער פאָטער און זייער גלייכן געבויט פאַבריקן, געבויט שיינע פּראַכטפולע היימען, אויטאָמאָבילן, געשאַפן פאַר אייך עלעקטרישע ליכט, אויפ־געבויט א וועלט מיט כל טוב און פאַר זיך? ווען ניט מיר, כ'מיין די מאַסן וואָס פּראַצעווען, וואָלט אמעריקע און די גאנצע וועלט בור־זשויען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט און זיך אומגעקערט צו דער

פרימיטיווער מדרגה ווי מיט הונדערטע יאָרן צוריק. מיר דארפן אייך שטעלן פראגן און וועלן שטעלן. און אונזער ענטשיידענער שלאָג־וואָרט וועט זיין: אז דער וואָס שאפט גאר ניט, דארף גאר ניט האָבן און צו מאָל ניט האָבן וואָס צו עסן. דער שאפער, דער בויער, דער פראָדוצירער, צו אים דארף געהערן אלץ וואָס די ערד פארמאָגט...

אנגעם האָט זיך גערויטלט, ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, געביסן די ליפּן און געשוויגן.

פון יענעם אָוונט אָן האָט זי אָנגעהויבן פילן גרויס רעספּעקט צו וועסנאָוון און איר פארבאָרגענע ליבע צו אים איז פלאמענדיקער געוואָרן פון שעה צו שעה.

זינט פון יענעם געשפרעך איז זי פיל אנדערש געווארן: שארפע ענדערונגען האָבן גענומען זיך מערקן אין אירע באַנעמונגען צו די ארבעטער, און איר גאנצער לעבנס־שטייגער האָט אָנגענומען גאָר אנדערע פאָרמען.

וועסנאָוו האָט אין איר אריינגעבלאָזן א הארציקן געפיל צו יעדן ארבעטנדיקן מענטשן.

אירע באציאונגען צו די ארבעטער זיינען געווארן פריינטלעכער, מענשליכער: פארגנבעט פלעגט זי אפּשטיין מינוטן לאנג פון וויטן און מיט ליידנשאפט קוקן ווי איר וועסנאָוו ארבעט. אין זיין יעדן זשעסט, אין זיין יעדן ריר האָט זי געזען ענערגיע, קראפט, א פעסטן ווילן און אפּערוויליקייט. און אויף אלע זיינע מעלות איז געלעגן אויסגעשפּרייט ימען מיט חן. און זי פלעגט זיך נאָכדעם פון וויט אָפּשטעלן דאָ און דארטן, באַאָבאַכטן, ווי שווייסיק די מענער ארבעטן ביי די פרעס־אייזנס, און אין הארצן רעאליזירן וועסנאָוום רייד. פלעגט אויך זיך צושאָרן צו די ניי־מאַשינען — שטיין פון וויטן און באָאָב־אכטן ווי די מיידלעך אויסגעמאטערטע, מיט בלאס־פארשוויצטע פּנימ־ער טרייבן מיט זייערע לעצטע כחות די ניי־מאַשינען און שלעפּן פּי־בעריש מיט ציטערדיקע פינגער פון נאָדל־שטאַנג די ווארע ארויס, כדי שנעלער פּטור ווערן פון באַנדל העמדלעך און זיך נעמען צו א צווייטן, צו א דריטן.

און אגנעס האָט אָנגהייבן פילן אַן ענדערונג אין זיך פון טאָג צו טאָג. ביז איצט האָט זי קיינמאָל אזוי בולט ניט באמערקט די אלע דעטאַלן וואָס האָבן איר ארומגערינגלט איר טאָג־טעגלעכן לעבן. אין יעדן זאַך האָט זי דערזען אין א פארגרעסערונג מאסשטאב, ווי ביז איצט איז פאר איר געווען אומבאמערקבאר. זי האָט אָנגעהייבן קוקן אויף די ארבעטער און אויפן גאנצן יאָג־סיסטעם פון פאָטערס פאבריק ווי אויף א „רעים טרעק„ פון ווילדע יעגער וואָס טרייבן אומרחמנות־דיק זייערע געהאָרזאמע פערד... דערווידער איז איר געוואָרן איר פּאָזיציע. זי האָט אויף זיך אָנגעהייבן קוקן, ווי אויף א ווייס־שקלאפן טרייבערין, האָט אָנגעהויבן בולטער זיך אריינטיפן אין די ארבעטאָרינס לעבן... דאָך פלעגט זי אויפשווידערן, ווען זי פלעגט זיך אריינטראכטן און אנאַליזירן וועסנאָווס לעצטע רייד: — אז היינט אָדער מאָרגן מוז אין פאבריק פּאָרקומען געשעעניש, — און געזען האָט זי ווי די נערוון ביי די ארבעטער זיינען אנגעצויגן.

די ארבעטער האָבן געארבעט מיט געשפאנטקייט, דערוואַרטנדיק טאָג נאָך טאָג נייס; אין לופט האָט זיך געפילט א פולווער אויפרייסט, — די מענער און פרויען זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגטער מער פארביטערטער, ווען פון אימעצן איז פארשפרייט געוואָרן א קלאַנג, אַז קאָלזאַק און ראָם גייען רעדוצירן די „ווידזשעס".

וועסנאָוו האָט געפילט, אַז איצט איז די פאסנדיקע צייט ארויס־רופן א סטרייק. ער האָט א פּאָר מאָל גערעדט צו אגנעסן, אַז זי זאָל אָנווענדן אלע אירע מעגלעכקייטן, כדי צו פארמיידן דעם קאמף. אגנעס האָט געפילט ווי זי פארלירט איר פארשטאַנד; זי האָט זיך געפונען ווי צווישן א פייער שפייענדיקע לאַווע און א ברויזנדן ים. וואוהין גיין? און מיט וועמען שטיין?

6

די געדאנקען זיינען ביי איר געווען קאָשמאַרישע. טרויעריק

האָט זי נעקוקט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג און יאושדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ניין, — האָט זי פּעסט אַרויסגעבראָמט, — איך קען ניט זיין איינשטימיק מיט ווּעסנאָוו. איך קען ניט! איך מוז שטיין מיטן פאָטער. איך מוז. איך טאָר נישט אַנדערש!

און זי האָט זיך צעוויינט . . .

מאָנטיק פרי. אַ גרויער האַרבסט־טאָג. אין די געציילטע גאַסן פון יוניאָנטאַן איז כמעט ווי יום־טובדיק. קיין סך אַרבעטער, אַ חוץ פון קאַלזאַק און ראַמס פאַבריק און נאָך אַ פּאָר אומבאַדייטנדיקע פּעק־טאָרים, זיינען דאָרטן ניטאָ. דערצו איז דער גרויער פרימאָרגן אַ רעגנ־דיקער. פון די שוואַרץ־טינטענדיקע וואָלקנס גיסן זיך ווי עמערס וואַסער און נעצן דורך די געציילטע דורכגייער ביז די נעט פון זייערע קליי־דער. אין די גאַסן איז רואיק, שטיל. אויסער אין דער גאַס וואו קאַלזאַקס פאַבריק שטייט קאָכט מיט ברויזנדיקן לעבן: אַ קאָמיטע פון צען יונגע מענער און פרויען טיילן ליפלעטס, רופנדיק אַלע אַר־בעטער צו אַ מאַס־פאַרזאַמלונג. אַלע ווי איין איינהייט מאַרשירט צום גרויסן „טאַון־האָל", וואו ווּעסנאָוו, אַ פאַרפלאָמטער, מיט אויגן, וואָס היפּנאָטיזירן די מאַסן, שטייט אויף דער פלאַטפאָרמע מיט נאָך עט־לעכע ניויאָרקער טוערס און אַדרעסירט די פאַרזאַמלונג. אין גרויסן „טאַן־האָל" איז שטיל, אַז מען הערט דאָס קלאַפּן פון די שטורמדיקע הערצער. אַלע זיצן געשפּאַנט, ניט פאַרלירנדיק קיין וואָרט פון דער פלאַם־פייערדיקער רעדע.

— איך בין פעסט אין גלויבן, — האָט ווּעסנאָווס שטימע גע־דונערט, — אַז קיינער פון אונזערע סטרייקער וועט ניט וואַגן פאַר־ראַטן די גאַנצקייט פון אונזערע קעמפער, און אפילו ניט וואַגן אָן דער צושטימונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע צו גיין נאָענט צו דער פאַב־ריק, וואו מיר האָבן אונזערע כחות און יוגנט אָפּגעגעבן אַ פּאָר פּאַראַזיטן — זיי רייך און רייכער געמאַכט; געשאַפן פאַר זיי אַלץ וואָס אַ מויל קען רעדן און אַליין געבעטלט די אָפּפאַל־ברעקלעך פון זייערע מיט כל־טוב באַלאָדענע טישן. מיט איינהייטלעכע כחות קענען

מיר באזיגן וועלטן, בפרט אזא עקספּלואַטאַטאָרישע פירמע ווי אונזערע, וועלכע האָט געזויגן אונזער בלוט און פלייש. די עפנטלעכע מיינונג פון דער אַרבעטער־פּרעסע איז דאָ, אין יוניאָנטאַון, איז מיט אונז און די פאַקטן זיינען שוין פאַר אונז דער ערשטער זיג. און געדיינקט, חברים, די מאָטאָ: אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע!"

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן און אַ באַגייסטערנדיקער הוראַ האָט ווי אַ קאַנאָנען־עכאָ אָפּגעהילכט ווייט און ברייט איבער די שטילע גאַסן פון יוניאָנטאַון.

אַגנעס איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצווייפלטע. די ערשטע טריבע שעהן פון סטרייק האָט זי נערוועז און בייז געציילט. די אָנגענעמע־גליקלעכע טעג וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט וועסנאָוון זיינען באַגראָבן אין אַ תהום; די גלי־פונקען האָבן נאָך שוואַך שעמערירט פאַר אירע אויגן און ווי געריפן, געלאָקט, געמאָניעט, זיך געבעטן: „דו קענסט נאָך די גלי־פונקען אויפלעבן, צעבלאָזן — פאַרוואַנדלען זיי אין אַ פלאַם־פייער, ווען דו גייסט דאָרטן, אַהין צו אים העלפן, פאַרגרינגערן. ענדער דיין מיינונג! גיי, גיי! באַזין זיך!" איר פאָטער האָט שוין קלאָר געוואוסט און געפילט, ווער דער אָנפירער פון סטרייק איז; ווער עס צעשטערט זיין גליק.

— ווי אַ הונט וועל איך אים דערשיסן! — האָט קאַזלאַק גע־גוואַלדעוועט און ביים קאָפּ זיך געכאַפּט — איך וועל אים אין פּריזאָן אַריינוואַרפן! איך האָב מאַכט: די פּאָליציי, דאָס געריכט איז מיט מיר, און דאָס איז „פּלענטי" . . . איך ווייס אויך, — האָט ער מיט די ציין געקריצט, — אַז דו, אַגנעס, האָסט צום טיפל דיין נשמה, דיין האַרץ פאַרקויפט. אָבער איך וואָרן דיך שטריינג: אַנטלויף פון אים, ווי פון אַ מגפה... דו זאָלסט ניט וואַגן אפילו טראַכטן פון אים... איך וועל זיך מיט אים רעכענען און רעכענען...

אַ פייער פון נקמה־דורשט האָט געברענט אין קאַזלאַקס אויגן. אַגנעס איז געווען באַזאָרגט פאַר וועסנאָוס געזונט און לעבן. נאָך ליבער און טייערער איז ער איר געוואָרן. פאַרשיידענע פּלענער פלעגן דורכבליצן אין איר מוח, ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם סטרייק צום

גונסטן די אַרבעטער. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע אויף פרעמדער ערד — ניט געקענט זיך אָריענטירן, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ווען נאָו איז געוואָרן איר „אַפּאָלאָ", אָן אים — זיינען אירע טעג גרוי־וואָכעדיק געוואָרן, און נאָכמער זיינען אירע גייסטיקע ווייען פאַרשאַרפט געוואָרן, ווען זי האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז זייער שאָופער טאָמאַס, אַ נעגער פון פינף און צוואַנציק יאָר, וואַכט איבער איר אויף יעדן טריט, און דער אויטאָמאָביל איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין „רשות", אַז אויב פאָרן מוז ער זי באַגלייטן. פון פאַרדרוס און אויפרעגונג איז אַגנעס קראַנק געוואָרן. פאַרצווייפלט זיינען אירע עלטערן געוואָרן, איבערהויפּט דער פאָטער, וואָס האָט אַגנעסן ליב געהאַט. ער האָט טעלעפאָנירט נאָך דר. ריבאַלאָוו. דער דאָקטאָר האָט זי עקזאַמענירט, דערקלערט די עלטערן, אַז איר האַרץ איז אָפּגעשוואַכט — צוליב שטאַרקע אויפרעגונגען, און די בעסטע מעדיצין איז נאָכגעבן אירע פאַרלאַנגען . . . ריבאַלאָוו האָט אויך צוגעגעבן, אַז פון האַרץ־שוואַכקייט קען זיך אַנטוויקלען ערנסטע קראַנקהייטן, אויב מען פאַרנאַכלעסיקט, און דאַן איז איר יונג־לעבן אין געפאַר... נעמענדיק איר טעמפּעראַטור האָט אַגנעס פאַרזיכטיק איבערגעגעבן ריבאַלאָוון אַ גוט צונויפגעוויקלט שטיקל פּאַפּיר, אַדרעסירט צו ווען נאָו . . . אַוועקגייענדיק האָט דער דאָקטאָר „שטריינג" אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל ליגן אין בעט אַ גאַנצע וואָך און נאָכדעם זאָל זי צו אים קומען פאַר אַ צווייטער אונטערזוכונג...

אַגנעס האָט מיט פיבערהאַפטיקער געשפּאַנטקייט געוואַרט אויפן באַשטימטן טאָג, ניכער זיין ביים דאָקטאָר אין הויז און דאָרט זיך טרעפן מיט ווען נאָוון. זי האָט געפילט מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה, אַז אָן אים איז איר אַלץ איבערדריסיק. אַגנעס איז קאַפּריזנע געוואָרן, ווי אַ קליין קינד. מאָנאָטאָן־גרוי האָבן זיך געצויגן טעג נאָך טעג. מיט ווען נאָוון האָט זי זיך באַגעגנט עטלעכע מאָל ביים דר. אין הויז. ער איז געוואָרן ערנסטער, האַרטער. זיין פריילעכע שטימונג פון פריער איז פאַרוואַונדן: זיין גאַנצע ענערגיע און ווילנסקראַפט און געדאַנקען־גאַנג איז געווען קאָנצענטרירט אַרום

סטרייק און ארום די ארבעטער. קאלזאק האט זיך עטוואס געבויגן: געוואלט נאכגעבן א פאדערונג — העכערן פינף פראצענט. וועסנאוו און פרידע, די הויפט־אנפירער, האבן דער פירמע געלאזט וויסן, אז אויב אלע פאדערונגען וועלן ניט נאכגעגעבן ווערן, וועלן די ארבעטער שטיין אין קאמף לאנגע חדשים. אין דעם „סטייטמענט" האט וועסנאוו קלאר געמאכט פאר די סטרייקער ביי א מאס־פארזאמלונג. און אלע ווי איין מאן האבן אים ענטוזיאסטיש אפלאדירט און איינשטימיק געפאסט א רעזאלוציע: פירן א קאמף ביז א פולשטענדיקן זיג...

7

אגנעס פלעגט זיך איינשליסן אין איר צימער און שעהנלאנג זיצן פארטראכט. אלע פארוויילונגען ווי: „ברידזש־פארטים", „סאשעל־פארטים", „רעסעפשאנס" און „בוירט פארטים" מיט אירע פריינדינס און נאענטע באקאנטע איז איר ניט געווען מער אינטערעסאנט. און לייענען ביכער, זשורנאלן, צייטונגען האט זי ניט געהאט קיין געדולד. אומעטום איז איר ענג געווען פון לאנגווייליקייט. וועסנאוו, דער פי־רער, דער העלד, איז געשטאנען סילועטיש פאר אירע אויגן, און אויף א מינוט ניט געקענט אפווענדן איר געדאנק פון אים.

— פארוואס ביסטו עקשנותדיק איינגעשפארט קעגן די סטרייקער און גיסט ניט נאך זייערע עלעמענטארע פאדערונגען? — איז איינ־מאל אגנעס פעסט צוגעשטאנען צום פאטער און ביטער געוויינט, — רואיניר ניט אונזער פאמיליע און לאז ניט פון הונגער אויסגיין אזויפיל מענער מיט ווייבער און קינדער, וואס א דאנק זיי זיינען מיר אזוי רייך געווארן. און געדיינק, אז זייערע קללות קענען אונז דערגרייכן... געדיינקסטו, פא, ווען דו ביסט אזוי ארים געווען ווי זיי? און גע־דיינקסטו דיין שאפ מיט די פיר מאשינען אין פיט סטריט, ניויארק? דערמאן זיך, ווען דו האסט געזאגט, אז נאר די ערשטע צען טויזנט דאלאר וועסטו באקומען, דאן וועסטו זיך טיילן מיט די פראפיטן גלייך אויף גלייך מיט די ארבעטער. און זע ווי די ביסט איצט!

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט דער פּאַטער מיט די ציין גע־קריצט און ווי אַ טיגער אַרומגעמאַרשירט איבערן צימער, — אַז דער ניויאָרקער „גאַי״ מיט די צעשויבערטע האָר האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי רעוואָלוציאָנעריש רעדן. ער וועט אַן אומגליק ברענגען אויף מיין הויז, און אַט זע איך מיין ערשטן קרבן אין דיר! אין פּריזאָן וועל איך אים אַריינוואַרפן, אָדער אינגאַנצן פון אים פּטור ווערן. נאָך אַ פּאָר טעג וועל איך וואַרטן... — און דערביי געקנוילט ציטערדיקע פויסטן.

אַגנעס איז ווי פון אַ גיפטיקן בים אויפגעשפּרונגען פון איר זיץ און מיט אַ היסטערישן קול אַרויסגעקרעכצט:

— אויב וועסנאָוון אין פּריזאָן פאַרשיקן, פאַרשיק מיך אויך. אויב אים שלעכטס טאָן, טו מיר אויך. איך בין די זעלביקע קעגנערין, פון סטרייק, ווי ער. אַ סוף מוז עס איצט נעמען. עטלעכע יאָר בין איך געהאָרכזאַם און בלינד נאָכגעגאַנגען אין דיין וועג און פאַרפירעריש נאָכגעפאָלגט אַלע אינסטרוקציעס פון דיין שותּף ראָם, מיט זיין זינדל ווילאַם ראָם; זיי האָבן מיין האַרץ און נשמה פאַרטעמפּט. אָבער אַ דאַנק וועסנאָוון זיינען מיינע אויגן איצט ברייט צעעפנט. איך זע איצט אַלזייטיק, וואָס פריער זיינען פאַר מיר געווען פאַרהוילט און פאַרנעפּלט. זיינע רייד זיינען ווי פון אַ הייליק־לעגענ־דארישן נביא: ס׳איז אמת אַז מיר געניסן אַל דאָס גוטס, אָבער דער אמתער־אמת איז, אַז מיר זיינען בעטלער, ווייל מיר לעבן פון די אַרבעטערס פּראַצע און האָרעוואַניע. זיי גיבן אונז אַלץ און מיר זיי גאָר ניט. פון זייער בלוט און שווייס געניסן מיר אַלע לוקסוסן, אָבער אַזאַ לוקסוס איז „היי ראַבערי״ און רויב איז איצט ניט אין מיין פּראָגראַם... און איך וויל באַטאָנען, אַז איך בין ווייט אַוועק פון יענע זיג־זאַגישע פינצטערע וועגן, וואָס דער יונגער ראָם — דער פאַר־מאַן — האָט מיך אַריינגעשלעפּט. איך שעם זיך... — זי האָט ניט פאַרענדיקט די פראַזע: אַ שטראָם טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלז. אַ פּאָר מינוט האָט געדויערט, ביז אַגנעס איז צו זיך געקומען און געקענט אָפּאָטעמען.

די מוטער איז צו איר צוגעלאָפן, דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער און בייזע בליקן געוואָרפן אויפן מאַן. קאַלזאַק איז געזעסן ווי אַ ווילדער, געשטשימעט די ציין, געטרייסלט מיטן קאָפּ און פּייקלדיק געקלאַפּט מיטן פינגער אָן טיש.

— אויף זיין זייט! ער האָט דיך איבערגעוואויגן, באַזיגט; די שטאָלצע אַגנעס ווייך געמאַכט ווי וואַקס, ווי אַ שמאַטע! יאָ. ביי דיר איז רעכט אונז רואינירן! רעכט? רעכט? דו שווייגסט!

אַ שוים האָט געשלאָגן פון זיין מויל, ער האָט טיף געצויגן דעם אָטעם.

אַגנעס האָט זיך עטוואָס באַרואיקט; געזסן אַ פּאָר מינוט, גע־קוקט פאַרטראַכט אין דער שטילער גאַס אַרויס, זיך אויפגעהויבן, צו־געגאַנגען נאָענט צום פאָטער און ווי ווייט מעגלעך קאָנטראָלירנדיק געזאָגט:

— פאָטער, איך גיב דיר אָן אולטימאַטום: אויב אין אַ פּאַר־לויף פון עטלעכע טעג, אַז דו וועסט זיך ניט באַראַטן מיט ראָמען און מיט זיין זון, און ניט נאָכגעבן די סטרייקער, דאַן שלים איך זיך אָן אין זייערע רייען און קעמפן קעגן דיר גלייך מיט זיי. און קעמפן וועל איך מער פאַרביטערט, מער ברויזנדיק, ווי אַנדערע סטרייקער, ווייל מיין האַרץ און נשמה זיינען פאַרסמט מיט ביטערע פילן פון געוויסנביסע און חרטה. יאָ, — האָט זי אַנטשלאָסן פאַר־געזעצט, — איך וועל קעמפן, ווי אַ באַוואוסטזיניקע טאָכטער קעגן אַ פאָטער אַ בורזשוי, — און איז איילנדיק מיט פאַררויטלטע באַקן אַרויס פון צימער.

8

דער יונגער ראָם האָט זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרבאָרגענער ליבע צו אַגנסן. זיין ליבע צו איר איז געוואָרן נאָכמער פלאַמענדיקער, ווען ער האָט די לעצטע צייט באַמערקט, אַז איר באַ־נעמונג צו אים איז געוואָרן פרעמד... אירע בליקן פלעגן אים

שטעכן און דאָך ציען ווי מאַגנעטישע פּייערן. און ער האָט געזוכט אַ גינסטיקע צייט איר פרעגן די ענדערונגען און דערקלערן ווי ער ליבט זי און ביינקט נאָך איר, האָט ער אָבער קיין מוט ניט געהאַט. ווען אַגנעס איז פאַרוואונדעט געוואָרן און איז נאָכדעם פּולקאָם געזונט געוואָרן, האָבן אירע עלטערן געמאַכט אַ פּאַרטי, דאַן האָט וויליאַם אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען ער איז געבליבן מיר איר אַליין. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און אָפּגעהאַקטע ווערטער איר דערקלערט, ווי ליב ער האָט זי און געוואָרט פּיבעריש, אַז זי וועט צושטימען און איר יאָ־וואָרט זאָגן. אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען זי האָט קאַטעגאָריש אַנטזאָגט אים, באַטאָנענדיק, אַז איר האַרץ איז ניט אַזוי ברייט צו קענען ליב האָבן צווייען . . .

זיין האַס צום אומבאַקאַנטן איז געוואָקסן פון שעה צו שעה. ער וואָלט יענעם דערשאָסן, דערשטיקט מיט זיינע לאַנגע שפּיציקע נעגל, ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווער איז יענער גליקלעכער, וואָס האָט געוואונען אַגנעס האַרץ . . . און דורך אַ צופאַל האָט ער איינמאָל באַמערקט, ווי אַגנעס שטייט פון ווייטן און שמייכלט אַזוי ליב־אָנגענעם, אַזוי רייצנדיק־זיס צום אַרבעטער וועסנאָוו. זיין אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט פון פאַרדרוס און זיין פּנים איז געל־בלאַס געוואָרן . . . פון יענעם טאָג אָן איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ לונאַטיק: באַקומען אָפּטע קאָפּ־שמערצן, פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט, און אָנגעהויבן זוכן פּלענער ווי פּטור ווערן פון וועסנאָוון. אָדער אַמווייניקסטן קענען פון אים נקמה נעמען. גיין מיט אים זיך „פּייטן", וואָלט וועסנאָוו מיטן ערשטן קלאַפּ וויליאַמען באַזיגט, איז אונטערגעשפּרונגען דער סטרייק און וועסנאָוו איז געוואָרן דער הויפּט־פירער. דאַן איז וויליאַם ראָם געפאַלן אויף אַ פּלאַן: פאָרן קיין ניויאָרק דינגען גענגסטערס און אָפּראַמען וועסנאָוון פון וועג. זיינע צילן זיינען געווען: ערשטנס, צונעמען אים פון „פּיקעט ליין", דאַן וועט דער סטרייק זיין פאַרלאָרן; צווייטנס, וועט אַגנעס במילא ביסלעכווייז אים פאַרגעסן. און מיטן שאָופערס הילף איז דער פּלאַן דורכגעפירט געוואָרן: פיר גענגסטערס זיינען געקומען פון ניויאָרק און ראָם האָט באַזאָרגט פאַר זיי אַ קוואַר־

טיר ווייט הינטער דער שטאָט ביי זיינעם אַן אַלטן פריינט, אַ פּאַרמער. טאָמאַס איז געקומען מיט זיין אויטאָמאָביל צום דאָקטאָר, געטראָפן דאָרטן וועסנאָוון און אים איבערגעגעבן אַ מינדלעכן „מעסעדזש״, אַז אַגנעס וויל אים זען און וואַרט אויף אים אין אַ געוויסן אָרט.

ניט פאַרדעכטנדיק קיין זאַך, איז וועסנאָוו מיט אַ שמייכל אַריין אין אויטאָמאָביל און געפאָרן מיטן שאָופער אַ היבשע שטרעקע, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום אָנגעגעבענעם פּלאַץ, לעבן אַ קליין איינציק שטיבל אין מיטן וואַלד, וואו אַרום און אַרום איז געווען טויט־שטיל. דיהאַלב־נאַקעטע צווייגן פון די הויכע ביימער האָבן עפּעס אַזוי טריב־יאַושדיק זיך געבויגן, געוואָיעט מיט פאַרשטיקטע שאַרפסקע־דיקע בלעטער פּאַטשען איינער דעם צווייטן, ווי, להבדיל, הונגעריקע מענטשן אין לאַנגע אָטשערעדן, אויסגעמוטשעטע פון הונגער און קעלט... ווי אומדערשראָקן און שטאַרק געבויט וועסנאָוו איז געווען, דאָך האָט ער אינסטינקטיוו אַ שוידער געטאָן און זיין לייב איז באַדעקט געוואָרן ווי מיט אַ מחנה מוראַשקעס. פאַרדעכטיק איז אים פאָרגע־קומען דער איינזאַמער אָרט, ווייט פון אַ לעבעדיקן ישוב. און דאָ זאָל אַגנעס אויסדערוויילן, וואו זיך טרעפן? אָבער לאַנג האָט ער ניט געקענט טראַכטן. אַרויסגייענדיק פון אויטאָ און שטעלנדיק זיך אויפן פייכטן גראָז, האָבן אים פּלוצלונג באַפאַלן פיר גענגסטערס, אַרויפ־געוואָרפן אויף אים אַ שווער־דיקן שאַל, געבונדן הענט און פיס און אַריינגעטראָגן אים אין שטיבל און דורך אַ הינטער־טיר עטלעכע טרעפּ־לעך אַראָפּ, אַרונטערגעטראָגן אים אין אַ פינצטערן טוכלען קעלער און געלאָזן אים ליגן אויף דער נאַקעטער ערד...

9

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ווי פריער. די ערשטע פּאָר טעג פון וועסנאָווס פאַרשווינדן, זיינען די סטרייקער געווען מיט דער מיינונג, אַז ער איז אַוועק מיט אַ שליחות אין נויאָרק און אויף מאָרגן וועט ער קומען צוריק. ווען עס זיינען פאַראיבער נאָך אַ פּאָר טעג זיינען די

אַרבעטער געוואָרן באַזאָרגט און אומרואיק. אויך אין אַ גערדיקטער שטימונג זיינען אַרומגעגאַנגען פרידע און פישמאַן, וועלכע האָבן צייט־ווייליק איבערגענומען די סטרייק־פירערשאַפט; זיי האָבן נאָך מיט מער פאַרביטערטקייט פאַרשטאַרקט די אייזערנע קייט אַרום פאַבריק... און נאָך אַ שטאַרקע איבעראַשונג האָבן די סטרייקער דורכגעמאַכט, ווען אין אַ פּאָר טעג שפּעטער אין אַ פרימאָרגן איז אַגנעס, זייער פאַר־וואַלטערין, איינפאַך געקלײדט, צוגעקומען צו די סטרייקער, באַגריסט זיך מיט זיי הארציק, און זיך אָנגעשלאָסן אָן זייער „פּיקעט ליין״...

— איך בין געקומען צו אייך, — האָט אַגנעס שאַרף באַטאָנט, און איר שטים האָט קלאָר אָפּגעהילכט אין דער פרימאָרגן־לופט, — וויל מיין גורל איז איצט פאַרבונדן מיט אייערן! איצט בין איך ניט מער יענע אַגנעס פון נעכטן — אַ נייע בין איך, אָקאָרשט גע־בוירענע! און איך וועל שטיין מיט אייך אין קאַמף, ביז איר וועט אַרויס די זיגער! ווען סנאָוס פאַרשווינדן האָט נאָך ענגער צוזאַמענ־געקניפּט מיך מיט אייך... און מיט אייער הילף וועלן מיר אָנ־ווענדן אַלע כחות אים צוריקברענגען אַ לעבעדיקן, אַ גאַנצן, אָט דאָ צוריק, אויף דער „פּיקעט ליין״...

— הוראַ פאַר חבר ווענסנאָוו! הוראַ פאַר שוועסטער אַגנעס! הוראַ פאַר חברטע פרידע! — האָט ווי קאַנאָנען־שאָסן פאַרהילכט די פרימאָרגן־לופט פון יוניאָנטאָון.

10

פרידע, אַגנעס און פישמאַן האָבן אָנגעהויבן זוכן שפּורן פון ווענסנאָוס פאַרשווינדונג, און ווי אַזוי אויסגעפינען דעם פאַרבאָרגענעם אָרט, וואו ער איז געפאַנגען. זיי האָבן געגעבן צו וויסן אַ דעטעקטיוו־ביוראָ, פּאָליציי און סתם זיינע גוטע פריינט פון ניויאָרק און פון יוניאָנ־טאָון. די „שוירט מייקערס״ יוניאָן האָט אָנגעבאָטן אַ סומע געלט דעם יעניקן, וועלכער וועט דער ערשטער געפינען ווענסנאָוון. דר. ריבאַלאָוו, זיין פרוי און יהודית האָבן אויך פרייוויליק זיך רעקרוטירט: זיי זייר־

נען ארומגעפאָרן איבער אַלע פּארדעכטיקטע ערטער אין שטעטל און אויסערן שטעטל, געפרעגט דאָ און דאָרטן, גענישטערט, געפּאָרשט — און אָן רעזולטאַטן.

אַ קאָמיטע פון דער „שוירט מייקערס" יוניאָן איז געקומען פון ניויאָרק, פּאַרפאָרן צו ריבאַלאָוון. באַלד זיינען אָנגעקומען אַגנעס, פרידע און פישמאַן. אַלע אינאיינעם האָבן זיך בעראַטן וואָס צו טאָן. ריבאַלאָוו האָט פאַר דער קאָמיטע קלאָר געמאַכט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז צו אים געקומען מיט אַן אויטאָמאָביל קאַלזאַקס שאָופער און איבערגעגעבן וועסנאָוון, אַז אַגנעס וויל אים זען. און פון דאַן אָן איז וועסנאָוו פאַרשוואונדן. דער פאַרדאַכט איז געפאַלן, אַז דער נעגער — טאָמאַס — איז פון אימיצן אונטערגעקויפט געוואָרן און ער האָט אויך אַ האַנט אין דער פאַרשווערונג. זיי האָבן באַשלאָסן זיך נעמען צום שאָופער און צוזאָגן אים אַ סומע געלט, ער זאָל אַלס דערציילן. אָבער די אַרבעט מוז געטאָן ווערן פאָרזיכטיק און פּלאַנמעסיק, אַז דער נעגער זאָל קיין פאַרדאַכט ניט האָבן. און וועמען אָנפאַרטרויען די גאַנצע אויספאָרשונג? איבערגעבן דעטעקטיווס, אָדער פּאָליציי, וואָלט דער גאַנצער ענין נאָך ערגער געוואָרן: אויב געננסטערס האָבן אַ האַנט אין דער פאַרשווערונג, מוז די אַרבעט געטאָן ווערן פאָרזיכטיק, ווען ניט — איז זיין לעבן אין געפאַר . . . פרידע האָט די גאַנצע אויספאָרשונג גענומען אין אירע הענט. געוואוסט האָט זי, אַז אַלע פאַרנאַכט גייט דער שאָופער שלאָפן אַהיים צו זיין מוטער, ערגעץ אין אַ הינטער־געסל פון יוניאָנטאַון. און די געלעגנהייט האָט זי אויסגענוצט. אויף מאָרגן פאַרנאַכט האָט זי אים אָפּגעוואַרט, פאַרשטעקט זיך אונטער אַ בוים, און ווען ער איז געווען ניט ווייט פון איר, איז פרידע אַרויס פון באַהעלטעניש, זיך אויסגעגלייכט מיט אים און געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג וואו ער. פּלוצים האָט זי זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. טאָמאַס איז געשווינד צוגעלאָפן צו איר, געהאָלפן איר אויפהויבן זיך און געוואָלט גיין זיין וועג.

פרידע האָט קאָקעטיש אים באַדאַנקט, פאַרפירט מיט אים אַ שמועס:

— דו קענסט מיך? — האָט זי אים געפרעגט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן.

— שור, — האָט טאַמאַס געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פון וואַנען? — האָט פרידע ווייטער געפאָרשט.

— איך זע דיך אַלע טאָג אַרום מיסטער קאַזלאָקס פאַבריק.

— און דו ביסט אויף מיר ברוגז, וואָס איך סטרייק און לאָז דיין באָס ניט ווערן רייכער?

— איך, ברוגז! איך — האָט ער נאַאיוו מיט די אַקסלען געצויגן און אַלע ווײַלע שנעל געאָטעמט, — אויף אַ ווייס מיידל ברוגז!...

— איך ווייס — האָט פרידע ניט פאַרענדיקט, און אים פאַר דער האַנט גענומען. זי האָט געפילט ווי זיין האַנט ציטערט פון אויפרעגונג, — זאָג מיר, — האָט זי אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, — דו ביסט נאָך „סינגל?"

— שור, — האָט ער פאַרשעמט געענטפערט, באַטראַכט איר מילד־שיין פּנים און גראַציעזע פיגור... — איך מוז זיין סינגל, ווייל דאָ אין „טאַון" זיינען ניטאָ קיין סך שוואַרצע מיידלעך מיט וועלכע איך זאָל קענען חתונה האָבן.

פרידע איז שוין אָפּגעגאַנגען עטלעכע גאַסן. דער וועג איז טונקל. וואו ניט וואו באַווייזט זיך אַ פאַרנעפּלטער גאַסן־לאָמפּ, וואָס שפּרייט נאָך מער מרה שחורה אין דעם איינזאַמען וועג... זיי זיינען צוגע־גאַנגען צו אַ פּאַנאַר. די ווייזערס פון איר האַנט־זייגערל האָבן געוויזן אויף ניין. זי האָט שוין געוואָלט גיין צוריק, אָבער זי מוז נאָך עטוואָס פאַרלענגערן איר ערנסטע ראָל, כדי אויף מאָרגן קענען פאָרזעצן און אפשר פאַרענדיקן.

— ווי וואָלט געווען, — האָט פרידע איבערגעריסן די שטיל־קייט, — ווען אַ ווייסע מיידל וואָלט מיט דיר וועלן חתונה האָבן?

— און געקוקט „ליבלעך" גלייך אין זיינע אויגן אַריין, — וואָלסטו געוואָלט?

— „שור" מייק, ווי נאַט? אַ ווייט גורל"! — איז דער שוואַרצער כמעט היסטעריש ניט מיט זיין קול אויסגעשריען און אונטערגעשפּרונגען פון התלהבות און זיך באַלעקט, — אָבער ווי אַזוי קען עס זיין, — האָט ער באַרואיקט שוין געפרעגט. און אין זיינע פּאָר ווערטער האָט זיך געפילט, ווי אַ רחמנות־געבעט און איז מרה־שחורהדיק געוואָרן... — איך וואָלט אָפּגעגעבן אפילו מיין לעבן, טאַקע באַלד פאַר אַ ווייס־מיידל... און איך וואָלט ווי אַ „סלייוו" איר שטענדיק באַדינט... אַ ווייס מיידל. „אָ, דזשיזוס"!!

פרידע האָט אַ וויילע געשוויגן, כלומרשט נאָכגעדיינקט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און גנביש באַמערקט ביים שיין פון פּאַנאַר, ווי דער שוואַרצער עסט זי מיט די אויגן און דאָס פּנים ביי אים ווערט באַצויגן מיט עטוואָס אַ געל־העלערן קאָליר... איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ. זי האָט זיך פאַר אים געשראָקן... און אַליין זיך אַ פאָרוואורף געמאַכט פאַר אַזאַ געוואַגטן טריט.

— „אָלרייט", — האָט פרידע ארויסגעזאָגט, פּאַסנדיק מוט, — דו געפעלסט מיר. מיר וועלן דערפון רעדן מאָרגן, — און איר האַנט אויף זיין אַקסל אַנגעשפּאַרט...

דער נעגער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט ווי פאַרשטיינערט, מיט אונמעכטיקע אַראָפּגעלאָזענע הענט. זיין גאַנצער קערפּער האָט ביי אים געציטערט...

פרידע האָט פון אים אַ פּאָר טריט אָפּגעטראָטן. טאָמאַס האָט זיך עטוואָס באַרואיקט און ווי אין אַ פיבער־קעלט קוים אַרויסגעשטאַמלט: — דו מיינסט עס ריכטיק? טאַקע? דו, אַ ווייסע מיידל? — ער האָט אירע פינגער געקושט און געוואָלט פאַלן קושן אירע שיך.

פרידע האָט אים אָפּגעהאַלטן. זי האָט אים אונטערן אָרעם גענומען, געפירט אַ קורצע וויילע, געבליבן שטיין ביי אַ צעשיידנס־וועג. באַשטימט אויף מאָרגן פאַרנאַכט זיך ווידער טרעפן. געזאָגט „גוד באַי" און איז שנעל אַוועק.

אויפן צווייטן טאָג פאַרנאַכט, ווען זי האָט ווידער באַגעגנט טאָ־

מאַסן אויפן באַשטימטן אָרט, האָט שוין פרידע געפּילט, אַז אויב טאָמאַס ווייסט פון וועסנאָווס פאַרשווינדונג, וועט ער איר, אפילו איבער זיין ווילן, מוזן אַלץ דערציילן.

גייענדיק מיט פרידען האַנט ביי האַנט האָט טאָמאַס אַ באַלעבּ־טער, פול מיט אינספּיראַציע, זיך געבעטן ביי פרידען: „פאַרלאַנג פון מיר עפּעס, שיינע מיידל; איך וועל אַלץ טאָן פאַר דיר: אפשר ווילסטו אַ רינגעלע, אַ „ריס־וואַטש״, אָדער עפּעס אַנדערש. זאָג? איך וועל — — — —״

— ניין, — האָט פרידע אים אָפּגעשטעלט, — אַלץ וועסטו מיר געבן שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה האָבן... איצט וויל איך עפּעס אַנדערש.

— זאָג, זאָג, — האָט זיך דער נעגער דערפרייט. און זיינע הענט אויסגעשפּרייט, ווי ווילק אַלץ אין דער וועלט פאַר איר טאָן...

— איך וויל זען וועסנאָוון, אָט דעם פירער פון קאַלזאַקס סטרייק, אים וויל איך זען.

— אים זען? אים? — האָט טאָמאַס זיך דערשראָקן, — נאָך וואָס?

— יאָ, אים! — האָט פרידע ווידערהאָלט, — איך וויל אָן אים „נקמה״ נעמען, פאַר אַרויסרופן דעם סטרייק, און „רואינירן״ דעם באָס מיט אַזויפל אַרבעטער...

דער שאָופער האָט אַ וויילע נאָכגעטראַכט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער צוגעשטימט, — דו האָסט רעכט, אויב נקמה נעמען אָן אים, בין איך גרייט מיט פאַרגעניגן דיר זאָגן וואו ער איז, און אפילו ווייזן היינט דעם אָרט...

פרידע איז שיעור ניט אויפגעשפּרונגען פון פרייד. ווען עס איז ליכטיק, וואָלט טאָמאַס באַלד באַמערקט די ענדערונג אויף איר פּנים און איר נערוועאישע געשפּאַנטקייט. און פּאַמעלעך גייענדיק האָט טאָ־מאַס אַלץ דערציילט, וואו וועסנאָוו געפינט זיך און ווי דער פאָרמאַן וויליאַם, און דער באָס ראָס און אויך איך האָבן אַלע זיך באַטייליקט אין וועסנאָווס „קידנעפּינג״...

— ווען עס איז ניט שפעט, וואָלט איך איצט געגאַנגען מיט דיר,
— האָט פרידע קוים פון פרייד אַרויסגערעדט, — אָבער לאָמיר שוין דעם וויזיט אָפּלייגן אויף מאָרגן. נו, וועל איך זיך פרייען, ווען איך וועל אים זען אַ געבונדענעם... אַ דאַנק, טאָמאַס, איצט זע איך אַז דו ביסט מיר שוין אמת געטריי. — זי האָט זיין האַנט געדריקט און מיט דער אַנדערער האַנט געגלעט זיין פּנים...

זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט נאָך אַביסל צייט, באַשטימט זיך טרעפן מאָרגן נאָכמאָל, און זיי האָבן זיך צעשיידט.

11

פרידע און דאָקטאָר ריבאַלאָוו האָבן טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי און דעטעקטיוום, וועלכע זיינען אַלע באַלד געקומען צום דאָקטאָר. די קאָמיטע פון די „שוירט מייקערס" יוניאָן איז געווען ביים דאָקטאָר אין הויז, ווען פרידע האָט רעפּאָרטעט די נייעס. אין צוויי אויטאָמאָבילן האָט די קאָמיטע אַריינגעזעצט צען יונגע, געזונטע סטרייקערס. די קאָמיטע אין אַ דריטער מאַשין. ריבאַלאָוו, אַגנעס, פרידע און פישמאַן זיינען געפאָרן פאָראויס, אָנווייזנדיק דעם אָרט, וואו וועסנאָוו איז געלעגן איינגעשפּאַרט שוין עטלעכע טעג. און נאָך אַ לאַנגער זוכעניש האָבן זיי אויסגעפונען דאָס פאַרוואָרפענע, איינזאַמע הייזל אין טיפן וואַלד, וואו צווישן צעפוילטע ברעטער, טרוקענע צווייגן איז געלעגן וועסנאָוו אַ געבונדענער, אַן אויסגעצערטער און טויט־שניידנדיק גע־קרעכצט...

די פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס הייזל, אַרעסטירט דעם אַלטן פאַרמער, זיין טאָכטער און נאָך צוויי פאַרדעכטיקע פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען אינעווייניק, און געגעבן אַן „אָרדער" די דע־טעקטיווס באַלד אַרעסטירן ראָם און ווילאַם ראָם און דעם שאָופער טאָמאַס.

אין עטליכע טעג שפּעטער איז וועסנאָוו פולקאָם געזונט געוואָרן און זיך דערפילט שטאַרק גענוג גיין אויף דער „פּיקעט־ליין" און אָנ־

פירן מיט מער פאַרביטערטקייט דעם קאַמף. דר. ריבאַלאָוו האָט געראָטן וועסנאָוון זיך אויסרוען נאָך אַ פּאָר טעג, אָנווייזנדיק אים אַז ער קען זיך גוט פאַרלאָזן אויף אַנגעסן, פרידען און פישמאַנען, וועלכע פירן אָן דעם סטרייק אין בעסטער אָרדנונג און די אַרבעטער שטייען קאַמפּס־לוסטיק ווי אין די ערשטע טעג.

וועסנאָוו האָט זיך אָבער געריסן צו דער „פּיקעט־ליין”, וויסנדיק אַז די סטרייקער דאַרפן אים האָבן.

פּלוצים איז אָבער אומגעריכט פאָרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג אין גאַנג פון סטרייק: אויף מאָרגן, ווען אַלע סטרייקער האָבן אַרומ־געמאַרשירט אַרום פאַבריק, האָט דר. ריבאַלאָוו באַקומען אַ טעלעפאָן פון קאַלזאַקן, אַז ער גיט נאָך אַלע פאָדערונגען פון די סטרייקער, פאַר־לאַנגט, אַז דער פאָרשטייער וועסנאָוו פון דער שוירט מאַכער יוניאָן זאָל סעטלען דעם סטרייק, אונטערשרייבן מיט אים אַן „אַגרימענט” און באַלד שיקן די מענטשן צו דער אַרבעט . . .

וועסנאָוו האָט זיך באַלד באַראָטן מיט דער קאָמיטע און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל גוטהייסן קאַלזאַקס פאַרלאַנג און מ׳זאָל איינלאַדן קאַלזאַקן צום דאָקטאָר אין הויז, ווייל קיין יוניאָן אָפיס איז נאָך אָפיציעל אין יוניאָנטאַן ניט געווען, דאָרטן אויסאַרבעטן אַלע פונקטן און מ׳זאָל פייערן דעם גרויסן זיג . . .

דראַמאַטיש־טראַגיש איז געווען דאָס בילד, ווען די עלטערן — קאַלזאַק מיט זיין פרוי — האָבן זיך באַגעגנט מיט זייער טאָכטער אַג־נעס, וועלכע זינט זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די סטרייקער, די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט פרידען אין אַ האָטעל. די מוטער האָט פון איבעררעאַשונג און פרייד געוויינט די טרערן. קאַלזאַק האָט זיין טאָכטער געאַרעמט און געקושט און וועסנאָוון מיט רעספּעקט די האַנט געדריקט. אַלע האָבן זיך געזעצט אַרום טיש. וועסנאָוו האָט דיקטירט די פונקטן און דער אַגרימענט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און אונטער־געשריבן געוואָרן פון ביידע צדדים.

— איצט זע איך, — האָט קאַלזאַק פריינטלעך געזאָגט, — אַז אַ יחיד איז אוממעגלעך צו קעמפן מיט אַ רבים. דער יחיד מוז פרוי־

ער אָדער שפּעטער טייער באַצאָלן פאַר זיין טאַקטלאָזיקער געוואַגטקייט און מוז פאַלן נאָכדעם אין שלאַכטפּעלד אַ צעדריקטער, אַ שווער־פאַרוואונדערטער... עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, וואָס איך האָב אַגנעסן פריער ניט געפאָלגט. איך זאָג עס אָפן... אָבער איצט איז אַלץ געענדיקט און זאָל ביי אונז הערשן פרידן... איך, יונגערמאַן, בעט איך, — האָט קאַלזאַק צו וועסנאָוון זיך געווענדט, — פאַרגעסט די פאַרגאַנגענהייט, ווייל מיר דאַרפן איצט לעבן בשלום, צוליב מיין טאָכטערס גורל, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט אייערן... און — — — —
קאַלזאַק האָט זיך פאַר אַ ווייל אָפּגעשטעלט: טרערן האָבן אים גע־וואָרגן אין האַלז. ער האָט זיך באַרואיקט און פאָרגעזעצט, — איצט, קינדער, קומט ביידע צו מיר. לאָמיר אַלע פיר פאַראייניקן זיך אונטער איין שוץ־פליגל פון אַ געטרייער פאַמילע...

קאַזלאַק און זיין פרוי, אַגנעס און וועסנאָוו האָבן זיך אויפ־געשטעלט. קאַזלאַק האָטביידן פאַר די הענט גענומען און אַ מיט אַ געבראָכענעם קול זיי געוואונטשן גליק און דערפאָלג אין זייערע אַלע וועגן...

די מוטער האָט היסטעריש זיך צעוויינט.

— באַדאַרפט דאָס טאָן מיט וואָכן צוריק. זע, ווי אונזער אַגנעס איז אויסגעמאַטערט, בלאַס זע, ;די בלויע רעדער אונטער אירע שיינע אויגן, זע, זע — — — —

די קאָמיטע, ווי שטאָליק אויסגעהאַלטן און פאַרביטערט זיי זיי־נען געווען קעגן קאַלזאַקן, האָבן געפילט ביי דער דראַמאַטישער סצענע פאַרגעסן, פאַרגעבן דעם בורזשוי־אידן, וואָס האָט געלאָזן הונגערן אַזויפיל סטרייקער לאַנגע וואָכן... די דראַמאַטיש־רירנדיקע סצענע איז געווען אַזוי בולט־רעאַליסטיש, אַז קיין „סטאַר"־אַקטיאָר וואָלט ניט בכח געווען נאָכשפּילן, אימיטירן אָט די פון לעבן־גענומען רעאַליסטיש בילד... און די קאָמיטע האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט דעם קלימאַקס פון „לעצטן אַקט".

— יאָ, — האָט פרידע אין דער שטיל אַ מורמל געטאָן צו פיש־

מאַנען און צו דער קאָמיטע, — איך מוז צוגעבן אַז אפילו אַ באָס האָט אויך אַ האַרץ און פילונגען...

— איצט וויל איך נאָך איין קלייניקייט, — האָט קאַלזאַק זיך געווענדט צו וועסנאָוון, — איך דאַרף און מוז האָבן אַ פּייאַיקן פאַר־וואַלטער ביי מיר אין פאַבריק, ניט אַ פאַרוואַלטער פאַר אונטערדריקן די אַרבעטער, נאָר פּשוט פירן מיין פעקטאָרי אין אָרדנונג, אַז די „ביזנעס זאָל שטייגן"... און איך האָב זיך איבערצייגט אַז דו ביסט אַ פּייאַיקער און פּאַסיקער פאַר אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע. דו און מיין טאָכטער אָננעם וועלן פירן מיין געשעפט. און פאַרגעסט נים, אַז איך בין שוין נים קיין יונגערמאַן, — האָט ער באַדייטונגספול זיי באַטאָנט...

פרידע פישמאַן און די קאָמיטע האָבן מיט שפּאַנונג געקוקט אויף וועסנאָוון, דערוואַרטנדיק זיין ענטפער.

וועסנאָוו האָט אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן, נאָכדעם אָנגענומען אַן ערנסטע פּאָזע.

— איך דאַנק אייך, מיסטער קאַלזאַק, פאַר אייער גוטער מיי־נונג וואָס איר האָט וועגן מיר און פאַר די צוגעזאָגטע פּערספּעקטיוון. מיין גרעסטע באַלוינונג, — האָט ער שאַרף און קלאָר אַרויסגעזאָגט, — איז וואָס דער לאַנג־פאַרביסענער קאַמף איז געוואונען געוואָרן.

און צווייטנס, וואָס אונזערע פאַרביסענע שונאים: מיסטער ראָם און זיין זינדל וויליאַם ראָם און דער אידיאָטישער שאָופער ליגן איצט אונטער ריגל און אייזן פאַרשפּאַרטע; און נאָכמער די עפנטלעכקייט איז געווען אויף אונזער זייט. אָט אַזעלכע אַרבעטן זיינען מיינע באַ־לוינונגען. און דער איצטיקער זיג אינספּירירט מיך ווייטער אָנגיין מיט קאַמפן, סיי דורך רעדן, סיי דורך שריפט, פאַר אַ בעסערן און שע־נערן אַרבעטער־לעבן דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און וועגן אַ פאָרמאַן־פּאָזיציע ביי אייך אין פאַבריק איז פאַר מיר אַזאַ מעגלעכ־קייט ווי אריבערשפּרינגען דעם ים הגדול. און בנוגע אָננעסן פרעגט זי.

אגנעס האָט געקוקט מיט רחמנות־אויגן אויפן פּאָטער און איר קאָפּ אויף זיין אַקסל אַנגעשפּאַרט.

— מיר טוט זייער לייד, פּאָטער, — האָט זי שטיל באַמערקט. אַז דיין אַגנעס איז ניט מער ווי נעכטן . . . איך קען ניט זיין מער, ווי איך בין געווען: וועסנאָווס ליניע איז מיינע. זיין אידעאָלאָגיע איז מיינע... איך גיי איצט אין וועסנאָווס וועגן — און זיינע מיינונגען זיינען מיינע... דאָך וועל איך אַלס קינד אייך בלייבן שטענדיק געטריי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן האָבן אַלע ארבעטער פון קאַלזאקס פאַבריק מאַרשירט איבער דער „מעין־סטריט" פון יוניאָנטאָן מיט אַ גרויסן אָרקעסטער מוזיקאַנטן און מיט פּלאַקאַטן, געבנדיק צו וויסן דעם עולם, אַז דער לאַנג־פאַרצויגענער קאַמף פון קאַלזאַקס פאַבריק איז פאַרענדיקט מיט אַ זיג פאַר די ארבעטער. פון דער הויפּט־גאַס עטלעכע געסלעך אַוועק זיינען זיי צוגעקומען צו דער פעקטאָרי און מיט געזאַנג אַריינגעמאַרשירט אינעווייניק.

וועסנאָוו מיט דער קאָמיטע פון ניויאָרק האָבן געעפנט אין יוניאָנטאָן אַן אָפיס — אַ ברענטש פון דער „שווירט מייקערס" יוניאָן. פרידע און פישמאַן האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן פאַרוואַלטן דעם אָפיס און טאָן אָרגאַניזאַציע־ארבעט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער שאָפּ־פּאָרזיצער מיט אַ קאָמיטע פון קאַלזאַקס פאַבריק אַראַנזשירט אַ באַנקעט לכבוד וועסנאָוון און אַגנעסן. און נאָכן באַנקעט האָט די גאַנצע פאַבריק ארבעטער באַגלייט זייערע געסט מיט מוזיק און געזאַנג צו דער באַן אויף זייער רייזע קיין שיקאַגאָ, וואו זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אָנפירן אַ גרויסן סטרייק.

אַ ווייס-רויטער פּלאַקאַט

(אַ מתנה צו מיין טאָכטער און צו מיין איידעם — סאָפיע און פיליפּ)

היינט איז די זילבערנע חתונה ביי די בעגונס. היינט האָט פּרוי בעגון מגלה געווען אַ סוד איר מאַן, אַז זייער טאָכטער אַראַנזשירט אַ סורפּריז־שמחה לכבוד דעם פינף און צוואַנציקסטן יובילײַ פון זייער חתונה. בעגון האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס סודותדיק קומט פאָר צווישן ווייב און טאָכטער: ער האָט באַמערקט ווי זיי שושקען זיך אַלעמאָל און וואַרפן פאַר׳גנב׳עטע בליקן אויף אים ווי: ש־ש־ש־ש־ש! דער פּאַפּאַ זאָל למען השם ניט וויסן פון דעם, אַ געהיימניס זאָל עס בלייבן צווישן אונזביידע, ביז ער וועט זיין ביי מיר אין הויז.

די געטרייע ווייב אָבער האָט דעם סוד ביי זיך ניט געקענט האַלטן, צופיל שמחהדיקס איז אין אַ האַרץ־כּלי, מ׳מוז אַביסל פרייד איבערגיסן.

בעגון האָט געוואוסט אַז די זילבערנע חתונה איז שוין אויפן שוועל און זי קלייבט זיך מיטן גאַנצן שוואונג און אימפּעט אין הויז אַריין:

ער אָבער האָלט ניט פון אַזאַ צערעמאָניע, און סתם האָט ער ניט געוואָלט אַרויסגיין אין דער עפנטלעכקייט, מ׳זאָל וויסן אַז ער איז שוין פאַרהייראַט פינף און צוואַנציק יאָר. עפּעס שמעקט שוין מיט האַלב־פאַרגעלטע בלעטער. האַרבסט־יאוש און סמנים פון באַלדיקן ווינטער־אָנקום...

בעגון וויל נאָך אַלץ אויסזען יונג, פריש: שטייט נאָך שמייכ־לענדיק ביים שפּיגל מינוטנווייז, גלעט די באַקן, פּרובירט „מאַסאַזשירן" די קנייטשן אונטער די אויגן, אפשר וועלן זיי פאַרגיין, מאַכט חנ׳עור־דיקע גרימאַסן: זיין קליין קעשענע־שפּיגעלע איז נאָך אַלץ זיין „אינטימער פריינט".

און ווען ער איז מיט זיך אַליין, טראַכט ער נאָך פון אַ פּאָר באַקאַנטע, מיט וועלכע ער מאַכט אָפּט „גר־גו־אויגעלעך" און ער דערציילט זיי וואויל־יונגעריש שאַרף וויציקע פּיקאַנטע מעשה׳לאַך...

און בכלל וואָס הייסט עלטער? ער פילט נאָך אין זיך דעם לעבנס־ציטער, ווי גאָר אַ יונגערמאַנטשיק. זיין ריי צו דער אַלט־סטאַנציע איז נאָך מיילן און מיילן — — — ער האָט נאָך אַ ווייטע דיסטאַנץ . . . אַלט ווערן פאַרשפּעטיקט מען ניט, דערצו האָט ער אַ שטאַרק־שטאַליק געדולד . . .

און פאַרקערט, אַז זיין טאָכטער אַראַנזשירט יאָ אַ סורפּריז־שמחה, זאָל זי. מילא. און ווידער: דאַרף מען זיך שעמען מיט אַ זילבערנע חתונה?

ווער וויל עס ניט ווערן אַלט און עלטער, אפילו צו דערלעבן צו דער גאָלדענער חתונה? יאָ, מיין געטרייע ווייב, האָט בעגון געשמייכלט, אַ דאַנק דיר פאַרן סוד. איך מאַך זיך ניט וויסנ־דיק, און באַסטאַ!

ער איז צוגעגאַנגען צום וואַנט־שפּיגל זען צי מען דאַרף זיך אָפּראַזירן.

— אַ דאַנק דיר, גאָט! — האָט פרוי בעגון געמורמלט און שטראַלנדיקע בליקן דורכן פענצטער צו די ווייטע ווייטקייטן גע־שיקט. — פינף און צוואַנציק יאָר איינעם אונטער איין דאַך און איינער דעם אַנדערן ניט מיאוס געוואָרן — דאָס אַליין איז אַ גרוי־סער נסיון און אַ געוואַלדיקע געשעניש, וואָס מוז גראַטולירט ווערן אין דעם אויסדרוק פון אַ שמחה, בפרט אונזער געטריישאַפט און ליבע איז נאָך אַזוי פריש־צאַפּלדיק, ווי אָקאָרשט ניט לאַנג חתונה געהאַט. אויף נאמנות, — האָט די פרוי שטיל פאַרגעזעצט דאָס

מורמלען — ס'ווילט זיך נאָך ניט גלויבן, אַז מיר שטייען שוין מיט ביידע פיס אויפן מיטן פונקט פון אונזער לעבנס־וועג און אַ פּאָר טריט ווייטער איז שוין בארג אַראָפּ . . .

מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעטאָן יומטובדיק. די פרוי האָט קאָקעטיש זיך אויסגעדרייט צום מאַן מיט דער רעכטער באַק, וואו אַ חן־גריבעלע איז געווען רונדיק געפורעמט, און צובייסנדיק די אונטערשטע ליפּ, מילדיק אַ פליסטער געטאָן:

— נו, מיין „סוויטהאַרט״, ווי געפעל איך דיר איצט?

— זייער סימפּאַטיש און חנ'עוודיק פאַר די יאָרן, — האָט דער מאַן שטימונגספול געשמייכלט, און מיט געטריישאַפט זי פאַרן האַנט גענומען און ליבלעך אין די אויגן געקוקט.

זיי האָבן באַשטימט די צייט וויפיל מ'זאָל אַרומשפּאַצירן אין גאַס, און ווי לאַנג מ'זאָל פאַרברענגען ביי זייערן אַ באַקאַנטן און אַרום ניין אַזייגער זאָלן זיי זיין ביי זייער טאָכטער. — — —

ביי דער טאָכטער אין הויז טומלט, רעשט, צוגרייטנדיק אַלץ צו דער יובילעי־שמחה. צוויי לאַנגע טישן שטייען סערווירט מיט אַלערליי פרוכטן, טאָרטן און שיטער־צעשטעלטע פלעשלעך משקה. אַ גרויסער בוקעט פון רויטע און ווייסע בלומען שטייט אין מיטן טיש, אַראָמאַטיש אָנפילנדיק די גאַנצע הויז. דאָס גרויסע וואַנט־בילד פון אירע עלטערן איז באַפּוצט מיט לעבעדיקע בלומען און אויך אַ ווייס־זילבער פּאַפּיר מיט רויט־מאַטאָווע בוכשטאַבן אָנגע־שריבן: „מזל־טוב צום 25 יעריקן יובילעי פון אייער חתונה!״

געסט זיצן און שטייען אַרום די טישן, שמחהדיק שמועסן זיי איינער מיטן צווייטן און די הילכיקע זאָרגלאָזע געלעכטערס און געזאַנג פון די קליינוואַרג גיסן זיך צוזאַמען אין אַ קאָמבינאַ־ציע פון קלאַנג, ריטם און הענט־פּאַטשעריי. אין הויז איז העל־ליכ־טיק. אַלע געסט וואַרטן אומגעדולדיק אויף די יובילאַרן. דער איידעם, דער גאַנצער טאָן־געבער און וואָרט־פירער פון אָוונט, האָט אַרויסגעשיקט אַ פריינט אין גאַס אכטונג געבן צי די בעל־שמחות גייען שוין, און ווען זיי וועלן אַריינגיין אין קאָרידאָר, אַרויפ־

שטייגן אויף די טרעפּ צו דער טיר, ווען פון פריינט אַ סיגנאַל געגעבן ווערן און כהרף־עין — שטאָק־פינצטער אין דער וואוינונג — שאַ־שטיל, קיינער איז אין הויז נישטאָ. ווען אָבער די טיר וועט זיך אָן עפן טאָן, זאָל די פינצטערע וואוינונג אויפברויזן מיט לעבן: אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי, הילכיקע טרומייט־סיגנאַלן, גלעקלעך־קלאַנגען און העלע עלעקטריק־ליכט מיט אויסגעשרייען: מזל־טוב! טייערע געסט! עס זאָל אויסזען ווי אַ מחנה גייסטער יום־טובדיק אָנגעטאָן האָבן זיך פּלוצים פון ערגעץ אַ יאָוועגעטאָן, און אַ כאַפּ טאָן די יובילאַרן פאַר די הענט און וויכעריש שוועבן מיט זיי אַ טאַנץ־קאַראַהאָד . . .

אַ פּאָר שעה שפּעטער זיינען די בעגונס צוגעקומען צו זייער טאָכטערס וואוינונג. די אַלע קאָמיש־טומלדיקע שפּיליירייען, דער גאַנצער „פּראָגראַם־שטיפעריי", ווי עס איז אַראַנזשירט געוואָרן, איז דורכגעפירט געוואָרן, ווען די יובילאַרן האָבן זיך באַוויזן אין טיר. בעגון פון פּלוצימדיקער איבערראַשונג, האָט, כלומרשט, ביי דער לינקער ברוסט זיך געכאַפּט און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויף דער טאָכטער, אויפן איידעם, אויף די געסט און אויף די סערווירטע מיט בלומען טישן, געהויבן די אַקסלען, כלומרשט ניט געוואוסט פון שרעק וואָס אַרום אים קומט פאָר. אַלע געסט האָבן געקוקט אויף די יובילאַרן, הילכיק אַפּלאָדירט און האַרציק געלאַכט . . .

אַ קורצע ווײַלע שפּעטער, ווען די בעגונס האָבן זיך באַרואיקט האָבן זיי זיך צעקושט מיט דער טאָכטער און איידעם, אַלע גוטע פריינט האַרציק די הענט געדריקט און פון פרייד האָט פרוי בעגון טרערן געווישט.

מאַן און ווייב האָבן זיך געפילט גליקלעך: 25 יאָר אַ פאַרהייראַט לעבן! אַ פערטל יאָר־הונדערט צוזאַמענגעקניפּט מיט אַ פעסטן באַנד פון ריין־זיידענע פעדים, פעדים, וואָס זיינען ביכולת נאָך שטאַרק־ענגער האַלטן צוזאַמענגעבונדן מאַן און ווייב, אפילו נאָך 25 יאָר און אפשר נאָך 50? ווער ווייסט? און וויפיל איז מען

צוזאַמען אין די 25 יאָר דורכגעגאַנגען שפּיציק־שטיינערנע בערג, זומפּיקע טאָלן, בלאָטיקע זיגזאַגיש־פאַרדרייטע וועגן: מײַלן און מײַלן באַלאָדן מיט צער, זיפצן און טרערן! די געטריישאַפט און איבערגעבנהייט איינער צום צווייטן איז אָבער ניט געמינערט און אומבאַפלעקט געבליבן — קלאָר ווי אַן אויסגעלײַטערטער הימל אין אַ שיינער זומער־נאַכט און פריש־צאַפּלדיק, ווי אין די ערשטע חדשים פון זייער יוגנט־ברען איז זייער ליבע . . .

שוין חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. שיינע, גרויסע, געבילדעטע קינדער דערצויגן: שוין היפּשלעך דורכגעשפּרייזט די „קלאָדקע״ פון לעבנס־וועג, דאָך בולטע סימנים פון פאַרגאַנגענער שיינקייט שפּיגלען נאָך אין זייערע ביידנס באַקן, און זיי ווילן בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט די מחשבות, אַז דער פּראָזאַאיש גרוי־עלטער שטייט שוין ביים שוועל און קלאַפּט פיבעריש־האַסטיק אין טיר . . .

פרוי בעגון זיצט לעבן מאַן אַ שטראַלנדיקע פון פרייד. די אַלע קינדער אַרום זיי פריילעכע, לאַכנדיקע. פריינט ווינטשן זיי לאַנגע יאָר פון פּרוכטבאַרע אַרבעט און דערלעבן די גאָלדענע חתונה. זי פאַרמאַכט מיט די הענט די אויגן. מיניאַטור בילדער פון ווייטן עבר לויפן פאַרביי אירע מחשבות שנעל, ווי אַ ראַדיאָ־כוואַליע און די בילדער באַוועגן זיך האַסטיק, שוועבן ווי לעבעדיקע פּאַנאָראַמעס איינס נאָכן צווייטן אין גרויע פאַרבן און קאָלירן. —

— —

ערשט איינגעאָנצן אַ פּאָר חדשים באַקאַנט מיט בעגונען. גלייך האָט זי דערפילט, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע בחורים, וועלכע זי האָט באַגעגנט. אַ מאָדנער צופאַל האָט מיטגעהאָלפן צוזאַמענטרעפן זיך מיט אים.

אַ זומער פאַרנאַכט איז עס געווען. זי שפּאַצירט אויף קיע־ווער גאַס. אויף אַ טעלעפאָן סלופּ האָט געוויסט אַ פּלאַקאַט מיט רויטע בוכשטאַבן, אָנזאָגנדיק דעם יונגן עולם, אַז היינט, דעם ערשטן אויגוסט, פּונקט אַכט אַזייגער אין אָוונט וועט אין לאַה־פּייגלס זאַל געהאַלטן ווערן אַ רעפעראַט בנוגע פּאַלעסטינע און דער איינגלייטער

וועגן דער פראגע וועט זיין א געוויסער רעדנער, בעגון.

דער ווייסער פלאקאט האט איר געצויגן, געמאניעט מיט אזא מאגנעטישער קראפט, אז עטלעכע מאל האט זי איבערגעלייענט דעם קורצן אנאנס און גלייך באשלאסן גיין צו דער פארזאמלונג.

דער זאל איז איבערפילט מיט א יונג־באגייסטערטן עלעמענט. בחורים, מיידלעך מיט צעפלאמטע פנימער האבן דיסקוטירט פראגן, וועלכע איר זיינען געווען פרעמד, אומבאקאנט. באלד פון א הינטער טירל פון דער פלאטפארמע האט זיך באוויזן א רעדנער.

ווי א בלענדענדיקער בליץ־שטראל, וואס קומט אומדערוואַרט, אזוי האט איר איבערראשט דער רעדנער, ווען ער האט באטראטן די פלאטפארמע־ברעטער. מיט א העפלעכן קאפ־נויג האט ער באַ־גריסט דעם עולם. ער איז געווען יונג, שלאנק, מיט פייערדיק־דורכ־דרינגנענגדע בליקן און פעסטן ווילן. זיין אימפאזאנטע פיגור האט אלעמען ווי באצויבערט. זיין שטימע איז געווען קרעפטיק, שארף־קלינגענדיק, ווען ער האט גערעדט. זיינע ווערטער, ווי די רייד פון א נביא, זיינען אריין אין די ווייטע סליאדן פון איר הארץ און נשמה.

זי האט מיט אלע אנדערע אפלאדירט דעם רעדנער, פון יענעם אָוונט איז זי ארומגעגאנגען ווי א שאטן, קיינעם ניט דערציילט איר פארבארגענעם סוד, טיף אין הארצן געטראגן א בענקשאפט...

סאיז אין מיטן אָקטאָבער. איינער פון די שענסטע אָוונטן, וואס די נאטור שענקט די מענטשן. אויף דער נאבערעזשנע אסך שפאצירנדיקע. דער זאמדיקער ברעג איז באלעבט מיט יונגפריילעכע, זארגלאזע געלעכטערס; געזאנגען קלינגען אָפּ דא און דארטן אין דער לבנה־נאכט. לעבן וואסער, וואו די טייך־כוואליעס פליסן אימ־פעטיק צום ברעג און צוריק, ווי זיי וואלטן וועלן פארכאפן א שטיק יבשה, האבן יונגע פארלעך אין צעווארפענע גרופקעס דא און דארטן זייערע צייטווייליקע ליבעס־נעסטן אויסגעשפרייט.

זיי לאסטשען זיך און צערטלען זיך, מורמלען ווי א געבעט־תפילה וועגן אייביקע ליבע.

אַם זיצן צווישן צוויי ווערבעס צוויי יונגע סטודענטן אין ליכטיקע מאַנטלען, ציען שטיל לירישע טענער פון „איי אוכניעם".

און די ווייכע טענער קלינגען אַפּ ווי אַן עכאָ אין די ווייטע טונקעלע וואַסערן פון טייך, ווערן פון די כוואַליעס מיטגעריסן, פאַר־זינקען אין די טיפענישן פון אָפּגרונט און ווערן פאַרלוירן. — — —

זיי באַגעגענען זיך ווידער. אַ מאָדנע נאָענטקייט פילט זי צו אים. עפּעס אַנדערש ווי אַ מיידל צו אַ בחור, נאָר ווי אַ הייליקע ליבע פון אַ מוטער צו איר איינציק געראָטענעם קינד. און זייער נאָענטקייט שפּינט און וועבט אויס אַ ברייט זיידענעם גאַרטל־רינג פון פלאַמיקע ליבע. — — — — — —

דריי יאָר נאָך דער חתונה. די ערשטע שלחים פון בלומען־אַראָמאַט, פון זונען־שיינענדיקע זאָרגלאָזיקייטן זיינען שנעל פאַר־ביי. גרויע וואָכן קייטלען זיך אין חדשים, חדשים אין יאָרן, און דאָס פּאָר פּאָלק פאַרטאָפּלען זיך: צוויי שיינע מלאכים־קינדער קומען צוגאַסט און פאַרהילכן מיט זייערע געשרייען דעם וואוינונג. פאָטער און מוטער זיינען וואַכזאַם, שלאָפן נים קיין נעכט און אַלץ איז זיי ליב און טייער. אַט קומט אָן אַ טאָרנאַדאָ־שטורם — די מאָבילי־זאציע צו נעמען יונגע מענער אויף מלחמה. דער מאַן פאַרלאָזט די היים, ווייב און קינדער, אַוועק אין די ווייטע לענדער איבער ימען זוכן אַ מקום מנוחה.

די מלחמה איז אין פולן פלאַקער. די איינוואוינער פאַרלאָזן די שטאָט. איבער שטויביקע וועגן וואָגלען נע ונד טויזנטער פאַ־מיליעס.

די שטאָט איז שוין באַלאַגערט פונם שונא. עס פעלט אויס שפּייז. מענטשן ווי אבלים שלייכן איבער די גאַסן. מען עסט שאָלאַכץ פון קאַרטאָפל, וואָרצלען פון געוויקסן, קינדער ליאַרמען, גוואַלדעווען, זויגן די אייגענע פינגער. פרויען גיבן זיך איבער צו שאַנד, כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן זיך מיט די קינדער.

אַ גרויסע שלאַכט הינטערן שטאָט. די קאַנאָנען פאַרטויבן די לופט אַרום. שיסערייען פון ביקסן, האַנט־גראַנאַטן, פולעמיאָטן

און דער אומגעלומפּערטער רעש פון די עראָפּלאַן־פּינגלען מאַכן ווילד און טויב די מענטשן. פענסטער און טירן פאַרהאַקט אין די גאַסן קיין באַוועגונג — אָפּגעשטעלט דעם סדר־גאַנג. מענטשן באַהאַלטן זיך אין אויסגעגראָבענע שמאָלע ערד־גריבער, אויף פינצטערע בוידימער, אין די שטיבער — שטאָק פינצטער . . . רוסן פאַרלאָזן שוין די שטאָט, און דייטשע אוואַנגאַרדן אָקופּירן דעם גאַנצן געגנט אַרום.

די באַנען אָנגעפּילט מיט הימלאָזע פּאַסאַזשירן. מען שיקט אַרויס ווייבער און קינדער אויף גאָטס באַראָט . . . — — — —

אין אַ קליין איינגעפאַלן נידריק שטיבל אין אַ פאַרוואָרפן דערפל . . .

אַ פינצטערע קאַלטע נאַכט. אַלע הונגעריק — ציטערן פאַר קעלט. אַ סטייע בייזע הינט וואָיען, קלאַפּן מיט די פיסלעך אין טיר, שטשירען די ציין, ווילן זיך אַריינרייסן אין קאַלטן שטיבל.

אַ גרויער פרימאָרגן. אַ פּאָסטאַליאָן האָט געבראַכט אַן אָנווייזונג אויף שיפס־קאַרטן און געלט. ליכטיקע שעה׳ן, האָפענונגס־פולע טעג . . .

אַ רייזע איבערן ים. געפאַר לויערט אויף יעדער שוואום . . .

באַלד ווערט די שיף אויפגעריסן פון מינעס, וואָס זיינען אָן אַ צאָל אויסגעשפּרייט אין די וואַסערן . . .

די שיף — אָט־אָט קערט זי זיך איבער, זינקט צום טיפן אָפּגרונט פון ים. מען מורמלט תפילות, אויגן רייסן זיך צום הימל. אידן אין טליתים מיט בערד און פאות זאָגן תהלים . . . טריבע, יאָושדיקע אימת־מות׳ דיקע שעה׳ן . . .

מילדע גרין־גאָלד שטראַלן פון דער אַמעריקאַנער זון. די ריזיקע פרייהייט־סטאַטוע אין מיטן קליינעם אינזל, דער סימבאָל פון טאָלעראַנץ, עמאַנציפּאַציע און גלייכהייט ווינקט שוין גאַסט־פריינטלעך צו די פּאַסאַזשירן מיט אַ ברייט־האַרציקן „ברוך הבא”.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, מיין טייערע, האָט בעגון זיין ווייב פאַרן האַנט גענומען און איר אַ בעטער ווין איר דער־לאַנגט. היינט דאַרף מען פריילעך זיין. היינט איז אונזער לאַנג־געווינשטער יום־טוב!

— יאָ, מיין טייערער, — האָט די פרוי ווי זיך אויפגעכאַפּט און פאַרשולדיקט געענטפערט: — אין די פּאָר מינוטן טראַכטן האָב איך דורכגעלעבט אַ שטיק פון מיין פאַרגאַנגענעם לעבן! אָבער גענוג. יאָ־יאָ, אונזער שמחה! אונזער יום־טוב! אונזער טאָכטער און איידעם! — און טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— חשובע פאַרזאַמלטע! — האָט דער איידעם הויך אויס־גערופן, האַלטנדיק אַ בעכער ווין אין האַנט. — אַלע אינאיינעם לאָ־מיר ווינטשן מיינע שווינגער־עלטערן, די יובילאַרן לאַנג, לאַנג לעבן, און מיר אַלע פאַרזאַמלטע זאָלן אָנוועזנט זיין צו זייער גאָלדענער חתונה! מזל־טוב! — האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע זייטן.

די פרוי האָט איר שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ האָר דורכגעוועבט מיט וויס־זילבערנע פעדים, אָנגעשפּאַרט אויפן מאַנס אַקסל.

— מזל טוב אונז אַלעמען, — האָבן אירע ליפּן געמורמלט.

— אַ דאַנק דעם וויס־רויטן פּלאַקאַט זיינען מיר פאַרזאַמלט דאָ אַלע איינינעם פייערן אונזער זילבערנע חתונה. דער וויס־רויטער פּלאַקאַט איז אונזער שדכן געווען . . .

יענע נאַכט אין לאַה־פייגלס זאַל, האָט פרוי בעגון פריידיק אויסגערופן, — וועט אומשטערבלעך בלייבן אין מיין זכרון. אָט יענער האַרציקער אָמאָל, אינספּירירט מיך ביז היינטיקן טאָג איבער לעבן אַלץ וואָס אין לעבנס־גאַנג שווימען אָן . . .

אַ פּאָר פריידן־טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע אויגן, נעשאַרט זיך נידעריק און נידעריקער ביזן רונדיק־געפאָרמטן חן־גריבעלע און דאָרטן אַ קליין טונקל פריידן צייכן געפלעקט . . .

אַ נײַ לעבן

אין דרעם שאַפּ איז פריידל באַקאַנט פאַר אַ פּעסימיסטקע. אַפילו ווען זי גייט אויף אַ מיטינג און אַפּלאָדירט אַ טאַלאַנטפולן רעדנער, שיינט נאָך אַלץ אַרויס אַ מעלאַנכאָליע פון אירע שוואַרצע, איינגעדרוקספּולע אויגן. דאָס לעבן אַרום זיך באַטראַכט זי ווי מיט באַגלעזלטע, נעפּלדיקע אויגן; זייער זעלטן שמייכלט זי, נאָך ווייניקער רעדט זי. שטענדיק זיצט זי מיט ענג־צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן.

אַלע קוקן אויף פריידלען מיט רחמנות אויגן: „אפשר דורכפאַלן געהאַט אין לעבן? אפשר גאָר אַן אַנטוישטע ליבע? ווער ווייסט וואָס מיט איר האָט געטראָפן.” פּרייַנט באַדויערן איר צאַנקען. קיינער וויל אָבער זי נישט באַאומרואיקן מיט פראַגן. אפשר וועט עס איר נאָך פאַרשאַפן גרעסערן ווייטאָג.

פריידל איז אַ קיילעכדיקע יתומה. אירע עלטערן זיינען דערהרגעט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע־צייט דורך די באַלאַכאָווצעס. גוטע מענטשן פונם שטעטל האָבן צוזאַמענגעקליבן אַ ביסל געלט און זי אַריינגעגעבן צו פרעמדע מענטשן אויף קעסט.

דאָרט האָט זיך פריידל געהאָדעוועט אָן ליבע, אָן צערטלעכקייט, טרוקן ווי אַ צווייגל אויף אַ ווינטער־בוים. צו זיבעצן יאָר האָט אַ פעטער זי אַריבערגענומען קיין אַמעריקע.

דער פעטער, אַ מאַנופעקטשורער פון קליידלעך, האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שאַפּ און זי געמאַכט פאַר אַ שטעפּערקע. ביים

פעטער איז פריידל אַ קורצע צייט געשטאַנען אויף קוואַרטיר. זי האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס טאָג־טעגלעך האָבן פעטער און מומע זיך אַרומגעקריגט. די מומע, זיין צווייטע פרוי, האָט פאַרלאַנגט שיינע קליידער, צירונג, אַלע מאָל נייע מעבל און לוקסוסן, וואָס דער פעטער האָט ניט געוואָלט געבן. פלעגן פון צייט צו צייט אויסברעכן קריגערייען, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגן ברוגז. האָט פריידל זיך אַריינגעצויגן צו פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע זי האָט זעלטן אַ וואָרט אויסגערעדט. די נייע מיסעס האָט פריידלען באַטראַכט פאַר אַ קאָמישן טיפּ, ווי אַן אַראָפּגעפאַלענע פון שטערן מאַרס, און דער מיסטער פלעגט פאַרגנבעטערהייט באַטראַכטן איר פּנים און זיך וואונדערן, וואָס אַזעלכע מיאוסקייטן, ווי זיין ווייב און זיין ווייבס שוועסטער, האָבן יאָ חתונה געהאַט, און זי, אַזאַ וואויל מיידל, וויאַנעט אין דאָרט ווי אַן אויסגעריסענע בלום, וואָס איז צוריק איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אַ טרוקענעם זאַמדיקן באָדן . . .

לאַנגע שעהן זיצט פריידל ביי דער ניי־מאַשין, שטעפּט צוזאַמען נעטלעך צו נעטלעך פון די שטיקלעך צעשניטענע זיידנס. קעגנאיבער פריידלען זיצט ביי דער ניי־מאַשין אַ מיטליעריקער מאַן. אויך אַ שטעפּער. אַלע אין שאַפּ רופן אים דער „לינקער" לעוויט.

לעוויט איז אַ פּאָטער פון צוויי דערוואַקסענע טעכטער. ער איז אין די הויכע פערציקער, אָבער שטענדיק אַ מונטערער, אַן אינטערעסאַנטער, געזעלשאַפטלעכער מאַן. לעוויט פאַרברענגט זיין צייט אין ראַדיקאַלע קרייזן און פון יעדער זאַך וויל ער עפּעס לערנען. ער פאַרגינט זיך אַפילו ניט אַמאָל צוליב צייט־פאַרטרייב שמועסן וועגן „דברים בטלים".

גלייך ווי זיינע צוויי מיידלעך זיינען אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דאָס לעבן אַרום זיך, האָט לעוויט זיי אַריינגעגעבן אין אַרבעטער געזאַנג־פאַראיין. צוזאַמען מיט די מעלאָדיען האָבן זיי זיך באַקענט מיט אַ פרייהייטס־גייסט, מיט אַ שנאה צו דער גאַנצער אָרדנונג, וואָס אונטערדריקט מיליאָנען מענטשן.

לעוויט אליין באלאנגט צו א ראדיקאלן פארבאנד. ער זוכט מיט אלע מעגלעכקייטן ארייננצוציען מער ארבעטער אין זיין פארבאנד.

זינט פריידל ארבעט לעבן אים, א מאשין לעבן א מאשין, פילט לעוויט צו איר אי רחמנות, אי מאדנע נאענטקייט.

ער פרובירט מיט איר ריידן, דערקלערן אין א גוטמוטיקן הומאריסטישן טאן, אז די מעלאנכאליע פון די שיינע אויגן האט זי באדארפט איבערלאזן אין יענעם פוילישן שטעטל, פון וואנען זי קומט, אז אהער האט זי באדארפט קומען א באנייטע, אנגעגורט מיט שיינע אידייען און מיט קאמף פאר א מענטשלעכן לעבן. א פראלעטאריער, רעדט לעוויט צו איר מיט ענטוזיאזם, מוז שטענדיק זיין בראוו, מוטיק, לעבנסלוסטיק, פארטיק צו קעמפן, איבערצונעמען די וועלט־פירערשאפט, ווען די שעה וועט שלאגן . . . ״

פון זיין ערנסטקייט און הארציקייט פילט פריידל, ווי די בלוטן אין אירע אדערן פליסן שנעלער און דאס הארץ קלאפט. זי ווערט אלעמאל ווי ניי־באלעבט און ווארפט זיך איבער מיט לעוויטן מיט אפגעהאקטע קורצע שמועסן: וועגן מוזיק, וועגן לעקציעס; זאגט ארויס לאגישע מיינונגען וועגן וויכטיקע ארבעטער־פראגן.

לעוויט פילט, אז אים ווערט גוט אויף דער נשמה. פארגעסט ער דאן פון קהל׳שע און אייגענע זארגן, א יוגנטלעכע פרישקייט פארבט זיין פנים, און זיינע אויגן גלאנצן ווי צוויי שפיגלען.

עס פארגנבעט זיך ביי אים אפט א געדאנק: אדאפטירן זי פאר א דריטער טאכטער. זאל זי זיין אין זיין הויז, נאענט לעבן אים. אבער ער לייגט זיך איבער און ווארט אויף נייע פלענער.

דאס וועט זיין דער בעסטער וועג, — האט לעוויט ביי זיך באשלאסן: ארייננעמען פריידלען אין מיין פארבאנד. דארט וועט זי זיך באקענען מיט א סך חברים. אפשר וועט זי ווערן טעטיק. דאן וועלן אירע גרויע טעג באקומען אן אינהאלט און א קאליר.

דעם ערשטן אוונט האט פריידל אין קלוב זיך געפילט ווי א פארלארענע. אפגעזונדערט איז זי געזעסן און באטראכט די חברים מיט די חברטעס, וועלכע זיינען געשטאנען דא און דארטן אין צע־

וואָרפּענע גרופּעס און געפירט היציקע דעבאַטן וועגן פאַרשיידענע טאָג־פראַגן.

צוויי יונגע בחורים, פאַרשוויצטע, מיט אַ נצחון־פלאַם אין זייע־רע אויגן, האָבן היציק געשמועסט וועגן דער לעצטער דעמאָנסטראַציע פון די אַרבעטסלאָזע.

דריי מיידלעך זיינען געזעסן ניט ווייט פון פריידלען און האַרציק געלאַכט פון דער קאַריקאַטור „מיט אַ טשאַטע הינטלעך קעגן דער גרויסער מענטשן־כוואַליע.

— נו, איז עס ניט קיין געלעכטער, אַז די קאַפּיטאַליסטן ווילן פאַרשפּאַרן מיט אַ שטרויענעם פּלויט אַ לעבעדיקן מענטשן־שטראָם ?

— באַמערקט אַ חבר'טע צו איר פריינדין, ווייזנדיק איר נאָך אַמאָל דאָס בילד אין דער צייטונג.

— זאָלן זיי וועלן,—ענטפערט די צווייטע סאַרקאַסטיש,—ס'וועט זיי העלפן ווי אַ טויטן פּיאַווקעס . . .

פריידל כאַפּט אויף יעדן וואָרט פון זייער שמועס.

— אַ שאָד, — טראַכט זי זיך, טיף אָפּציענדיק דעם אָטעם, — וואָס איך האָב אַזוי שפּעט זיך אָנגעשלאָסן אָן פאַרבאַנד. אָבער ס'איז קיינמאָל ניט שפּעט, — געפינט זי אַ באַרעכטיקונג פאַר זיך. איצט בין איך רייף גענוג צו טאָן טאָפּל־אַרבעט — העלפן טראָגן ציגל נאָך ציגל און צעמענטירן דעם ריזיקן אַרבעטער בנין.

לעוויט איז באַלד אויך געקומען און פריידלען באַקאַנט מיט עט־לעכע חברים.

איין חבר'טע איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט אָנאָנסירט, אַז פרייטאָג אָוונט וועט דאָ אין קלוב זיין אַ לעקציע איבער דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען פריידל איז צו זיך אויף קוואַרטיר געקומען.

פריידלס טעג האָבן באַקומען אַ קאָלירפולן אינהאַלט. אין דער פרייער צייט איז זי פאַרנומען מיט איר אָרגאַניזאַציע. אַ סך אַר־

בעטער פון איר שאַפּ האָט זי פאַרגעשלאָגן אַלס מיטגלידער פון ראַדי־קאַלן פאַרבאַנד.

אַ שטענדיקער שמייכל רוט אויף אירע ליפּן. אין אירע געדאַנקען וועבן זיך בילדער פון אַ שיינער גאָר גיכער צוקונפט.

איצט זיצט זי ביי דער אַרבעט מיט נערוועזער שפּאַנונג. זי וויל, אַז דער טאָג זאָל גיכער פאַרגיין און זי זאָל ווידער קומען אין קלוב צווישן אַלע חברים און חבר׳טעס, הערן זייערע דיסקוסיעס און פון אַלץ זיך לערנען.

לעוויט פאַרשטייט אירע מחשבות; ער קוקט אויף איר שטראַלנדיקן פּנים און זיין פרייד וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

— אַ נײַ לעבן איז אַריינגעגעבן, — טראַכט ער זיך, און זיינע אויגן שיינען גליק, זעענדיק ווי פריידל ווערט פרייליכער און באַליבטער פון טאָג צו טאָג.

לאהלע

די פערצניעריקע לאהלע איז געזעסן הארט ביים פענצטער און ארויסגעקוקט אין גאס, וואו קינדער פון פארשיידענעם עלטער האָבן זיך געשפּילט. זי האָט געזען זיי לויפן, שפּרינגען, מיט פארזשא־ריעטע בעקלעך און מיט פול־ברוסטיקע קולות פארטויבנדיק די לופט ארום. זי קוקט מיט קנאה אויף די אַלע מענטשן, וועלכע באַוועגן זיך פריי אין פרישן פארנאַכטיקן לופט.

לאהלע איז פאראליזירט אויף ביידע פיס שוין העכער א יאָר. אירע מעלאַנכאָלישע, בלויע אויגלעך קוקן מיט יאוש אויף אַלע מענטשן ארום, איבערהויפּט אויף די יונגע קינדער, וועלכע זיינען אזוי רירעוודיק און פליען ארום איבערן גאס מיט צוויי געזונטע פיס.

ערשט ניט לאַנג צוריק איז זי געווען גלייך מיט אַלע קינדער: געלאָפן, געשפּרונגען, געקלעטערט, געטאַנצט. און זינט די פאראליז־קראַנקהייט האָט טיפל־אכזריש, גערויבט ביי איר ביידע פיס — אזעלכע שיינע שלאַנקע פיס, וואָס אַלע אינגלעך און מיידלעך פלעגן מיט באַוואונדערונג זיי באַטראַכטן — זיצט זי שטענדיק אויף אַן אָרט ביים טישל פון איר קליין האַלב־פינצטערן שלאָפצימער, לייענט און שרייבט. און ווי נאָר זי ווערט פארטיק פון דער שול ארבעט, שאַרט זי זיך צו אויף די צוויי קוליעס אונטער די אָרעמס צום גאַנג־ווענגל, וואָס שטייט הארט צוגערוקט צום פענצטער און מיט אנגסטן קריכט זי אויף אים קוים ארויף און קוקט מיט טריבע בליקן אין גאס ארויס . . .

היינט איז א וואונדער־שיינער טאָג. קיין ברעקל וואָלקן אויפן הימל. די זון זויבער אויסגעוואשן שמייכלט מיט איר ריזיק פייערדיקן פנים אויף דער גאָרער וועלט און צעשיט קאָלירפולע מיריאַדן שפּע׳דיקע שטראַלן. לאה׳לע, מיטגעריסן מיטן שיינעם זומער־טאָג, פאַרגעסט א ווײַלע אַן זיך, פאַררייסט דעם בלאָנד־שיינעם קאָפּ אין די ווייטע הויכקייטן. בלאַנדזשען אירע בליקן אין בלויען האָריזאָנט און שטעלן זיך אָפּ אויף א גרויס־פליענדיק עראָפּלאַן, ווי א ריזיק שטאָלענער אָדלער, א באַזילבערטער פון די זונען־שטראַלן, זשמורעט זי די אויגן פון צופיל ליכט, קען לאַנג ניט קוקן אין אומענדלעכן רוים, לאָזט זי אַרונטער דעם קאָפּ. א טיפער זיפצט רייסט זיך פון איר הערצל אַרויס.

— מאַדנע איז גאָט — מורמלען אירע ליפּעלעך — יענער מענטש אין עראָפּלאַן קען פליען אזוי ווייט אין די הימלען און איך קען אַפילו ניט גיין אויף דער ערד . . .

לאהלע קוקט גלייך אויף די שפּילנדיקע קינדער. אירע אויגן, אירע הענט און אַלע אברים ציען זיך צום פריילעכן קינדער־ווע־לט אין גאַס, וואו זאָרגלאָזיקייט שפּירט זיך אין יעדער באַוועגונג, בלייבט אָבער מאכטלאָז זיצן אין גאַנג־וועגל.

איר גרויסער ברודער פיליפּ נעמט זי אַלעמאָל אַרונטער אין גאַס, זעצט זי אויפן באַנק און לאהלע זיצט אזוי לאַנג, ביז אירע אויגלעך זעטיקן זיך אָן פון קוקן, — שרייט זי דאַן אַרויף אויבן און פיליפּ ברענגט זי אריין צוריק אין שטוב — איז ער שוין צייט א וואָך אוועקגעפאָרן זוכן אַרבעט אויף די פאַרמס און אַגב איז איר מוטער איצט קראַנק, וואָלט לאהלע סיי ווי סיי זי ניט געלאָזן אַליין. איר מוטער ליגט אין בעט שוין דריי טעג. איר שוועסטער שוירלי, וועלכע נייט שוין מיט א „באָי פרענד", האָט דער מאַמען א פאָרוואורף געמאַכט, אַז די קראַנקהייט איז איר אייגענע שולד . . . לאהלע האָט איינמאָל זיך אַפילו איינגעהערט, ווי די שוועסטער האָט גאַליק באַמערקט דער מוטער, אַז עס איז טאַקע ניט שיין פאַר א פערציקיאָריקער פרוי האָבן איצט א „בייבי"; זי וועט זיך שעמען פאַר

איר פריינקן . . . מער האָט זי ניט געקענט הערן, ווייל די מוטער מיט אירע קרעכצן האָט איבערגעריסן אירע רייד און ס'איז באַלד שטיל געוואָרן . . .

לאהלע האָט זיך אריינגעשארט אין שלאָף־צימער, וואו די מאַמע מיט רויט־צעפלעקטע באַקן איז געלעגן אין בעט און קאָנוואולסיוו זיך געקנוילט, נאָכדעם מיט די הענט דעם בויך געריבן און ווייטאָגדיק געקרעכצט . . .

דער פאָטער איז באַגינען אוועק פון הויז זוכן ארבעט. שוין לאַנגע חדשים אַז ער ארבעט ניט. שוין פארמשכנט, פארקויפט כמעט אַלע חפצים פון שטוב, אפילו זיינע עטלעכע באַליבטסטע ביכער ווי: מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", „קונסט און סאָציאַליזם", פארקויפט צו בוכהענדלער בחצי חינם . . . עס זיינען שוין אויך געוועזן אויף א „באַזוך" א פּאָר סאָסייטי־דאַמען, אויסגעפרעגט וויפיל גרויסע קינדער זיי האָבן, ווער עס ארבעט, ווער ניט, וויפיל רענט און נאָך און נאָך און דערביי רחמנות־בליקן געשיקט צו לאה'לעס פּאַראַליזירטע פיס. און ווען דער גאַנצער צעטל פון נאָכפראַגן האָט צופרידנגעשטעלט זייער ראַפינירטן רחמנות־קוק, זיינען די פּאָר סאָסייטי דאַמען אוועק מיט א גוטמוטיקן שמייכל, צוזאָגנדיק באַלדיקע הילף. אזוי איז שוין פאַריבער מער ווי א חודש און קיין הילף איז נאָך ניט געקומען . . .

אין הויז איז שטיל. פון צייט צו צייט רייסן זיך אריין דורך די פענצטער אָפּגעהאַקטע שאַלן פון פארביילויפענדע אויטאָמאָביל הארנס און בראַזגערייען פון שווערע טראָק־רעדער, פון וועלכע דער דיל און די וואַנט כלים אין קיך טרייסלען זיך אויף . . .

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. לאהלעס פאָטער, מיט אַן אָפּגעבערענטן פון זון פנים, איז געבליבן שטיין מיטן רעקל אויפן האַנט ביים שוועל, ארומגעקוקט זיך אין אַלע ווינקלען, ווי זוכנדיק עפּעס און וואַקלענדיק אריינגעשלייכט אין שלאָף־צימער צו זיין פרוי. מיט טריבע בליקן געקוקט אויף זיין אָמאָליקער שיינער אסתר'ן, וועלכע, ליגנדיק אין בעט מיט פארפלאַמטע באַקן, האָט נאָך

איצט אויך געהאט גענוג שפורן פון פארגאנגענער שיינקייט. אירע ברייט־צעעפנטע העל־בלויע אויגן האבן אויסגעדריקט פארצווייפלונג. איר פנים האט זיך אלעמאל געקרימט און אפט צווישן די ציין ארויס־געברומט שניידנדיקע קרעכצן פון טיפע ווייען.

דער מאן האט א טיפן זיפץ געטאן און א רחמנות־אויסדרוק געמישט מיט ליבע און געטריישאפט האט דורכגעבליצט אין זיינע גוטע אויגן.

— העלא, פאפא דיער! — האט לאהלע פריידיק אויסגערופן און אירע צארט־בלאסע באקן האבן זיך עטוואס גערויטלט. א גאנצן טאג אליין אין הויז, האט זי שטיל ווי פאר זיך פראטעסטירט; אפילו היינט אין סקול ניט געקאנט פארן, ווייל די מא איז אזוי סיק . . .

— אפשר א דאקטאר, אסתר? אפשר שוין צייט. לאמיר נאכ־אמאל איבעררעכענען . . . האט דער מאן פארשולדיקט איינבויגנדיק זיך צו אסתרן, שטיל געפרעגט, און א ווילע זיך צוגעזעצט אויפן בעט און א צוק געטאן מיט די אקסלען.

— ניין! ניין! — האט אסתר היסטעריש מיט איין אויס־געקרימטן פנים פון יסורים אויסגעקרעכצט: — איך ווייס אז דאס זיינען פוילע ווייען . . . עס קאן נאך אזוי אנהאלטן א פאר טעג . . .

דער מאן האט מיט רחמנות־בליקן באטראכט זיין אסתרן און דעם קאפ ארונטערגעלאזט.

לאהלע איז שטיל אריינגעפארן אין קיך און באלד איז דער פאטער אויך ארויס.

אויפן טיש, אויסגעשפרייט א ווייס טישטוך, איז געשטאנען א שיסל קארטאפל מיט ברויט און הערינג און אויפן אויוון האט גע־קאכט א טשייניק וואסער.

לאהלע איז געזעסן פון וויטן און מיט ליבע בליקן נאכגע־פאלגט דעם פאטער ווי ער עסט אן אפעטיט דעם ארימן מאלצייט און צו זיך געמורמלט: „איך וועל אויסוואקסן און קריגן געזונטע פיס ווי אמאל, וועל איך דעם פאפען און דער מאמען אסך העלפן; איך

וועל אַרבעטן און פאַרדינען און פאַרשאַפן זיי אַלץ וואָס איך וועל קאָנען.

— יאָ, מיין אָרים קינד, — האָט דער פאָטער מיט אַ פאַרשטיקט הייזעריקן קול אַרויסגעברומט. דו ביזט אַ מלאכל מיין טאָכטערל! אין דיינע אויגן ליגט אַ ים מיט גוטסקייט . . . איך ווייס ניט פאַר־וואָס די נאַטור האָט דיך אַזוי גרויזאַם באַ׳עולה׳ט. אָ, ווען איך פאַרליר ניט מיין דזשאָב! — — —

איך האָב געהאַט פלענער, מיין טעכטערל, מיט דיר קיין יוראָפּ צו פאָרן, פאַראַן אַ גרויסע שטאָט, וויען, וואו די גרעסטע דאָקטוירים ספּעציאַליסטן זיינען דאָרט דאָ.

דורך טרערן וואָלט איך צו זיי צוגעשטאַנען, זיי צו די פיס גע־פאַלן, ביז זיי וואָלטן אויסגעקורירט מיין קינדעלע, דיר צוריק דיי־נע שיינע פיסעלעך געגעבן . . . איך וואָלט — — —

טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. דער פאָטער האָט אַ טרונק וואַסער גענומען, עטוואָס זיך באַרואיקט, אַ לאַנגן זיפץ גע־טאָן און גאַליק פאַרטגעזעצט ריידן, יאָ, יאָ, איך וואָלט — זיינען אָבער דאָ מענטשן. הם, „מענטשן״! מענטשן — פּאַראַזיטן, פּיאַור־קעס, וואָס זויגן בלוט און מארך פון זייערע אַרבעטער! אָט אַזאַ פּאַראַזיט איז מיין באָס. פאַר וועלכן איך האָב יאָרנלאַנג געאַרבעט, כמעט ווי פאַר אַ הונגער־לוין, האָט ער, מיין באָס, דאָ אויך ניט פאַרגונען און מיט לאַנגע וואָכן צוריק מיך פון פּלאַץ אוועקגעשיקט. דער פאָטער האָט זיך האַסטיק פון אָרט אויפגעהויבן, דורכגעמאָסטן דעם דיל הין און צוריק, געבוילט פויסטן און מאַכטלאָז צוריק זיך אוועקגעזעצט. לאה׳לע האָט מיט ברייט־צעעפנטע מעלאַנכאָלישע אויגן, נאָכגעפאָלגט דעם פאָטערס באַוועגונגען, צוגעשאַרט זיך אויף די קוליעס הארט צום פאָטער, זיך געזעצט ביי אים אויף די קני, אָנ־געשפאַרט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, אַרומגענומען מיט אירע הענט־לעך זיין האַלדז און שטיל מיט אַ ווייך צאַרטע שטימע אים געפרעגט:

— פאַפּע, פאַרוואָס האָט דיין באָס דיך געסעקט?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס, מיין קינד? פאַר אַ לייף־פּאָליסי.

געזאָגט דעם פאַרזיכערונגס־אַגענט דעם אמת: אַז איך בין אַריבער 45 יאָר. און דאָס האָט ניט געטויגט!

— מ׳טאָר דעם אמת ניט זאָגן, פּאַ? . . . — האָט לאהלע געשטוינט און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויפן פאָטער.

— געוויס, געוויס, מיין טאָכטערל. מ׳דאַרף שטענדיק לעבן מיטן אמת. אַזוי וואָלט באַדאַרפן זיין, אָבער —

— איך פאַרשטיי ניט, פּאַ. נו, איז פאַרוואָס? — — —

— דו קאָנסט ניט פאַרשטיין, מיין קינד. דו ביזט נאָך אַזוי יונג, אַזוי ריין אומשולדיק; דיין יונגער מוחל קאָן עס ניט באַגרייפן. פאַרוואָס דער רייכער פאַריאָכט דעם אָרעמאַן; פאַרוואָס אַרבעטער בויגן נידעריק זייערע קעפּ, ווען זיי דאַרפן אָנקומען צום באָס, אַז ער זאָל זיי אַ ווינקל־אָרט געבן אין זייער פאַבריק. יאָ, יאָ, אַזוי האָט ניט באַדאַרפט זיין: דער וואָס פּראָדוצירט, דער וואָס שאַפט האָט אַ רעכט דערפון געניסן. און אַלע מענטשן דאַרפן זיין פאַרברידערט, ווי איין גרויסע משפּחה — אָבער איצט איז ניט די צייט דיר אַלץ דערקלערן. איך וועל דיר מער ניט דערציילן ערשט פאַרוואָס איך בין פון מיין פאַבריק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

דער פאָטער האָט לאה׳לען געגעבן זיין בענקל, אַליין געזעצט זיך לעבן טיש און אָנגעהויבן שטיל דערציילן, כדי זיין ווייב זאָל ניט הערן.

מיין באָס איז אין אַ געוויסן טאָג געקומען אין פאַבריק. עס איז דאַן מיטאָג־שעה געווען, ווען דער אַרבעטער ציט אָפּ דעם אָטעם פאַר אַ ווײַלע, אַוועקגעשטעלט זיך פון ווייטן, געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן, זיי לענגער אַביסל אָפּגעשטעלט אויף אייניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין יאָרן־לאַנג ביי אים געאַרבעט, באַטראַכט זיי פון ווייטן מיט דורכדרינגענדיקע בליקן, געקלערט אַ פּאָר מינוטן, נאָכדעם אַריין צו זיך אין „אָפיס", אַריינגערופן זיין פאַרוואַלטער און געהייסן אים דערקלערן אַלע אַרבעטער, אַז די פירמע גייט זיי אינשורן און עס וועט קאָסטן בלויז עטלעכע דאָלער אַ יאָר. זיינען געווען עטלעכע אַרבעטער מיטן מיינונג, אַז די פירמע זוכט שוין אַ נייעם פּראָפיט

דורך „טריקס". דאָך האָבן מיר כמעט ווי אַלע ארבעטער אויסגע־מאַכט אַפּליקאַציעס פאַר „אינשורענס פּאַליסים" און אָנגעגעבן די ריכטיקע יאָרן. און ווען די אַלע פּאָליסים זיינען פון באַס אין אַפּאָר וואָכן ארום עקזאַמינירט געוואָרן, און ער האָט אויסגעפונען עטלעכע נעמען וואָס זיינען עלטער פון פינף און פערציק יאָר, זיינען אָט די דאָזיקע „אַלטע" ארבעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן און אויף זייערע ערטער האָט מען אריינגענומען אינגערע, געזינטערע . . .

דער פאָטער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, געקוקט אויף לאהלעס רונד־בלאַסן פּנים, ווי וועלן אָפּזוכן נחמה־שפּורן פון יענע גאָלדענע טעג ווען זיין טאָכטערל איז נאָך געווען פולקאָם געזונט אויף אַלע אירע אברים.

— נו, איצט פארשטייסטו, מיין קינד? — האָט דער פאָטער ווי אויפכאַפּנדיק זיך נאָך אַ קורצן שווייגן איר געפרעגט.

לאהלע האָט געשוויגן. איר יונג הערצל האָט זיך האַסטיקער געצאַפּלט און אירע אויגן האָבן געבליצט פייער־פונקען.

— יאָ, פּאַפּאַ דיער, איך פארשטיי! „רעווענש" מוז מען פון זיי נעמען, פון די אַלע שלעכטע באָסעס! — האָט זי צאָרנדיק ווי דורך טרערן ארויסגערעדט. און אירע קליינע, צאַרטע פויסטן האָבן פון אויפרעגונג זיך געביילט . . .

עס האָט געהערשט אַן אומעטיקער שטיל־שווייגן.

פון דער מוטערס צימער האָט זיך דערטראָגן היסטערישע שלוכצן, דערנאָך שניידנדיקע קרעכצן. — — —

דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, אויסגעגלייכט זיך און געוואָלט אריינגיין צו זיין פרוי אין צווייטן צימער, האָט אימיצער פּלוצלונג אָנגעקלאַפּט אין טיר.

צוויי דאַמען, איינע מיט אַ גרויסן פּעקל אין האַנט און די צווייטע מיט אַ קליין שאַכטל אונטערן אָרעם זיינען אריין און מיט אַ העפלעכן „גוד איווינינג" באַגריסט דעם פאָטער און די טאָכטער.

דער פאָטער האָט זיי אַ ווײַלע באַטראַכט, זיך גלייך דערמאָנט, אַז די זעלביקע דאַמען זיינען דאָ געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרן פון א טשאַריטי, אייך באַהילפיק זיין אין אייער נויט, — האָט די דאַמע, וועלכע האָט געהאַלטן דעם גרויסן פּעקל, שטיל אַרויסגערעדט און אַוועקגעלייגט עס אויפן טיש און די צווייטע האָט איבערגעגעבן לאַהלען דאָס קליין שאַכטל קאָנפּעקטן.

ביים פאָטער האָבן העגט און פיס קאָנוואולסיוו געציטערט. ער האָט זיי גאַליק אָנגעקוקט און זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות קאָנטראָלירן און מיט אָפּגעהאַקטע, ציטערדיקע ווערטער, ווי לופט וואָלט אים אויסגעפעלט, אַרויסגעברומט:

— איך דאַנק אייער טשאַריטי, געשעצטע דאַמען, פאַרן פּעקל עסנוואַרג, און מיינע טאָכטער דאַנקט אייך פאַר די „באָקס קענדי".

גיט זיי איבער א גערוס פון אונז, אָט די ברייטע האַרציקע לי־בעראַלע בורזשועז, אַז מיר, אַרבעטער, פאַראַכטן און פאַרדאַמען נדבות ! ! ! מיר דאַרפן ניט קיין גראַשענע הילף, מיר דאַרפן ניט קיין ברעקלעך פון זייערע טישן . . . מיר פאָדערן אַרבעט, ערלעכע, באַרעכטיקטע פאַרדינסטן ! . . .

און אויב מיר וועלן עס ניט קריגן, וועלן מיר אַליין נעמען !

דער פאָטער האָט אימפּעטדיק מיט שוימיקע ווינקלען ליפּן דערלאַנגט זיי צוריק די „מתנות".

און ווען זיי זיינען אַרויס, האָט ער מיט עקל הינטער זיי פאַר־האַקט די טיר . . .

לאַהלעס בליקן האָבן פייערדיק אויפגעלויכטן פון פאָטערס האַנדלונג און זי האָט פריידיק אַפּלאָדירט מיט אירע הענטלעך.

— פּאַפּאַ, דו ביזט ווערט א מעדאַל פאַר צוריקווייזן זייער פאַר־דאַמטע טשריטי, — האָט די פערצניעריקע מיידל מיט פריידן־טרערן ענטוזיאַסטיש אויסגעשריען. — פוי, איז עס ניט א „שיים"? ווער דאַרף עס אינגאַנצן? דו וועסט קריגן א דזשאָב און א סך פאַרדינען און איך? יאָ, מיינע פיס וועלן צוריק שטאַרק זיין ווי פריער. אָי, האָופּ סאָ !" . . .

גאָלדענע פרייד־שטראַלן, ווי עלעקטרישע שטראָמען האָבן דורכ־

נעבליצט איר יונג־בויגזאַמן קערפּער און מיטגעווירקט, אַז דער פּאַ־
טער האָט אינסטינקטיוו לייכט און טיף אָפּגעזיפצט.
אַ האָפנונגספולער שמייכל האָט געחנט אויף אירע שיין־געפּו־
רעמטע ליפּלעך און אירע צאַרטע בעקלעך האָבן זיך גערויטלט.

זלמן

איך וועל לאָזן לויפן די מאַשינען — ע־ע־ע — מיט אַ דריי חדשים שפּעטער . . . איך וועל שוין אייך געבן צו וויסן ווען איר זאָלט קומען צו דער אַרבעט . . . לאָזט אָקאָרשט איבער אייערע אַד־רעסן ביי דער בוקקיפּערין.

דער באָס איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער באַברילטער איד — אַ טיפּיש היימישער שניידער. גערעדט האָט ער פּאַרקנייטשנדיק דעם שטערן. די אַרבעטער זיינען געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג מיט פּעק־לעך „טולס" אונטער די אָרעמס, גרייט צו פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

— איך דענק, — האָט דער באָס פאַרטגעזעצט אין געמיטלעכע צעצויגענע ווערטער, — אַז דער נייער סעזאָן וועט זיך איצט אָנגע־פאַנגען ניט פריער ווי אין אויגוסט, אויב ס'וועט זיין „אָרדערס". דער סטאַק פון לעצטן סעזאָן איז נאָך ווייט ניט פאַרקויפט געוואָרן . . . און נאָכוואָס אָנגייען פרישע אַרבעט?

די אַרבעטער האָבן דערפילט, אַז זייער פלייש ווערט ווי מיט צוואַנגען געריסן . . . אָנגעוואָרפענע, איבעריקע מענטשן — עס קומט אויס, אַז מען האָט נאָך צו זיי טענות: זי האָבן זיך „אָנגעזעצט דעם באָס אויפן קאַרק" . . .

— אָבער סיי ווי סיי, — האָט דער באָס אַ וואָרטשע געטאָן, — לאָמיך אייך דאָ אָפּט זען . . . לאָמיך אייך האָבן פאַר די אויגן. אפשר וועט די צייט זיך ענדערן. איר ווייסט דאָך מיין נאַטור:

איך האָב רחמנות אויף יעדע באַשעפעניש . . . איך בין דאָך א מעמ־בער אין דער חברה „צער בעלי חיים" . . .

זלמן האָט זיך געפילט דערשלאָגן, דערנידעריקט, ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען לעבן אים און געפּאַטשט אים אין די באַקן.

— שוין אָפּגעאַרבעט! — האָט ער געטראַכט. — נאָך אַפילו יענע חובות ניט באַצאָלט און ווידער „סלעק". דער באָס האָט צו גאָט גאָר ניט דערלייגט. אויפגעמאָלט די אַרבעט ווי אין א זשאַרנע אין א פאַרלויף פון זעקס וואָכן און איצט גיי ווידער אַרום א פאַר־זאָרגטער איבער די גאַסן און צייל די שויבן פון די פענצטער.

זלמן איז געגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין.

— ווי אַן אָקס אין סאָבע האָב איך געפּראַצעוועט. און וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט? אַפילו אויף א טאָג איבערלעבן פאַרמאָג איך ניט! פון נאָז אין מויל שפּייזט מען אונז . . . "

ווען זלמן איז געקומען אַהיים,האָט אים דאָס ווייב מיט א זויע־ערער מינע באַגעגנט ביי דער טיר.

— שוין?! — האָט זי סאַרקאַסטיש א פרעג געטאָן. — שוין געקומען אָפּרוען? נעמען וואַקיישאָן? אַליין אָבער וועסטו ביי מיר קיין פריץ ניט זיין. אויב וואַקיישאָן, בין איך אַזאַ פאַרטנערקע אין אונזערע ביזנעס, ווי דו . . . "

זלמן האָט דערפילט אין די ווערטער די גאַנצע גאַל פון דער תוכחה.

ער האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז ענטפערן אַפילו איין וואָרט זיין סיידין הייסט קללות, געוויין, טרערן מיט היסטערישע שלוכצן. די שכנים וועלן אַרויסקוקן דורך די אָפענע פענצטער און איבערוואַרפן זיך מיט ציניש באַמערקונגען...

זלמן איז אַריין אין שלאָף־צימער, איבערגעטאָן זיך אין שבת׳־דיקן אָנצוג און אַוועקגעפאָרן צום רייכן לאַנדסמאַן זיסקין אין פלעט־בוש, אפשר וועט זיסקינד אים געבן א דזשאָב אין זיין גלאָז־פאַבריק.

זיסקין דער גלאָז־פאַבריקאַנט איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין איין צייט מיט זלמנען. איין צייט דורכגעמאַכט דעם חיבוט הקבר

פון א גרינעם אימיגראנט און ביידע זיינען געשטאנען א לאנגע צייט אויף איין קווארטיר, ביז זיי האבן זייערע ווייבער אראפגעבראכט.

זלמן, פון דער היים א שניידער, איז גלייך אוועק צו א לאנדס־מאן, א באס פון מענער קליידער און זיך געשטעלט ביי אים ארבעטן פאר דריי דאלער א וואך. זיסקין, פון דער היים א לופט־מענטש, איז געווארן א קאסטאם־פעדלער. ער האט געזוכט, געגנישטערט צווישן לאנדסלייט, געגאנגען איבער די הייזער מיט הכנעה'דיקער נעבעכדיקייט, געבעטן: „גיט מיר א שאו!" און אזוי זיינען ביי זיסקינען געווארן פעטע יארן — ביז ער האט אנגעהויבן האנדלען מיט ריעל־עסטייט, געבלאפט, געשווינדלט און געוואקסן. די גלאז־פאבריק איז געווען איינע פון זיינע נייע געשעפטן.

ווען זלמן איז געקומען צו זיסקינען בעטן א דזשאב, האט יע־נער אים געענטפערט אלערליי תירוצים. זיסקין האט ניט געוואלט זלמנ'ען ביי זיך אין פאבריק. זיסקין האט ליב געהאט אריינצונע־מען מגושמדיקע אומבאוואוסטזיניקע סלאוואקן, איטאליענער, היי־מישע רוסן, וואס האבן זיך געלאזט עקספלואטירן אויפן גרעסטן אופן. זיסקין האט פארמאגט זייער פייאיקע און דורכגעטריבענע פארלייט, וואס האבן געהאלטן א שטרענגע דיסציפלין. די ארבעטער האבן מורא געהאט אפילו א גענייץ טאן. ווען א פארדאכט איז גע־פאלן אויף אן ארבעטער, אז ער איז ניט צופרידן מיט די „רולס און רעגולייישאנס" פון פבריק, האט ער גלייך געמוזט גיין.

זיסקין האט ניט געוואלט זלמנ'ען ביי זיך אין פאבריק. זיסקין האט געוואלט געזונטע קנעכט וואס פרעגן ניט קיין שאלות. זלמן האט געמוזט גיין עטלעכע טעג און אנשפארן אזש ביי זיסקינס מאמע, ביז מ'האט אים ענדלעך געטאן די טובה און אריינגענומען אין גלאז פאבריק.

געארבעט האט ער אזוי: צווישן צוויי אנגעשאטענע הויכע זאמד־בערג איז ער געשטאנען מיט א גרויסער לאפעטע לעבן א לאנגן פיר־עקעדיקן קאסטן און אריינגעשארט אין אים דעם זאמד. ווען דער קאסטן איז געווארן פול האט ער אים געפירט אויף צוויי

שמאָלע רעלסן צו אַ גליענדיקן קאַלך־אויוון, לעבן וועלכן עס זיינען געשטאַנען סלאָוואַקישע אַרבעטער האַלב נאַקעטע, מיט פאַרפלאַמטע פּנים׳ער, און אַריינגעשאָטן די קאַסטנס אין אויוון. האָט זלמן גע־אַרבעט פון זיבן אינדערפרי ביז זעקס פאַרנאַכט. די אַרבעט איז גע־ווען אַ קאַטערזשנע. די היץ איז געווען ניט איבערצוטראָגן. די זאַמד האָט זיך איינגעגעסן אין די הענט און אין פּנים. שטופּן די קאַסטנס האָט געקאָסט בלוטיקע שווייס.

זלמנ׳ס טעג האָבן זיך געצויגן פיינלעך־שווער — און דאָך איז זיסקין מיט אים ניט געווען צופרידן. שוין עטלעכע מאָל האָט ער אים געוואָלט אָוועקשיקן פון דער אַרבעט.

— אַזאַ אַרבעט, — האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער, — איז גוט פאַר אַ געזונטן סלאָוואַק. אַ ער נעמט ביליקער, אַ ער שיט אָן דורכן טאָג עטלעכע קאַסטנס מער מיט זאַמד. זלמן האַלט אָפּ די אַרבעט.

זיסקין האָט שוין עטלעכע מאָל שאַרף אויסגערעדט דער מוטער פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר דעם לאַנדסמאַן. מאַלע וואָס איינער איז אַ לאַנדסמאַן.

איז געשען אָט וואָס: קודם האָט זלמן געפּרובירט בעטן ביים פאָרמאַן אַ הוספה. ער האָט דערקלערט מיט אַ געבעט־פּנים, אַז פאַר 15 דאָלאַר אַ וואָך איז אים זייער שווער צו מאַכן אַ לעבן. דער פאָרמאַן האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט און איז אַוועק מיט אַן איראָנישן שמייכל. מאָנטיק אינדערפרי ווען זלמן איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער זיין צייט־קאַרט מער ניט געפונען. זלמן, מיט אַ בלאַסן אויסגעקרימטן פּנים און צונויפגעדריקטע פויסטן, האָט זיך געלאָזן אין אָפיס צו זיסקינען.

— האַלט! — האָט דער פאָרמאַן אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— קיינער איז דאָרט ניטאָ. נעווער מיינד דעם אָפיס.

זלמן האָט פון אויפרעגונג און אימפּעט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם פאָרמאַן מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן זאַמד אין זיין גאַנצער לענג.

די אַרבעטער אַרום האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. אַ ספּאָנטאַנע פרייד האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום און אַרום. אַרבעטער האָבן אויסגעשריען: „בראַוואָ, זלמן! ביזט אַ בראַוועך מאַן! הוראַ!"

דער פאָרמאַן, אַ פאַרשעמטער, ווי אַן אויסגעפּייפטער אַקטיאָר, האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, און כדי צו פאַרדעקן זיין מפּלה, גע־נומען ליאַרעמען מיט ווילדע קולות:

— שטיל זאָל זיין! שרצים! אידיאָטן! אַרבעט! ווען ניט, נעם איך ביי אַלעמען באַלד צו אייערע צייט־קאַרדס!

אָבער דאָ איז געשען דאָס אומגעריכטע. די אַרבעטער האָבן אויפגעהערט אַרבעטן. זיי האָבן גענומען שרייען:

— נעם! נעם! אין די העל מיט דיינע קאַרדס. בלוטזויגער! פּאַראַזיט! צום טייפל מיט דיין באָס צוזאַמען.

פון ערגעץ האָט זיך דערהערט אַ רוף:

— סטרייק! סטרייק!

דאָס האָט דער הייצער אויסגעשריען.

דעם רוף האָבן אונטערגעכאַפּט אַ סך שטימען.

— סטרייק! סטרייק! — האָט באַלד אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן הויף.

— סטרייק! סטרייק! — האָט אויך זלמן געשריגן מיט אַלע קולות, און האָט דערביי געפילט, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אים ווי אין אַ לייכטער שיכרות.

— סטרייק! סטרייק! — האָט אָפּגעקלונגען אומעטום.

באַלד איז די פאַבריק געשטאַנען. די אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין הויף. עמיצער האָט פאַרצויגן אַ ליד.

פון ערגעץ האָט מען גענומען שרייען:

— ספּיטש! ספּיטש! זאָל זלמן האַלטן אַ ספּיטש!

צוויי געזונטע הענט פון אַ סלאָוואַקישן אַרבעטער האָבן אויפ־געהויבן זלמנען אין דער הויך.

ס'האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן.

— הוראַ פאַר זלמנען!

— הורא פאַרן סטרייק!

אַט אַזוי איז דער מיטל־יאָריקער דערשלאָגענער זלמן געוואָרן א בונטאַר, א רויטער.

דער לעצטער עטאַפּ

דאָס מעבל אין די צימערן איז געשטאַנען דאָ און דאָרט צע־וואָרפן אָן אַן אָרדנונג. ערשט נעכטן פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעצויגן אין דער נייער דירה. ביידע האָבן זיי זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן, ביז זיי האָבן אַלע פּעקלעך, פּעקלעך און סתם קלומ־קעס אויסגעפּאַקט און צעלייגט אויף די געהעריקע ערטער. זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער זיך איינאָרדנען, כדי זייער פריינט, וועלכער האָט באַדאַרפט צו גאַסט קומען, זאָל טרעפן יעדע זאַך אויפן אָרט — שוין איין „איינגעפּיקסטע היים".

— וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אַזויפיל מעבל? די פיר צימערן זיינען ניט גרויס גענוג, אַז זיי זאָלן קענען אַלץ אַריינגעמען, — האָט קלאַרא די ערשטע איבערגעריסן דאָס שטיל־שווייגן. און וואו וועלן מיר שטעלן דעם „ליווינג רום סעט" (די מעבל פון זאַל) און דעם ביכער־שראַנק? — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אויפ־ברויז ווידער איר מאַן אַ פראַגע געשטעלט און געזוכט מיט די אויגן אַן אָרט, וואו ס'וועט זיך בעסער פּאַסן.

— נישט באַדאַרפן „מופן" אַהער, האָט דער מאַן, ווי פאַר־שולדיקט געמורמלט, באַטראַכטנדיק צום הונדערטן מאָל דעם קליי־נעם צימער און געפלאַנעוועט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, מעסטנ־דיק די גרויס פון יעדן שטיקל מעבל באַזונדער, און אין דער שטיל מודה געווען, אַז די פיר צימערן זיינען ווירקלעך צו ענג פאַר זיין פאַמיליע און פאַר די מעבל.

— אָבער וואָס קענען מיר העלפן, קלאַרא, — האָט ער שוין דרייסטער אַרויסגעזאָגט, אַז די לעצטע צייטן זיינען אַזעלכע ביטערע, אַז ממש אונז איז שווער געווען צאָלן דירה־געלט אַפילו פאַר די פיר צימערן. פאַרגעס ניט, אַז אונזער הכנסה איז פאַרקלענערט געוואָרן כמעט ווי אויף העלפט: פיליפּ האָט פאַר די לעצטע זעקס חדשים אין הויז קיין סענט נישט אַריינגעבראַכט. סאָול גייט אַרום ליידיק די גאַנצע צייט פון וואַקאַציע. באַגרייף, קלאַרא, — האָט דער מאַן פאַרטגעזעצט, — ווי די צייט שפּילט מיט מיר אַ טייפלשן שפּיל! שוין באַלד געווען אַרויפגעאַרבעט, פאַרדינט גוטע געלט — געדענקסט שוין זיכער אַן אייגענע היים קויפן — פאַרשפּאָרן יאָרן און יאָרן צאָלן דירה געלט און אויסצאָלן פרעמדע הייזער . . . פלוצלונג, אַ דריי דאָס רעדל: מיין באַלעבאָס באַנקראָטירט און אויס מיטן „דזשאָב". מיר דאַרפן דאַנקען אונזער פריינט בערנשטיין, וואָס האָט מיר אַ שטעלע נעגעבן. ווען ניט בערנשטיין וואָלט מיר צוריק אויסגעקומען גיין אַרבעטן דאָרטן אין שאַפּ, וואו כ'האָב אַמאָל אַזוי שקלאַפעריש געאַרבעט, און זיין ווידער אונטער־וואַרפן דעם באָס, דעם פאָרמאַן, אַפילו דעם יוניאָן־דעלעגאַט, ווי אַ נעהאָרכזאַמער לאַקיי. דו ווייסט ניט ווי מיין זעלבסטווירדע איז דאַן געטראָטן געוואָרן, ווען איך האָב אין יענעם שאַפּ געאַרבעט? דערפאַר בין איך איצט צופרידן פון מיין שטעלע. מ'דאַרף אין אַזאַ אַבנאָרמאַלער צייט ניט „ראַפּטייען", ווי דער רוס זאָגט; דו וועסט זען, קלאַרא, אַז אַלץ וועט זיך אויספּרעסן און באַסטאַ. מיי־נע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אַליין געשעפטן געהאַט, זיינען איצט מיר מקנא. אַמעריקע איז טאַקע אַ לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן, אָבער ביז די מעגלעכקייטן דערגרייכן דיך, קען אַוועקגיין אַ גאַנ־צער יובל, און דאַן פאַרגעסט דער בלינדער שיקזאַל אָן דיין ריי, און זוכט אַ נייעם פּערזאָן... און אַזוי מוזטו ווידער וואַרטן און האָפן . . . דו דאַרפסט אָבער ניט זיין אַזוי איילנדיק, קלאַרא. איך ווייס שוין צו גוט דיין הייסן טעמפּעראַמענט; דו וועסט זען, אַז מיר וועלן זיך איינאָרדנען דאָ אין די פיר צימערן, און מיט דער צייט

לאָמיר ווידער האָפן. — דו שמייכלסט, דו שאָקלסט מיטן קאָפּ. בעסער שמייכלען, איידער זיין שטענדיק אָנגעברוגזט. דו וועסט זען מיט דיינע אויגן, סאַר׳א גרויסע וואוינונג, סאַר׳א אייגן היים מיר וועלן נאָך האָבן, — האָט דער מאַן שטיל ווי פאַרשעמט פאַרענדיקט.

— אַן אייגן היים, — האָט קלאַראַ גאַליק ווידערהאָלט — שוין מער ווי צוויי צענדליק יאָר, מאָרים, אַז דו רעדסט פון אַן אייגן היים. פריער — נאָך אין דער יוגנט — גלייך נאָך אונזער חתונה, האָסטו געחלומט פון אַ קאָלאָניע צוזאַמען מיט דער גרופּע נאַטוראַליסטן. פאַרלאָזן די רוישיקע גאַסן פון נויאָרק מיט די אַלע נערוועזע מענטשן, אַנטלויפן פון דער „אָנגעבלאָזענער ציוויליזאַציע", באַהאַלטן זיך ערגעץ אויף אַ באַרג צווישן הויכע, ווילדע גראָזן — זיין אַליין מיט דער נאַטור. און דו האָסט יאָרן און יאָרן פאַנטאַזירט, לופט־שלעסער געבויט, חלומות געוועבט ביז — ביז אַלץ איז צערונען געוואָרן, ווי זייפנבלאָזן . . . און עד היום ביזטו דער זעלבער בעל־חלום, אָפּגעזען, וואָס דו ביזט שוין אַ מאַן אין די טיפע פערציקער, און מערקווירדיק, ווי אין דער הינזיכט האָסטו זיך גאָרניט געענדערט. אַ טאַטע פון דריי דערוואַקסענע קינדער האָט שוין באַדאַרפט פּראַקטישער זיין. יאָ, מיר וועלן האָבן אַן „אייגן היים", סיידן די רעגירונג וועט געבן „פרייע לאַנד" — אויפן שטערן מאָרס, — האָט קלאַראַ איראָניש געשמייכלט און גענומען טאָן פאַרשידענע הויז־אַרבעט.

— פאַנטאַזיעס, חלומות, האָט מאָרים מיט פאַטאָס גענומעןריידן, — זיינען אַ צייטווייליקע דערלייכטערונג פאַר אַ צעוויטיקטער נשמה. פאַנטאַזיעס גיבן אונדז אַ פּלאַן ווי צו פאַרווירקלעכן אונזערע אונטערנעמונגען אין רעאַלן לעבן, ווען די גינסטיקע צייט וועט קומען . . . מ׳דאַרף זיין פאַרבאַרייטעט מיט אַלע טעאָרעטישע מעטאָדן און דאַן, ווען די טרוקענע פּראַקטיק קומט, קען מען עס לייכט דורכפירן. לאָז טרוימען, קלאַראַ, טרוימען פאַרזיסן און פאַרווייגן אונזערע אַלטעגלעכע פּראָזאַאישע שעה׳ן, און עס ברענגט אונז אַריין אין אַ שענער שטימונג: מיר ווערן אינספּירירט, מיר ווערן

דערהויבן צו מיסטישע מדרגות, און אונזער טאָג־טעגלעכער עקזיס־טענץ באַקומט שענערע קאָלירפולע פארבן. די וועלכע לעבן מיטן גרויען היינט זיינען פעסימיסטן. איך אָבער בין אַן אימפולסיווער, אַ סענטימענטאַלע נאַטור באַזיץ איך; טרוימען איז אַ טייל פון מיין לעבן.

מאָריס איז אויף אַ פּאָר מינוט אַנטשוויגן געוואָרן. אַ „תקיעה"־שאַל פון אַ שופר האָט זיך דערטראָגן דורך די אָפענע פענצטער צו זיי אין וואוינונג, און באַלד אַ „שברים־תרועה" און נאָכדעם אַ „תקיעה־גדולה" . . .

מאָריס האָט די ספּעציפישע שופר־שאַלן שוין לאַנג ניט גע־הערט. אַ שוואַך־אויפגעכאַפּטער ציטער פון אַ ווייטן עבר האָט אויפגעוואַכט אין די סליאַדן פון זיין נשמה און ס'האָט אים פרייד־דיק אַ גלי געטאָן, ווי אַ פייער־פונק אין אַ פינסטערער נאַכט . . . האַרציק־ליב איז מאָריסן געווען אָט די גלעט־לאַסטשענדיקע שאַלן.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין אַ באַבוימטן הויף, און דערזען אַ הויכע מויער וואַנט מיט וויים־בלויע שויבן פון אַ קאָלירט־רונדיק הויכן פענצטער.

— אודאי אַ שול! איז ווי אַ בליץ שנעל אַ געדאַנק אין זיין מוח דורכגעלאָפן. און איז ביים פענצטער פארטראַכט שטיין גע־בליבן און אָנגעשטרענגט זיך אויפצוכאַפּן ווערטער.

צו אים האָבן זיך דערטראָגן אַלט־באַקאַנטע, האַלב־פארגעסענע שורות פון דאַווענען: „תקע בשופר גדול לחרותנו" — — — — —

הם, — האָט מאָריס צו זיך געמורמלט, — ווי לאַנג כ'האָב די ווערטער ניט געהערט, דאָך ניט פארגעסן. עפּעס ווי איינגעזאַפּט מיט מיין מוטערס מילך. ווי סימבאָליש ס'קלינגען די ווערטער. „אַז דער רוף פון פרייהייט זאָל שוין קומען!" אַ טרייסט פאַר אַ גלות־פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט אין מזרח, מערב, דרום און צפון. ווי לאַנג עס איז שוין, אַז איך האָב אַזוי הייליק געגלויבט אין די אַלע טראַדיציעס? אַ לאַנג־פארגאַנגענער נאַאיווער גלויבן, האָט

מאָרים, ווי מיט א לייכטן ווי געמורמלט און איז אוועק פון פענצ־טער, צוריק אויפן ווייכן־שטול זיך געזעצט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געקומען איז מאָרים קיין אמעריקע מיט פיר־און־צוואַנציק יאָר צוריק פון א קליין שטעטל פון ווייס־רוסלאַנד. זייענדיק דאָ אין לאַנד אונטער קיינעמס השגחה, האָט אים דאָס ניי־לעבן אַזוי אימ־פּעטיק א שטויס געטאָן, אַז ער האָט צעבראָכן דעם אייזערנעם גדר אין וועלכן ער איז איינגעשפּאַנט געווען זיין גאַנצע יוגנט, און איז אוועקגעלאָפן אָן אַן אָפּשטעל א ווייטן מהלך.

אין א קורצער צייט ארום האָט זיך מאָרים אָנגעשלאָסן אָן א גרופּע אַנאַרכיסטן וואו ער האָט מיט התלהבות פון זיין יונג־דורשטיקער נשמה צו דער נייער „רעליגיע" זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט. פאַרדאַמט די אַלע „שאָוויניסטן", וועלכע זיינען מיט אים ניט איינשטימיק געווען. שטודירט די נייע אידייע מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. אַנאַליטיש דורכגעלייענט מיכאַאיל באַקונין, קראָפּאָטקין און אַנדערע אויטאָריטעטן פון אַנאַרכיזם; געגלויבט אין זייערע לערעס ווי א פייערדיקער חסיד אין הייליקן רבין . . . פּאָלע־מיזירט מיט אַלע קעגנער, פול געווען אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, גע־לעקטשורט, גערעדט, געגוואַלדעוועט ביז — ביז איינער א רוסישער אינטעליגענט, א טרוימער, א סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט אים מיט פאַקטן באַוויזן — אַז אַנאַרכיזם איז אַן אוטאָפּיע — קיינמאָל ניט דורכפירבאַר . . .

— א שאָד פאַר אַזא פעאיקן יונגן־מאַן, ווי איר זייט, פאַרלירן צייט און ענערגיע פאַר איין אוטאָפּישע אידייע! האָט אים איינ־מאָל נאָך א לאַנגער דעבאַטע, וואו דער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט אים באַקעמפט, דערקלערט.

קומט צו אונז, פריינט, אונזער פעלד איז גרויס, ברייט, פּרוכט־באַר! מיר דאַרפן האָבן אַזעלכע ווי איר. — און מאָרים איז אוועק — אוועק צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

נעכט נאָך נעכט, ביי מיטינגען, ביי לעקציעס. געוואָרן טעטיק אין זיין „דיסטריקט״; געפירט קאמפעינס אין צייט פון וואַלן. פראָפּאגאנדירט פאר די פּאָליטישע ארעסטירטע, געווען דער הויפּט־רעדנער, דער טאָן־געבער פון דער פּארטיי. איינמאָל ביי א פאר־זאמלונג איז צו א סקאנדאל געקומען, ווען אויף דער פּלאטפּאָרמע איז ארויף א פּועלי ציוניסט און איבערצייגט דעם ברייטן עולם אין א פלאמפּייערדיקע רעדע, אז ציוניזם איז דער העכסטער אידעאל.

— אלע אידן אָן אונטערשייד פון קלאסן און שאטירונגען מוזן און דארפן זיך אָנשליסן אָן אונזערע רייען! — האָט דער פּועלי ציוניסט געדונערט. מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס פארמאָגט מער ווי אנדערע נאציעס פארדאָרטע צווייגן, וואָס אלע ווילן פארלייקענען זייער „איד״ און פלאנצן וויין־גערטנער פאר פרעמדע, און אליין בעטלען א שטיקלע נחלה אין גלות! דאָרטן, אין אונזער אייגן לאנד, האָט דער פּועלי ציוניסט פּאטעטיש אויס־געשריען, וועלן מיר בליען און פארצווייגן זיך ווי אנדערע פעלקער, און אונזער ציון־פאָן וועט פלאטערן געמיינשאפטלעך צווישן דער גרויסער וועלט־משפחה פון אלע נאציעס!! . . .

עס איז שיער צו א בלוט־באָד ניט געקומען, ווען מאָריס האָט דעם פּועלי־ציוניסט גערופן שמאָל־קעפּיקער שאָוויניסט, „פּאלעסטי־נעץ״, אתה בחרתנו׳ניק!

—מיר מוזן ארבעטן פארן כלל מענטשהייט! — האָט מאָריס, שטייענדיק לעבן זיין זיץ געשריען. אלע ראסן, אלע פעלקער דארף מען באפרייען פון קאפּיטאליסטישן יאָך! אידן דארפן זיך אויס־מישן מיט שטארקערע, מיט ציוויליזירטערע פעלקער, דאַן וועט במילא די אידן־פראגע פארשווינדן און דאָס גלות־וואָרט אָפּגע־ווישט ווערן.

ווע פּאָליציי מישט זיך ניט אריין, וואָלט מען אויף מעסערס געגאנגען. מאָריס איז נאָכמער אין צאָרן אריין, ווען די אלע גע־נאָסן, וועלכע האָבן ארגאנזשירט די דעבאטע, זיינען געזעסן פון דער וויטן און זיך ניט אריינגעמישט . . .

— נאָכוואָס „איינלייגן אַ וועלט", פאַרלירן געזונט און כוח, — האָט מאָרים מיט זיך אַ חשבון געהאַט, ווען ער איז געקומען צו זיך אין צימער. די הויפּט פירער פון דער פּאַרטיי, וועלכע הילן זיך אין אַ מאַסקע פון סאָציאַליזם, זיינען אַליין רייך, געניסן פון אַלדאָס גוטס, און מיר, דער הויפּט עלעמענט, פון וועלכע די פּאַרטיי איז געקנאָטן, צעמענטירט ליידן דחקות און נויט. וועד איז דען דאָ אין דער פּאַרטיי, אַז מ'זאָל אַנערקענען מיין ארבעט? די פּאַרטיי דאָ אין אַמעריקע האָט גאָר אַנדערע מאָטיוון גאָרניט ווי אין דער אַלטער היים.

און מאָרים, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, האָט זיך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, באַשלאָסן צו האָבן איין אייגענעם מיינונג, ניט זיין אין אַ ראַם פון דיסציפּלין . . .

אַ לאַנגע צייט איז מאָרים געשטאַנען הינטער די קוליסן פון פּאַרטיי אינטריגעס. ווען אָבער אין דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און עס איז פאָרמירט געוואָרן אַ „לינקער" פליגל, האָט מאָרים מער ניט געקענט שטיין פון ווייטן און זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו. אַ געהיימע אומזיכבאַרע האַנט האָט אים געצווינגן צו ווערן ווידער טעטיק — און ער איז אַריבער צום לינקן פליגל און באַלד אַ קאָמוניסט געוואָרן . . .

די קינדער זיינע האָט ער געגעבן אַ פרייע דערציאונג; דער עלצטער זון פיליפ האָט איינגעזאַפּט אַנאַרכיסטישע טעאָריעס. סאָאול — אַ קעגנער פון אַנאַרכיזם, אַן איבערגעגעבענער פּאַרטיי־מיטגליד „פון יאָנג סאָשעליסט" און די זעכצניעריקע טאָכטער סאָניאַ — אַ הייסע אָנהענגערין פון דער „יאָנג פּיאָנערס ליג."

ביי מאָרים אין הויז קומען פאָר פון צייט צו צייט דעבאַטן, היים־פייערדיקע פּאָלעמיקס צווישן די קינדער, אָפּטמאָל היסטערישע רייסערייען . . .

דריי ריכטונגען, פאַרשיידענע שאַטירונגען אין איין הויז . . . פאָטער און מוטער שטייען פון ווייטן, מישן זיך ניט אריין אין די

קינדערשע ארגומענטאציעס — אָבער די עלטערן לײדן גײסטיקע װײען . . .

— געדינט צו אזױפיל געטער, — האָט מאָרים מיט זיך װידער א חשבון הנפש און קײן אײן „גאָט״ האָט מיר דעם רעאלן אמת ניט געגעבן ! ! . . . מײן נשמה איז פוסט, װאַכעדיק, לעכצט נאָך עפּעס אומבאַשטימטעס, מיסטישעס . . .

און מאָרים האָט די לעצטע צײט אָנגעהױבן בולט׳ער קוקן מיט אָפענע אױגן אױף זײן נײער פארטײ.

— אזא שטרענגע דיסציפּלין, אזא ענגער ראַם, װי מיר האָבן אין אונזער אָרגאניזאציע, איז נאָר גוט פאר א „דיסציפּלינארנעם באטאליאָן״ — װאו בױאנעס סאָלדאטן דארף מען דיסציפּלינירן . . . אָבער בשום אופן ניט פאר פרײדלעכע פּראָלעטאריער, װעלכע זײנען אָן דער דיסציפּלין אױך געטרײ פארנארט און פארשקלאפט...

מאָרים זוכט שױן נײע װעגן, א נײעם גלױבן . . .

זיין פאָטאָגראַפיע

קיינער אין פאַבריק האָט ניט באַמערקט, אַז וועלוול מיטן גלעזערנעם אויג איז ניטאָ. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אין דעם טונקעלן באַשטויבטן ווינקל, וואו ער איז יאָרנלאַנג געשטאַנען אויף זיינע פלאַכע פיס און שווייסיק געפּראַצעוועט. די אַרבעטער אַרום אים זיינען פאַרנומען מיט זייערע אַרבעט — ניטאָ קיין צייט אַרומקוקן זיך; מ'קען קיין מינוט ניט פאַרלירן; מ'טאָר דעם קאָפּ ניט אויפהויבן און באַטראַכטן ווער עס פעלט . . . איינגעהויקערטע זיצט מען ביי די ניי־מאַשינען; מ'וואַרפט מיט די הענט, מיט אַלע רמ"ח אברים, כדי נושא חן זיין ביים באָס . . .

געווען אַן אַלטער אַרבעטער וועלוול, אַ „זקן", ווי דער באָס פלעגט אים רופן. געקומען יעדן באַגינען אויף טאָג אין שאַפּ מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם, פאַמעלעך אויסגעטאָן זיין מאַנטל צוזאַמען מיטן רעקל, אויפגעהאַנגען שווייגנדיק די בגדים אויפן פאַרזשאַווערטן טשוואָק, וואָס פון קדמונים אָן שוין געווען אַריינגעקלאַפּט אין פיר־קאַנטיקן סלופּ, וואָס האַלט אונטערגעשפּאַרט דעם גאַנצן שאַפּ־בנין, און מיט די פאַרמאַזאַליעטע אָדערדיקע הענט די צוזאַמענגעשטעפּטע נעטלעך פון די אַרבל פאַנאַנדערגעשפּרייט און עקשנותדיק געקוועטשט דעם שווערן פּרעס־אייזן אויף זיי אַזוי לאַנג ביז די האַלב־ליגנדיקע נעטלעך האָבן זיך אונטערגעגעבן און מאַכטלאָז ווי יונגע גרעזלעך דורך אַ שווערער קאַסע ליגן געבליבן פריער

פאַרשוויצטע, פייכטע פון אָנגענעצטע וואַסער, דערנאָך פלאַכע אויס־געטריקנטע, באַזיגטע, ווי נאָך אַ שווערן קאַמף . . .

טאָג איין טאָג אויס שווייגנדיק, און בלוט פאַרגיסונג, האָט וועלוול „געפירט אַ מלחמה" מיט די אַרבל־נעטלעך פון טויזנטער בגדים און זיי אַלע גובר געווען, ביז פּלוצלונג ער אַליין איז נעלם געוואָרן . . .

ווען וועלוולס אָרט איז פאַרנומען געוואָרן פון אַ געזונט ברייט־פּלייצעדיקן טונקעלן יונג, ערשט דאַן האָבן אַ פּאָר נאָענטע מיטאַר־בעטער באַמערקט אַז דער אַלטער וועלוול מיטן גלעזערנעם אויג איז ניטאָ . . .

מיטאָגס־שעה, ווען דער גרויער לעבנס־ציטער ווערט אין שאַפּ אָפּגעשטעלט און די אַרבעטער מיט די שוויים־גלאַנצנדיקע פּנים'ער נעמען זיך צו זייערע פּעקלעך עסנווארג, דאַן ווערט פאַנאַנדערגע־וויקלט אַ שמועס איבער אַלץ און אַלעמען און עס ווערט אויך דער־מאָנט וועלוול, וועלכער איז אַהיים געקומען „אַ פרישער", אַ גע־זונטער און פּלוצלונג ,אין מיטן ביסן זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן, געגעבן אַ טיפן קרעכץ, אַראָפּגעפאַלן פון בענקל אויפן דיל און איז געשטאָרבן . . .

דער באָס אין מיטאָגס אָפּרו־שעה איז „דעמאָקראַטיש": כאַפּט אַ שמועס מיט דעם מיט יענעם, קלאַפּט אין פּלייצע די עלטערע אַרבעטער, זאָגט אַרויס אַ פּאָר פּאָרנאָגראַפישע באַמערקונגען אויף די מיידלשע אַדרעסן, פון וועלכע די פּאָר נאָענטע צו אים „פריינט" כאַכאָטשען ווי האַלב־ווילדע מענטשן. גלייכצייטיק דערציילט ער זיי גוט־ברודעריש, אַז וועלוול האָט געאַרבעט אין זיין שאַפּ העכער צוואַנציק יאָר.

—אָנגעקומען צו מיר אַרבעטן נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָט ריכ־טיק ווי דער „לאָקש" להבדיל. און טאַקע אמת געטריי געאַרבעט, ניט ווי די היינטיקע, ווי אַ שטייגער די „לינקע", ווי מ'רופט זיי — וועלכע פאָדערן פאַר אַלץ באַצאָלט. גיב זיי רק געלט, געלט; פאַר יעדער שטאָך באַצאָל זיי, ווער רעדט פון „אָווער טיים" —

כאַטש גילט זיי אָפּ . . . ער, װעלװל, „עליו השלום", איז געװען אַן „אַלד טיימער", אַן חכמות, אַ פּשוטער איד אויף װעלכן מ'האָט זיך געקענט פאַרלאָזן . . . װעל, „זאָל ער זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונז" ! . . .

— איך באַדויער װאָס װעלװל איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, — האָט שלוימקע, אַ יונגער בחור מיט פייערדיקע בליקן, זיך אַריינגעמישט. איך װאָלט אַזאַ נאַרישקייט ניט געטאָן. אויב יאָ גיין אויף יענער זייט, װאָלט איך אייך אויך מיטגעשלעפּט; מיט אייך איז עפּעס היימלעכער . . .

די אַרבעטער אַרום האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און אים איבערן פּלייצע געקלאַפּט.

— מאַלאַדיעץ, שלוימקע, האָט סאָניע, אַ יונג מיידל אין אַ רויטער בלוזקע, אים אַפּלאָדירט. זייער לאַניש אַרויסגעזאָגט. פאַר אייער געװאַגטקייט זייט איר װערט אַ קניפּ אין באַק.

איך װאָלט אייך איבערצייגט, — האָט שלוימקע פאָרגעזעצט, — װען װעלװל װאָלט געלעבט נאָך און געאַרבעט ביי אייך אין שאַפּ, װאָלט איר פון אים מער קיין נחת ניט געהאַט . . . אפילו אייערע „אַלד־טיימערס" װערן שוין קליגער, ניכטן זיך אויס פון טשאַד, טרייסלען פון זיך אָפּ דעם שטויב, דעם שימל, אין װעלכע איר און אייער גליכן האָבן זיי פאַראומריייניקט . . .

— מיט דיר ריידן אַ סך איז קענן מיין װירדע, — האָט דער באָס גדלות'דיק אַרויסגעזאָגט: דיר פאַר אַ לייט איז שוין שװער צו מאַכן.

און אייך פאַר אַ מענטשן צו מאַכן איז נאָך שװערער, האָט שלוימקע סאַרקאַסטיש אָפּגעענטפערט.

— מאַך צו דיין פּיסק, — איז דער באָס פון געדולד אַרויס. ער איז אַװעק אַן אַ זייט, זיך אָפּגעשטעלט דאָ און דאָרטן, באַטאַפּט די אַרבעט; געצויגן מיט די פאָדערשטע ציין די שפּיצן פון די לאַצן, געװאָלט אויסגלייכןביידע פאַסאָנען גלייך; געהאַלטן אין איין האַנט דעם ראָק, געגלעט די אַקסלען פון די איינגענייטע אַרבל, אַװעק־

געלייגט אים אויפן טיש, אַ קרים געטאָן דעם פּנים און איז צו זיך אין „אָפּים" אריין.

ריווע, וועלוול דעם אַלטנס ווייב, אַ הוסטיקע, מיט אַן אויס־געדרייטער פון רומאַטיזם פּלייצע, דרייט זיך אַרום איבער איר אָרימער וואוינונג ווי אַ שאָטן. זי זוכט מיט אירע האַלב־בלינדע, רויטע אויגן אין אַלע ווינקעלעך פון די פּאָר צימערן. פון יעדן קלענסטן שאָרעך ווערט זי אויפגעציטערט און אויף אירע געל־איינ־געפאַלענע צעקנייטשטע באַקן ווערן רויטלעכע פּליאַמעס באַצויגן. זי טראַכט אַ ווייַלע, גייט אַריין אין שלאָף־צימער, גייט צו צו דער קליידער־שאַפע, וואו וועלוולס אַ פּאָר אַלטע רעקלאַך הענגען פאַר־יתומט; טאַפּט אַרום דעם וואָכעדיקן רעקל, וועלכן ער פלעגט טאָג־טעגלעך טראָגן צו דער אַרבעט, זאַפּט איין די לופט פון דעם אויסגעוועבטן שווייס, נעמט אַרויס פון בוזים קעשענע אַן אַלטן טייסטער, עפנט אים פאַנאַנדער, — אַ סאַלדאַטסקער ביכל מיט וועלוולס אַ פאָטאָגראַפיע איינגענייט אין אים.

„זיין „קניזשקע", שעפּטשען אירע ליפּן. גאָט, ווי לאַנג עס איז שוין! אָבער ווי פריש איז נאָך אין זכרון . . . פון אים איז כאָטש עפּעס געבליבן — עפּעס אַ געדעכעניש . . . אָך און וויי צום געדעכעניש ! . . . וואָס וועט אָבער נאָך מיין טויט בלייבן, אַליין מיט מיין שאָטן. ווער וועט מיינע אויגן מיר צומאַכן? ווער וועט איצטער פאַר מיר זאָרגן? כדאי געוועזן אָפּלעבן אַ וועלט און פּראַ־צעווען, טייכן שווייס פאַרגיסן פאַר אַ באָס. אַ פאַדריאַטקע האָט מען פון זיין! אפילו צו דער לויה ניט געקומען. אים דאָרטן רייך געמאַכט און לוקסוסן פאַרשאַפט און אַליין פאַר דער צייט אַ קרבן געפאַלן . . .

—יאָרנלאַנג האָב איך מיט אים איינגעטענה'ט : אַרבעט ווי אַ מענטש — אים מאַכסטו רייך און דו אַליין — זע דיין שטאַנד . . . ער אָבער האָט מיך ניט פאַרשטאַנען.

און טרערן פאַלן פון ריוועס ברעמלאָזע אויגן און פאַרפּלעקן מער וועלוולס אָפּגעריבענע סאָלדאַטסקע פאָטאָגראַפיע.

##ביים שוועל פון שטיוול

(אַ מתּנה מײַנע פּיר זין)

ס'איז בין השמשות. אין די הויכע ווייטקייטן פון בלויען האָריזאָנט פאַרבט די פאַרגייענדיקע זון אין טונקל־רויט אַלץ וואָס זי פאַרכאַפּט אין איר ברייט־אומענדלעכן וועג. אַ מילדער זעפיר־ווינטל בלאָזט אַריין דורך די אָפענע פענצטער צו אונז אין אויטאָ־מאָביל שמעקנדיקע ריחות פון די פריש־אָפּגעשניטענע גראָזן און פון די בלוי־ווייסע ליליען, געל־גרינע טולפּאַנען און רויטע ראָזן, וואָס וואַקסן לרוב אויף די פלאַך־גרינע פּילפאַרביקע פעלדער.

ווייט און ברייט אין טאָל שפּרייט זיך כוואַליעדיק אַ טונקל בלויער פּאַס פון דעם טיפן רוישיקן טײַך האָדסאָן און ביים ראַנד פון די בלויע וואַסערן גרינען ביימלעך, קוסטעס און סתם ווילדע גראָזן פון אַלערליי פאַרבן און קאָלירן. מאָטאָר־שיפלעך „סקורנעס" און גרויסע עקסקורסיע שיפן מיט יום־טובדיק־פאַרפּוצטע פּאַסאַזשירן שווימען פאַרביי אונז, איבערלאָזנדיק הינטער זיך סליאַדן פון שוימע־דיקע סטעזשקעס אין די טונקל גרויע ברויזנדיקע וואַסערן וועלכע ווערן באַלד פאַרלוירן ערגעץ ווייט אין נעפּעלדיקן חלל צווישן הימל און וואַסער . . . רעכטס הויבן זיך גרינע געקייקלטע בערג מיט טונקל־גרויע שטיינער באַדעקטע מיט אַ מאַך־שימל, וואָס נידערן משופּעדיק אַרונטער צו די טיפע וואַסערן פון האָדסאָן ריווער.

קענגאיבער דער צווייטער זייט האָט די נאַטור מזל און ברכה־דיק צעשפּרייט איר פולע שפע איבער לאַנגע מיילן און מיילן אַן אַלטן סאַסנאָוון וואַלד, וואו די לאַנג־יאָריקע ביימער שטייען אַזוי ענג צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, אַז אַפילו די ברענענדיקסטע זונען־שטראַלן זיינען ניט בכח אַריינצודרינגען אין די וואַלד־טיפע־נישן. אָפּט צו באַלייכטן די באַוואַקסענע מיט ווילדע גראָזן און טרוגענע אָפּגעפאַלענע צווייגלעך די קוים דורכגייענדיקע שטעגלעך. קאָלירפולע גרין־באַזייטע פעלדער ליגן רחבה'דיק אויסגעשפּרייטע אין אַ גרויס שטיק שטח. פון ווייטן זעען זיך דאָ און דאָרטן צעוואָרפענע, פאַרנעפּלטע הייזלעך, איינגעטונקטע אין גרינס.

אָן אַ זייט פון ברייטן שליאַך צווישן באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד שטייט פאַרשליידערט אַן איינזאַמע, האַלב איינגעפאַלענע הייזל, ווי אָפּגעטאָן אַ ביטערער שפּאַס פון אַ בייזוויליקן מענטשן.

האַרט ביים שטיבל שטייט אַן אַלט־צעקנייטשטער, שטענדיק פאַרכמורעטער האַלב־בלינדער זקן און שומר'ט דאָרט אימיצן, ווי אַ געטריי־צערטלעכער פאָטער זיין שלעפעריק־קראַנק קינד . . .

זיין אַלטע ווייב קאָרטשעט זיך אין אַגאָניעס. די זעלבע ווייב, וואָס האָט אַמאָל־אַמאָל אַ וועלט געברענט: געאַקערט דאָס פעלד אַרום שטיבל, געהאָלפן דעם אַלטן דאָס הייזל אויפשטעלן, געזייט דאָס שטיקל פעלד, געשניטן גראָזן, קאָרן, ווייץ, ביימער געזעגט, געהאַקט און דערצו אַ סך קינדער געבוירן, דערצויגן און זיי פאַר נוצלעכע בירגער געמאַכט; ווען זיי זיינען גרויס געוואָרן איז דאָס שטיבל מיטן פעלד און וואַלד אַרום זיי ענג געוואָרן, פאַרלאָזן זיי טאַטע־מאַמע, די באַלעבאַטישקייט, די ריינע געזונטע נאַטור און אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, וואו דאָס לעבן מאַניעט, לאָקט, און גלייך דאָרטן זיך אַריינגעפּאַסט און פאַרבליבן. איצט ליגט די

אַלטע מאַמע שלאָף, אָפּגעצערט, ווי אַ סקעלעטן־געשטאַלט און ראַנגלט זיך צווישן לעבן און טויט . . . דער אַלטער, איר שטענדיק־אייביקער פריינט, חבר און שומר, שטייט לעבן טיר פון שטיבל, קוקט מיט שטאַרע אויגן אין נעפּלדיקער ווייטקייט, דרייט דעם קאָפּ אין מזרח, מערב, צפון: אפשר אַן אַלט־גוטער פריינט, אָדער באַ־קאַנטער קומט אָן, וואָס זאָל רחמנות האָבן אויף צוויי אומבאַהאָלפענע און געבן צו וויסן דאָרטן אין דער ווייטער, גרויסער שטאָט זיינע זין און טעכטער, אַז זייער אַלטע מאַמע שטאַרבט און וויל זיי זען, איידער די אויגן ווערן אויף אייביק געשלאָסן — — אָדער זאָל דער גוטער מענטש זיך אָפּשטעלן אַ קורצע צייט לעבן זיין טייערער קראַנקער און ער אַליין וועט צופאָרן דאָרטן אין שטאָט... — — און געבן צו וויסן דאָרטן אין דער ווייטער, גרויסער שטאָט זיינע זין און טעכטער, אַז זייער אַלטע מאַמע שטאַרבט און וויל זיי זען, איידער די אויגן ווערן אויף אייביק געשלאָסן — —

דער שליאַך אַרום שטיבל איז אָבער מיט ווילדע גראָזן און דערנער פאַרלייגט. קיינער באַמערקט ניט דאָרטן די פאַרלאָזענע, ביים לעבן נאָך פאַרגעסענע, אַלטע . . . דער וועג איז אָפּגעהאַקט, אָפּגע־שניטן, פאַרגעסן פון גאָט און מענטשן! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. די בייזע נאַכט האָט דעם בין השמשות באַזיגט . . .

שטיקער צעריסענע וואָלקנס, שווערע ווי בליי, ריזיקע ווי די ער־דישע בערג, לויפן אין די הויכע ווייטקייטן, יאָגן זיך, גאַלאָפּירן ווי

ווילד גרויסע וועלף אין משונהדיק גיגאַנטישע געשטאַלטן, כמאַרען זיך ענגער און ענגער און פאַרלעשן שטערן נאָך שטערן . . .

פון ווייטן זעט זיך נאָך ווי סילועטיש שוואַרצט דער איינגעהויקערטער אַלטער לעבן שוועל פון זיין הייזל, — שומר'ט זיין אַלטינקע, ווי אַ געטרייער פאָטער זיין קליין שלעפעריק, קראַנק קינד . . .

אַ סעט מעבל

זיי אַרבעטן צוזאַמען אין איין פאַבריק ביי פרויען־מאַנטלען. ער — אַן אָפּערייטאָר, זי אַ „פינישערין".

גלייך נאָך דער חתונה האָבןביידע אָן אָפּמאַך געשלאָסן, אַז זייער הייראַט זאָל פאַרבלייבן אַ סוד פאַר די אַרבעטער און פאַר'ן באָס, כדי זי זאָל ניט פאַרלירן איר פּריווילעגיע וועלכע שטעלט זי צופרידן, כלומרשט, מיט „אַ בעסערן" באַצאָלטן פּרייז.

מאַן און ווייב האָבן געוואָלט איינאָרדנען אַ שיינע היים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונג־אינטעליגענט פּאָר־פאָלק.

— אַ זויבער־ליכטיקע היים, — פלעגט רובין דערקלערן מיט פּאַטאָס זיין יונג באַ'חנ'טע אסתר'ן, און באַווייזן מיט לאָגישע פאַקטן, איז דער קדשי־קדשים פון פאַמיליען־גליק; וואו עס איז ריין, ליכטיק און אָרדנונג, הערשט דאָרטן אַ שטענדיקער שלום בית צווישן מאַן און ווייב, און עס איז דער געזיכערטסטער פונדאַמענט פון שטענדיקע ליבע און פרייד . . .

רובין האָט אַביסל געלט יאָ פאַרמאָגט, אָבער דער שפּעטסטער מאָדל־מעבל־סעט, וואָס זיי האָבן פאַרבייגייענדיק געזען אין אַ שויי־פענצטער פון אַ גרויסער מעבל־געשעפט, איז געווען צו ווייניק פאַרן פרייז, וואָס מ'האָט געבעטן, — האָט אסתר מיט חנ'עוודיקע שמייכלען איינגעשטימט צו אַרבעטן אין שאָפּ נאָך אַ סעזאָן, כדי איניינעם אָפּשפּאָרן די נויטיקע סומע געלט.

רובין איז פון דער נאַטור אַן עמפינדלעכער און אַן איימפּערזיכ־

טיקער: ער קען בשום אופן ניט דולדן, וואָס זיין באַלעבאָס קוקט מיט ליידנשאַפטלעכע אויגן אויף זיין יונג־שיינער אסתר'ן; אים דוכט זיך אַז מיט זיינע צוויי תאוה'דיקע אויגן פרעסט ער אויף אסתר'ס שיינע אויסגעטאָקטע אברים, און דרינגט אַריין מיט זיינע גיריקע בליקן אין אַלע אירע פאַרבאָרגענע ליניעס פון איר בוינזאַם רייצנדיקן קערפּער . . .

רובין קען ניט פאַרטראָגן, ווען דער באָס שמייכלט צו איר, רופט זי מיט צערטלעכע נעמען; רעדט ווייכע, האָניק־זיסע רייד און לאַסטשעט זיך צו איר . . .

אַרויסגיין מיטן אמת — דערקלערן, אַז אסתר איז זיין געזעצלעכע פרוי, — חתונה געהאַט מיט איר „כדת משה וישראל", און זאָל עס אויפהערן מיט זיינע אומריינע, ווי מיט ביימל אויסגעשמירטע אויגן, בודק זיין איר קערפּער, האָט רובין קיין מוט ניט . . . און אַגב דער אָפּמאַך צווישןביידן: ווען דער באָס דערוויסט זיך, אַז אסתר איז שוין פאַרהייראַט, ענטזאָגט ער זי אין גאַנצן פון דער אַרבעט . . . און וואָס וועט דאַן זיין? אוים מיטן מאָדעל סעט מעבל, אוים מיט דער שיין־ליכטיק היים, אוים אפילו מיטן שלום־בית. דאַן איז דאָס גאַנץ לעבן פון מאַן און ווייב גרוי־וואָכעדיק, באַנאַל, און ס'איז שוין בכלל מיאוס געוואָרן וואוינען ביי יענעם אין אַן ענגן צימער, וואו פרעמדע שטעכיקע בליקן קלעטערן דורך דורך די שפּאַרונעס פון טיר . . .

— ניין, האָט רובין ביי זיך פעסט באַשלאָסן. — איך וועל האַלטן דעם סוד אַזוי לאַנג ביז כ'וועל קענען פאַרטראָגן, ביז מיינע גייסטיקע ווייען וועלן דעם צאַם ניט צעברעכן . . .

מיטאָגס־שעה, ווען אין שאַפּ ווערט דער לעבנס־ציטער אָפּגעשטעלט און ווען דער באַלעבאָס ווערט אין אַ בעסערע שטימונג — מער רעדעוודיקער, מער „דעמאָקראַטישער" — דאַן זעצט ער זיך לעבן אסתר'ן האַרט צוגעטוליעט, שושקעט איר אַריין סודות אין

אויער, פון וועלכע אירע רונדע, שיינע באַקן ווערן פאַרפלאַמט — נעמט אַן איר שיין־ווייס אויסגעפילטע האַנט, דערציילט איר אין דער שטיל אַ פיקאַנטע מעשה׳לע, פון וועלכער ער אַליין לאַכט ביים ענד אומגעלומפערט ווילד און קלאַפּט אונטער אין טאַקט מיט זיינע האַריקע הענט איבערן טיש.

רובין זיצט פון ווייטן, ווי אויף שפּיציקע דראָטן. ער פילט ווי אַט אַט פּלאַצט זיין געדולד; ער פילט ווי אויפשפּרינגען פון זיין בענקל, נעמען דעם אַלטן בחור־באָס פאַר די לאַצן און אונטערהאַקן איםביידע אויגן. ס׳פאַרמירן זיך ביי אים צונויפגעדריקטע פויסטן. ער וויל אויסשרייען: פאַדליעץ! בולוואַן! האַלט! רוק זיך אָפּ פון מיין אסתר׳ן! דיר ניט אַן מיט דיין אומריינעם קערפּער מיין ערלעכע פרוי — און גלייכצייטיק שטרענג אַ רוף טאַן אסתר׳ן — איר אַ פאָרוואורף מאַכן: ווי וואַגסטו? וואָס הייסט? אסתר, דו? אַזוי אינטים?! רובין בלייבט אָבער זיצן מיט צונויפגעשטעמטע ציין, קערט אָפּ דעם קאָפּ, קוקט אַרויס אין גאַס און פאַרנעפּלטע מחשבות און בלאָנדזשען אַרום אין ווייטן חלל . . .

אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן די אַרבעטער אין שאַפּ אָנגעהויבן וואַרפן פאַרדעכטיקע בליקן אויף אסתרן און צו שיקן וואולגאַרע וויצן אויף איר אַדרעס . . .

— עפּעס איז אסתר׳ס פיגור מיט אַמאָל פעטלעך געוואָרן; עפּס זעט זי אויס באַבסקעוואַטע, — פלעגט אַן אַרבעטער באַמערקן אַ צווייטן.

אָט האָסטו זיך אַמעריקע! נאַ דיר אַמעריקאַנישע מיידלעך, טפו זאָל דאָס זיין!

—דערגייי היינטיקע צייטן אַ טאַלק ווער ס׳איז ערלעך און ווער ניט . . . פלעגט דער אַלטער בעריש מיטן האַלב־אָפּענעם ווייסל־אויג באַמערקן צו זיין שכן און גאַליק צו זיך עפּעס געמורמלט . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ם׳האָט אָנגעהויבן מערקן פון טאָג צו טאָג, אַז דאָס „מיידל״

ווערט פעטער און פעטער. איר עלאַסטיש־בויגזאַמער פיגור האָט אָנ־געגומען נאָר אַנדערע פאָרמען . . . עפּעס אַנדערע קליידער: ברייטערע, לענגערע האָט אסתר אָנגעהויבן טראָגן.

דער באָס איז געוואָרן פרעכער צו אסתר'ן. פאַר'גנב'עטע בליקן האָט ער געוואָרפן אויף איר רונדן, מער אַנטוויקלטן בוזים, ברע־נענדיקע, ווי מיט פאַספאָר אויגן, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס. ער פלעגט זי דרייסטער אַרומנעמען, כלומרשט אין אַ שפּאַס גלעטן אירע זאַקן, אַנטציקט ווערן פון אירע רויטע זאָקן־בענדלעך . . .

רובין, אין די מינוטן פון באָס באַנעמונג צו אסתרן, פלעגט ווי אַ צערייצטער טיגער אַרומשפּאַנען איבערן שאַפּ און צו זיך נער־וויאיש, ברומען: — מער דולדן קען איך ניט, גענוג! היינט מוז נעמען אַ סוף! !

די אַרבעטער פלעגן נאַריש און פאַרשעמט שמייכלען. איי־ניקע מער „געוואַגטערע" פלעגן חוצפּהדיק אסתרן אַריינלאַכן אין פּנים און מורמלען עפּעס אין דער שטיל . . .

אויף אסתר'ס בלאַס־מאַטאָווע באַקן פלעגט פון אויפרעגונג ווי צעפּליקטע פּורפּור־רויטער בלומען זיך צו שפּילן . . .

— אַוועק פון מיר, אומפאַרשעמטער! האָט אסתר איינמאָל מיט שוים אין די מויל־ווינקלען, צום באָס געשריען און געוואָרפן די אַרבעט אים אין פּנים אַריין, ווען ער האָט געוואַגט איר עפּעס אַריינ־שושקען אין אויער . . . איר זענט אַ ברוטאַלע חיה אין אַ מענטשן געשטאַלט! — האָט זי היסטעריש אויסגעשריען און זיך אויפ־געהויבן פון בענקל. אַלע אַרבעטער זיינען געזעסן ווי פאַרשטומ־טע מיט אָפענע מיילער, צוקוקנדיק איר ספּאָנטאַן־העלדישן אויפבראַוז, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל, זינט זיי אַרבעטן דאָרטן אין שאַפּ, ניט געזען פון אסתר'ן און פון קיין אַנדער מיידל.

— אַן אמת'ע מפּלה פאַר'ן פּאַראַזיט, פאַר דער פּיאַווקע, — האָט איינער צום צווייטן זיך איבערגעוואונקען.

דער באָס האָט זיך ווי אַן אויסגעפּיפטער אַקטיאָר ווייט אָן אַ זייט זיך אָפּגערוקט; נאַריש ווי אַ פאַרלוירענער געשמייכלט צו

די ארבעטער און ווי א פארטשאדעטער זיך אריינגעשארט אין זיין אַפּים.

רובין איז געווען איבערגליקלעך, וואָס זיינע גייסטיקע ליידן האָבן זיך אזוי דראמאטיש געענדיקט. ער האָט פייערדיק אסתרן גע־קושט און געריממט פאר איר בראווקייט און אַנטשלאָסנהייט, בשעת ער, דער מאנצביל איז געווען שוואך און הילפלאָז . . .

— איך בין צופרידן אָן א סעט־מעבל, — האָט רובין צו אסתר'ן כמעט ווי מיט טרערן גערעדט; איך בין גליקלעך, וואָס דו ביזט ענדלעך פּטור געוואָרן פון דעם נפש, וועלכער האָט דיך געהאַלטן ווי א שפּיל־צייג אין זיינע אומריינע הענט.

„איביק וועל איך לעבן״ . . .

אַ געשלענגלטע סטעזשקע־וועג, אָנגעוואָרפן, ווי פון אַ געהיימע אונזיכבאַרע האַנט, מיט שפּיציקע שטיינדלעך און אויסגעטראָטן פון איינצעלנע פיס־טריט, ציט זיך אין וואַלד דורך האַלב־פאַרשטעלטע, דורכגעפלאָכטענע צווייגן פון דורות־לאַנג אור־אַלטע ביימער צום קליין דלד־אמות גרוי־שטיבל, צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע ברעטער און באַדעקט מיט אַ משופּעדיקן דאַך פון אַלטע פאַרשימלטע שינדלען

דאָס גרוי שטיבל מיט דעם געהיימניספולן מענטשן, וואָס וואוינט אין איר, זען ביידע אויס פול מיט סודות און רעטענישן פאַר די אָפּטע באַזוכער, וועלכע פאַרבלאָנדזשען פון צייט צו צייט אַהין זוכן ווילדע פּאַזשימקעס, יאַגדעס אָדער „זעמליאַניקעס״. דער אייגנטימער פון דער ברעטער־שטיבל וואוינט דאָרטן יאָרן און יאָרן, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, פון ציוויליזאַציע און קולטור; לעבט איינגעשלאָסן מיט זיך אַ פּרימיטיוו־גרויען לעבן. אויף די טונקעלע מיט שטויב און פּאַאוטינע באַוועבטע ווענט פון זיין שטיבל הענגען צעוואָרפן אַפּאָר אָפּגעבלאַקירטע בילדער, וועלכע ס׳איז שווער אונטערשיידן איינס פון דאָס צווייטע. און אין אַ ווינקל וואַנט, הויך אויף אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק הענגט אַ פאַרשטויבטער זייגער, גלייך עטוואָס נידעריקער — ראַסקינס אָפּריים קאַלענדאַר. און קעגנאיבער דער צווייטער וואַנט הענגען עטלעכע פאָטאָגראַפיעס צום אָנדענקען פון זיינע אָנהענגער, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אים באַזוכן און מיט יראת הכבוד שטיין אין זיין שאָטן און הערן

פון זיין מויל אַזעלכע מיסטעריעזע מעשיות פון אַן אייביקן לעבן אויף דער ערד, אַז זיי פלעגן ווי פאַרהיפּנאָטיזירטע בלייבן שטיין מיט האַלב־אָפענע מיילער און מיט שטאַרע בליקן קוקן אין איין אומ־באַשטימטער ריכטונג . . .

צווישן זיינע פאַרערער און שטאַרקע אָנהענגער האָט דאָס גרויס־שטאָטישע מיידל יהודית אים פּשוט פאַרהייליקט. און ווען איר ברודער דוד, דער נאַטוראַליסט מיט די לאַנגע צעפּאַטעלטע האָר און לייוונטענע זאַכן און שיך, פלעגט אָפּט קומען אין די בערג „פאַר ענדע וואָך" אויף זיין וואַקאַציע, פלעגט יהודית אויך מיטפאָרן און דאָרטן אויפן שוים פון נאַטור אירע גליקלעכע שעהן קלייבן . . .

יהודית האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווען דוד איז צו אים אין שטיבל געקומען. זיין קליידונג, זיינע מאַנירן, זיין פאַרוואָקסנקייט, האָט די ערשטע צייט געמאַכט אויף איר אַ שלעכטע ווירקונג, און דער ווידער־גערוך פון זיין קיינמאָל ניט געוואַשענעם קערפּער האָט פּשוט איר אָטעם פאַרכאַפּט, אָבער זיינע דרינגענדיקע היפּנאָז־מאַגנעטישע אויגן מיט די פאָספאָר־פונקען, און זיין מיס־טישע שפּראַך און גערדאַנקען־גאַנג, האָבן איר פאַר'כישופ'ט . . . ער האָט איר אין די אויגן אַזוי טיף און שאַרף אַריינגעקוקט, אַז איר האַרץ האָט פאַרשנעלערט איר טעמפּאָ און לאַנגע שעהן ניט געקענט זיך שיידן פון אים . . .

דוד'ן האָט שוין שטאַרק פאַרדראָסן און ווייַ געטאָן, וואָס ער האָט זיין יונג שוועסטערל באַקאַנט מיט אים, הגם ער האָט קיין באַמערקונג איר ניט געמאַכט; זיין האַרץ האָט עפּעס געהאַט אַ פאָרגעפיל. אירע פרייע טעג פון אַרבעט, אפילו ווען דוד פלעגט ניט קענען פאָרן אין די בערג, פלעגט יהודית אַליין קומען צו אים און שעהנלאַנג זיצן ביי אים אין שטיבל און באַדינען אים ווי אַ געטרייע דינסט איר באַלעבאָס . . . ער, ברוך, האָט איר אויסגעלערנט די סודות פון די ביימער, פון די צוויינגן, פון די גראָזן, אפילו פון אַלע שרצים און קריכנדיקע ווערימלעך, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען לרוב. יעדער זאַך האָט ער איינגעוויקלט אין אייביקייט,

און ווי אויף גרינע קאַנווע געוועבט פאַר יהודיתן פאַרבנרייכע פאַנ־טאַסטישע בילדער פון אייביקן לעבן . . .

— אייביק וועל איך לעבן ! אייביק וועט מיין גייסט אַרומ־שוועבן אין די הויכע ספערן פון וועלטאַל, — פלעגט ער מיט התלהבות צעצויגן ריידן און מיט ברייט צעעפנטע האַלב־ווילדע אויגן באַטראַכטן יהודית צאַרט־בויגזאַמן קערפּער פון קאָפּ ביז די פיס. מיין נשמה, מיין גייסט, מיין קערפּער וועט אַ תיקון באַ־קומען דאַן, ווען, דו שיינע טאָכטער פון פאָלק ישראל, יהודית, וועסט באַהעפטן זיך מיט מיר ! . . . און אינאיינעם מיט דיר וועט מיין לעבן און דיין לעבן זיין באַפרוכפּערט מיט שיינע פירות, וועל־כע וועלן אין דער ווייטער צוקונפט דינען ווי אַ באַראָמעטער, ווי אַ לייכט־טורעם פאַר דער זינדיקער מענטשהייט ; הגם איך בי על־טער פון דיר מיט דרייסיק יאָר, אָבער מיין פאַרלאַנג און כוח איז נאָך פריש, צאַפּלדיק, און אין דעם צושטאַנד וועל איך שוין איי־ביק בלייבן. יאָ, דו ביסט איצט יונג, פול מיט לעבנס־טוי, זאַפטיק, קרעפטיק, ווי דאָס קליין, גרין צווייגעלע, וואָס הענגט איבער אונ־זערע קעפּ, פלעגט ער מיט אַ ברען־לײדנשאַפטלעכן קול הויך אַרויס־קרעכצן, אָבער אָן מיין נאָענטקייט וועסטו פאַרדאַרט און פאַרוויאַ־נעט ווערן, ווי די צווייגלעך און גראָזן אין ווינטער־צייט. און גע־דענק, אַז אפילו אין טויזנט יאָר אַרום וועסטו אויך אַזוי זיין. אָן מיר אָבער — טויט, פאַרניכטונג, אָפּגעמעקט ווי נאָך אַ טאָרנאַדאָ־שטורם, פאַרשווינקט ווי נאָך אַ גרויס פאַרפלייצונג . . . און יהודית מיט אַ טיף־געבויגענעם קאָפּ איז געזעסן האַרט צוגעטוליעט צו זיי־נע פיס און הייליק געגלויבט אין זיינע נבואה־ווערטער . . . — —

זי פאַרלאָזט אויף שטענדיק די גרויסע שטאָט מיט די ראַשיק־טומלדיקע וואָולגאַרע גאַסן און פאַרקלייבט זיך צו אים אין וואַלד־שטיבל. דאָרטן איר אייביקן נעסט בויען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ערשטע פאַר טעג איז יהודית פון אים אָפּגעזונדערט. טו־

ליעט זיך אין דער נאַכטישער שרעק אין אַ ווינקל פון נאַקעטן דיל אין איר אייגן וואַרים לייב, און שפּעטער אין עטלעכע טעג זיך איבערגעגעבן צו אים . . .

ער איז געוואָרן לעבעדיקער, פריילעכער, זיכערער, זיינע ליי־דנשאַפטלעכע אויגן, ווי מיט פאַספאָר אָריינגעטריפט, ברענען טאָג און נאַכט. עסט איר צאַרט־ווייס לייב ווי אַ צערייצש־הונגעריקער וואָלף; אויסגעזויגן, אויסגעדריקט איר זאַפט און בלוט ביז צו פאַרלירן זיך . . .

זי ווערט דאַרער, מעלאַנכאָלישער, בלאַסער — אירע בריסט ווערן איינגעפאַלן, פלאַכער פון טאָג צו טאָג. ווען ער גייט ער־געץ אוועק אין וואַלד — וויל זיין ביחידות, ליגט יהודית אויפן הארטן געלעגער שעה'נלאַנג, טראַכט און טראַכט, און ווען ער קומט צוריק, ווערט זי אויפגעלעבט, טוליעט זיך צו אים, זוכט טרייסט אין זיינע רייד.

— דערצייל מיר נאָך עפּעס, מורמלען מיט רחמנות־געבעט אירע ליפּן. און ברוך פלעגט ריידן פון מיסטיציזם, פון „קבלה״, פון „זוהר״, פון מלאכים, פון אייביקן לעבן דאָרטן אין די מיליאָנען ווייטע פלאַנעטן, וואָס הענגען אין טיפן רוים . . .

יהודית מיט אַ פאַרכאַפּט אָטעם מיט ברייט־צעעפנטע אויגן פלעגט אים קוקן גלייך אין פּנים און באַוואונדערן זיין טיפע וויסנ־שאַפט.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און לאַנגע וואָכן, ביז דער קאַלטער הארבסט איז אָנגעקומען.

די בלעטער פון די ביימער זיינען געל געוואָרן און אַראָפּגע־פאַלן. די גראָזן פאַרוויאַנעט. דורך טיר און פענצטער און שפּאַ־רונעס פון שטיבל האָט אומ'רחמנות'דיק אַריינגעבלאָזן דער קאַלט־שניידנדיקער הארבסט־ווינט. עס זיינען אַנטשטאַנען טריבע רעגנ־דיקע נעכט.

פון צייט צו צייט פלעגט יהודית'עס ברודער צו גאַסט קומען,

מיט טרערן בעטן זי זאָל אים פאַרלאָזן, גיין מיט אים אהיים, וואו איר חתן יצחק בענקט נאָך איר, צאַנקט ווי אַ ליכט, ליגט קראַנק. יהודית איז געווען האַרטנעקיק.

— איך גיי ניט אין ערגעץ פון דאַנען. דאָ איז מיין אייביקע היים, — פלעגט זי איר ברודער שטיל ענטפערן. — איך מוז אים פילעווען. ער איז מיין גאָט, מיין גלויבן! איך בין זיין איינציקע מוטער. ער מוז דאָך אייביק לעבן און איך מיט אים. אַלץ וועט פאַרניכטעט ווערן. מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך, כדי צו בויען אַ נייע וועלט! . . . אירע אויגן האָבן מיט פייער־פונקען געלויכטן אָבער איר פּנים איז געל און געלער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

דוד פלעגט טרויעריק מיטן קאָפּ שאָקלען, באַדויערן איר יונגצאַנקענדיקן לעבן און מיט טיפע זיפצן פאַרלאָזן דאָס שטיבל. און מיטן האַרבסט־אָנקום זיינען זיינע וויזיטן צו יהודית׳ן געוואָרן זעלטענער און זעלטענער. — — — —

דער רעגן קלאַפּט מיט פּיקל־דראָב אין דעם פאַרנעפּלט־קליין פענצטערל און אויף די ווענט. דער ווינט וואָיעט אין קוימען אַריין, ווי אַ סטאַיע וועלף וואָלטן זיך אין הייזל געבעטן אויף נאַכטלעגער. די געשלענגלטע סטעזשקע־וועג וואָס פירט צום שטיבל איז באַהורבעט מיט אויסגעווייקטע פאַרוועלקטע בלעטלעך און אַראָפּגעבראָכענע פון ווינט נאַסע צווייגן. יהודית, איינגעהילט אין אַן אַלט־שוואַרצן נאַסן מאַנטל, שטייט געבויגן צו דער ערד, קלייבט צווייגלעך, כדי אַ פייער צו מאַכן, שפּייז וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט פאַרן זומער איז שוין אויסגעליידיקט. זיי פילן אַ מאַנגל אין אַ טרוקן שטיקל ברויט.

ברוך ווערט קראַנק פּלוצים. באַקומט אַ הויכן טעמפּעראַטור, ראַנגלט זיך מיטן טויט זעקס טעג און שטאַרבט.

יהודית שרייט, וויינט, רופט נאָך הילף. פאַלט צו צום טויטן, וועקט אים, רופט אים: „ברוך, ברוך, שטיי אויף! דו לעבסט דאָך אייביק!” שטייט אויף די קני לעבן זיין געלעגער אַ היפּשע

צייט, קוקט אויפן געשטאָרבענעם פיינלעך, זעט מיט יעדן מינוט בולט'ער, ווי דער טויט האָט נאָך העסלעכער געמאַכט זיין אויסזען, שטעלט זיך אינסטינקטיוו אויף, באַרואיקט זיך עטוואָס, ווישט אויס די נאַסע אויגן, טרייכט אַ ווײַלע, באַזינט זיך ; גייט מאַשינאַלנע צו צו די ווענט, רייסט אַרונטער די פּאָר אָפּגעבלאַקירטע בילדער מיט די אַלע פאָטאָגראַפיעס, מאַכט אַ קליין פּעקעלע, הילט זיך איין אין שוואַרצן מאַנטל, גייט צו אַ צווייטן מאָל צום טויטן ; דרינגט אַריין אין זיין פּנים אירע ברייט־צעעפנטע אויגן און מורמלט מיט ציטערדיקע ליפּן : איך וועל אָנזאָגן מענטשן אַז „ברוך איז טויט ! ניטאָ קיין אייביקייט ! ״ און איך האָב אים אַזוי נאַאיוו געגלויבט ! ! וואַרפט איר לעצטן בליק נאָכאַמאָל אויפן איינזאַמען, פאַרלאָזענעם טויטן מענטשן און אויף די פיר נאַקעטע ווענט, צוזאַמענגעבראָכן שאַרט זי זיך אַרויס פון איר לעצטער „וואוינונג״ און מיט וואַקל־דיקע טריט פאַרלאָזט זי דעם אָרט וואו אירע יונגע פרילינגס־טעג און טרוימען זיינען אַזוי גיך אָפּגעשניטן און באַגראָבן געוואָרן.

צוויי אלמנות

ביסלעכווייז האָט פרוי גאָלדבלאַט פאַרגעסן אָן איר געשטאָרבענעם מאַן. לפּנים ווענן פאַר מענטשן און פאַר די אייגענע קינדער, ביי וועלכע זי האָט די ערשטע טרויער צייט זיך געפונען, פלעגט זי לאַנגע, טיפע זיפצן פון איר ברוסט אַרויסבלאָזן, און די מעלאַנכאָלישע בלויע אויגן אין די הויכע ווייטקייטן הויבן . . .

— פריי פון אַ נגע! פריי געוואָרן פון אַ שטענדיקן קרעכצער, וואָס פלעגט פאַראויקען און פאַרזיפצן די גאַנצע לופט אין הויז און זיך מישן און אַ דעה זאָגן אין אַלע הויז־קלייניקייטן, — האָט זי אין זיך געטראַכט און מיט מידע אברים זיך אַריינגעוואָרפן אין „זיין" אָרעם־שטול, וואו ער פלעגט די לעצטע צייט שלאָפן זיצנדיק.

די ערשטע פּאָר טעג נאָך זיין טויט, האָט זיך איר געדוכט, אַז ער גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן, פאַרפאָלגט זי אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט. ווען זי איז אַליין אין הויז געבליבן — איז גלייך איר אַנטקעגן־געשטאַנען איר פאַרשטאָרבענער מאַן. — איינגעהילט אין אַ ווייסן סאַוואַן, און מיט פאַרגלאָצטע אויגן געקוקט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג . . .

אויף פייגל גאָלדבלאַטס פּנים איז דאַן אויסגעשפּרייט געלעגן אי מורא, אי פאַרצווייפלונג. אויפציטערן פלעגט זי ביי יעדן שאָרך און אינסטינקטיוו אַרויסלאָזן אַ לאַנגן, טיפן אַ־או. נאָך שאַרפערע שרעק פלעגט איר באַפאַלן, ווען זי פלעגט ביינאַכט אין איר שלאָףצימער אַליין בלייבן. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ער ליגט האַרט

צוגעטוליעט מיטן פּנים צו דער וואַנט און כאָרכלט מיט די לעצטע אַגאָנישע יסורים . . .

איר מאַן סעם גאָלדבלאַט האָט אַ סך יאָרן געליטן פון אַסטמאַ און האַרץ־קלאַפּונג — אַ פּראָדוקט פון אַרבעטן אין אַ טאַבאַק־פאַב־ריק. זיין בלאַס־פּאַרקנייטשטער פּנים מיט דער פלאַך איינגעפאַלענער ברוסט און שפּיציקע אַקסלען האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן. מ'פלעגט אים נאָכקוקן, באַדויערן, שאָקלען מיט די קעפּ, נאָכדעם אָפּקערן די אויגן, באַטראַכטן בעסער שיינע, פרייליכע, געזונטע פּנימער . . .

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער ווי אַ לאַסט געווען אויף זיין פרוי און קינדער. אין דער שטיל פלעגט זי אים דעם טויט ווינטשן און גאָט בעטן אַז ער זאָל שוין אים אַריבערנעמען צו זיך . . . און ווען אירע „תפילות" פלעגן בלייבן ווי אַ קול אין מדבר, פלעגט זי גאַליק שפּייען אויפן דיל . . .

אַמאָל־אַמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק, איז סעם גאָלדבלאַט געווען חנ'עוודיק, רירעוודיק און סימפּאַטיש.

ער איז אַ גוטער סיגאַרן־מאַכער געווען און געאַרבעט אין די בעסטע פאַבריקן, וואו ער האָט ניט שלעכט פאַרדינט. אין די זו־מערדיקע פאַרנאַכטן, ווען ער איז פריי געווען פון אַרבעט, ווען יונג און אַלט פלעגן זיך אַרומזעצן אויף די פריזבעס פון זייערע הייזלעך און בחורים מיט מיידלעך פלעגן שפּאַצירן אויסערן שטאָט לעבן די גרין־באַזייטע פעלדער, דאַן פלעגט ער, אַן אויסגעפּוצטער אין שבת'דיקן אָנצוג אַריינמאַרשירן אין פייגלס געסל, זיך אָוועקשטעלן קעגנאיבער דעם קליין פענצטער פון אירע עלטערנס שטיבל, און וואויל־יונגעריש אַ פייף טאָן, און אָפּדרייען זיך אָן אַ זייט, אַז אירע עלטערן זאָלן ניט באַמערקן . . .

פייגל האָט שוין גוט געוואוסט דעם פייף־סימן און באַלד פאַמעלעך זיך אײַנוואַשן און לאַנגזאַם זיך אַרויסשאַרן פון שטיבל אין גאַס אַרויס. זי פלעגט טרעטן מיט געציילטע טריט איבערן היל־צערנעם טראָטואַר, און אַזוי לאַנגזאַם אָפּגיין עטלעכע געסלעך. און

דאָרטן ביים ניי־שטעטל פלעגט ער שוין שטיין פראַנטיש אָנגעטאָן און מיט אַ שאַר פון די נייע שטיבילעטן קאַוואַלעריש זיך פאַרנייגן. נעמען זי „פּאַדרוטשקו" און אַוועק שפּאַצירן צום נאָענטן וועלדל. די לופט אַרום איז אָנגעזאַפּט מיט פּרילינגס ריחות. קוואַקוושקעס פון פינא־טייכל פאַרהילכן די לופט. דאָ און דאָרטן פליען פאַרביי „פלעדער מייז", פייערדיקע נאַכט פליגעלעך. פייגעלעך טשיריקען אַריבערשפּרינגענדיק פון צווייגל אויף צווייגל. פּאָרלעך דאָ און דאָרטן זיצן צעוואָרפן אויפן פייכטן גרינעם גראָז און פליסטערן אין דער שטיל.

שלמה זיצט מיט זיי געליבטער פייגלען אונטער אַ בוים, שעפּ־טשעט איר אַריין ליבע זיסע רייד, פון וועלכע אירע באַקן פלאַמען . . .

ווען פייגל קומט אַהיים איז שוין שפּעט. זי גנבעט זיך אַריין אין שטיבל, לייגט זיך שלאָפן אויפן טאַפּטשאַן — און אויף מאָרגן ווידערהאָלט זיך די זעלביקע באַגעגעניש מיט די זעלבע ליבע רייד. אירע עלטערן זיינען געגען דעם שידוך — נאָך ניט קיין „געפּאַטער־טער" פון סאָלדאַטן — טענה'ן זיי.

פייגל וויינט, פאַלט דעם טאַטן צו די פיס. — נאָר מיט אים מוז איך חתונה האָבן, בעט זי זיך. ער איז געזונט. ער האָט מיך ליב. ער האָט אַ גוטע מלאכה. און דערצו איז ער אַ יתום. נאָט קען נאָך, חלילה, שטראָפן. אַ יתום'ס טרערן איז ניט קיין קלייני־קייט! די מוטער, אַ פרומע גאָטספאָרכטיקע אידענע, האָט קוים ביי איר מאַן געפועלט, אַז ס'זאָל זיין תנאים. און גאָר אין קורצע צייט שפּעטער האָבן זיי חתונה געהאַט.

עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה איז די פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, אָפּגעברענט געוואָרן און טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָן עצה געגעבן — אַריינגעלאָזן אין זייער אַזוי אויך ענגן שטיבל „אַ שכן אויף פראָצענט" און זיי ביידע גלייך אָפּגעשיקט קיין אַמעריקע.

דאָ אין לאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די פּלאָגעניש פון פרנסה.

מיט מאַטערניש האָט ער קוים באַקומען אַרבעט אין אַ קליין

סוועט־פאַבריקל, וואו דער באָס, אַ היימישער סיגאַר־מאַכער,האָט אים עקספּלואַטירט אויפן ערגסטן גראַד. ער האָט דאָרטן אין פאַב־ריקל איינגעזאַפּט אין זיך שווערע דאָזן ניקאָטין פון אַרבעטנדיק לאַנגע שעהן און ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו הוסטן אָפטער און אָפ־טער. געלע פלעקן האָבן באַדעקט זיינע אַזוי אויך איינגעפאַלענע באַקן.

אַ האַס האָט פייגל אויף אים געוואָרפן, ניט געקענט פאַרטראָגן זיין קוק, זיין באַוועגונג, זיינע מינעס — דאָך זיינען קינדער געקומען . . . דאָס לעבן איז ביי זיי ווי אַ גיהנום געוואָרן. טאָג און נאַכט קריגערייען. זיין הוסטן און קרעכצן האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדן טאָג. דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו אַרבעטן; געראַטן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אָבער דער מאַנגל אין געלט האָט ניט דערלויבט און ער האָט ווידער געאַרבעט, ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן און שוין ניט געקענט מער פון בעט אויפשטיין . . .

עטלעכע חדשים נאָך זיין טויט, האָט זי מער מיט די קינדער ניט געקענט זיין צוזאַמען און זי איז אַוועק וואוינען צו דער אינגערער שוועסטער, אויך אַן אלמנה.

אין אַ שטילער געגנט, ווייט פון רעש פון הור־האַ האָבן זיי גע־וואוינט.

פון צייט צו צייט פלעגן ביידע שוועסטער פון זייערע קינדער באַקומען „שטיצע".

צוזאַמען פלעגן זיי אויסריידן זייערע הערצער, דערמאָנען די ווייטע פאַרגאַנגענהייט. אַ טיפן האַס געטראָגן אויף זייערע טויטע מענער, פאַרוואָס זיי האָבן זיי ניט באַזאָרגט מיט גרויסע „לעבנס־פאַרזיכערונגען", ווי אַנדערע לייטישע מענער. און אין געהיים געזוכט געלעגנהייטן ווי אַריינצוכאַפּן אַ מאַן אַ לענדלאָרד, אָדער אַזוי אַ רייכן מאַן.

— אַ מאַן אַ שנאָרער, זאָל גיין אין די „העל", האָט די אינגערע שוועסטער זיך גע'כעס'ט.

— אמת, „יו רייט", — האָט די עלטערע באַשטעטיקט. אַ שנאָ־רער אַ מאַן דאַרף גאָר ניט געבוירן ווערן. ווער דאַרף זיי האָבן!? — האָט זי זיך געברוגזט. אין די העל מיט די שלעפּער!

און צווייטנס, ווער דאַרף שוין אַ מאַן אינגאַנצן. אַן זיי לעבט זיך רואיקער, באַקוועמער. דו קענסט גיין, פאַרברענגען, קיינער שטערט דיך ניט. מ׳פרעגט ניט קיין פראַגן . . .

אַזוי האָבן ביידע שוועסטער געלעבט צוזאַמען עטלעכע חדשים.

פּלוצלונג האָט איין שוועסטער צו דער אַנדערער אַ שנאה באַ־קומען — אויסגעמיטן גיין צוזאַמען און אַפילו ריידן אינאיינעם.

אין הויז וואו זיי האָבן געוואוינט, האָט זיך אריינגעצויגן אַ נייער קוואַרטיראַנט, פּונקט קעגנאיבער זייער טיר. זיי האָבן אים אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אין קאָרידאָר. איינע האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער צווייטער. די יונגע האָט אים געוואָלט זען פערזענלעך און אפשר פאַרפירן אַ שמועס. די עלטערע האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך זען מיט אים פּנים אל פּנים און כלומרשט עפּעס פרעגן אים.

איר האַרץ האָט זיך איר האַסטיקער געהויבן פון אויפרעגונג, ווען זי האָט געטראַכט פון אים.

עס איז ניט שיין אפילו פאַר מיינע קינדער, האָט זי געמורמלט. אַן עלטערע פרוי, אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער — ווי לאַנג אַז ער איז אינגאַנצן טויט? אָבער. דער „אָבער" איז איר אין האַלדז שטעקן געבליבן. געדאַנקען האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין מוח און אריינגעגעבן אַ נייעם גייסט צום לעבן.

איך בין נאָך גאָרניט אַזוי אַלט, איך האָב נאָך גאָר קיין פאַר־געניגן ניט געהאַט, — האָט זי מיט זיך אַ חשבון געמאַכט. איך וויל און קען נאָך געניסן פון לעבן. מיט יענעם האָב איך קיין איין גוטן טאָג ניט געהאַט — כאָטש אַ חיי שעה — וויפיל מיר איז באַ־שערט צו לעבן . . . אָבער ווען באַקענט מען זיך מיט אים? אפשר אריינגיין צו אים מיט אַ תירוץ? —

זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר די פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען —

אָבער עס איז ניט גוט צו זיין עלנט ווי אַ שטיין. ס׳איז אַפילו ניטאָ אין אַן עת צרה ווער זאָל מיר אַ לעפל מעדיצין דערלאַנגען . . .

און מיט פריידיקע אויפגעלעבטע געדאַנקען געוואַרט אויפן טאָג ווען זי וועט זיך זען מיט אים און אפשר באַקענען . . .

„דאַוואַיטע סלאָוו"

צווישן צוויי וועגטלעך הינטער די קוליסן פון דער קליינער בינע איז דער סופליאָר געשטאַנען און איילנדיק דורכגעקוקט די בלעטלעך פון איינאַקטער, כדי קענען פּאָרלייענען קלאָר, וואָרט ביי וואָרט, ווען דער אַקט וועט זיך אָנהויבן.

ראָזעטאַ, די יונג־שיינע אַמאַטאָרן־אַקטריסע, וועלכע איז אייג געלאַדן געוואָרן פון דער „יאָנג וואָירקערס" גרופּע צו שפּילן היינט ביינאַכט אין זייער פּראָגרעסיוון קלוב, זעט אויס צו זיין אויפגערעגט. נערוועז שפּאַנט זי אַרום איבער דער דלד־אמות בינע, וואַרפט בייזע בליקן אויף דער קאָמיטע, וואָס האָט אָן געשמאַק „אויסגעשטאַטעט" דעם קליינעם „בודואַר־צימער".

דאָס ערשטע מאָל וואָס ראָזעטאַ טרעט אַרויס פאַר אַ יונג־אינטעליגענטן עולם אין „אַ פאַנטאַזיע פון אַ יונגער פרוי". זי האָט דוכט זיך גוט איינגעשטודירט איר ראָל — געווען זיכער מיט אַ דערפאָלג — אָבער דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי האַמערדיק־שטאַרק; עפּעס הענגט איבער איר אַ פאַרגעפיל . . .

— איר וועט זען, פריילין ראָזעטאַ, — האָט דער סופליאָר, אַ מיטגליד פון פּראָגרעסיוון קלוב, איר עטלעכע מאָל פאַרזיכערט, זענדיק איר צעטראָגנקייט — וואָס פאַר אַ דערפאָלג איר וועט מאַכן. אונזער גרופּע איז מיט אייך. אַ יונגער עלעמענט דאַרף ניט די קונסט, די רעאַליסטישע אימפּראָוויזאַציע פון אַ יונג־שיינער אַק־טריסע — נאָר איר רייץ, איר שיין פּנים, אירע בוזאַמע פיגור,

אירע באַ׳חנ׳טע מימיקעס . . . און די אַלע, פון דער נאַטור באַ־גאָבטע אייגנשאַפטן, פאַרמאָגט איר מיט א פולער מאָס . . . אייער דערפאָלג איז געזיכערט . . .

ראָזעטא האָט חנ׳עוודיק א שמייכל געטאָן און קאָקעטיש מיט איר שיין־געבאָבטן קאָפּ זיך א נויג געטאָן.

דער קליינער זאַל איז איבערפולט מיט צושויער. פריינט, באַ־קאַנטע, פאַרערער ווי פון דער שיינער אַקטריסע, אי פון דער „יאָנג וואָירקערס גרופּע״, פאַרנעמען אַלע זיץ־ערטער, און וואַרטן אומגע־דולדיק, ווען די שיינע ראָזעטא וועט זיך ווייזן אין איר פּראַכט און גלאַנץ . . .

דער פורהאַנג איז נאָך אַרונטערגעלאָזן. אויף דער קליינער בינע פעלן נאָך נויטיקע זאַכן, וואָס דאַרפן קאָמבינירן נאָכן אינ־האַלט פונם איינאַקטער.

ראָזעטא שטייט אין מיטן בינע, גרימירט ווי א יונג צעבאַ־לעוועטע פרוי, קלאַפּט נערוועז מיטן קליין פיסל איבערן דיל, ביילט פויסטן, כעס׳ט זיך, רעדט גאַליק צו דער קאָמיטע.

„עס מעג זיין ווי שפּעט. „אי דאָנט קער! ״ מיר קימערט ניט וואָס דער זאַל איז שוין איבערפילט מיט מענטשן, אין אזא באַאָטישן צושטאַנד ווי דאָ אויף דער בינע, וועל איך ניט אויפ־טרעטן ! ניין ! אזא „ניזאָסט״ ! ווי קען מען שפּילן אזא דראַ־מאַטישן איינאַקטער, ווען ס׳פעלן א שפּיגל, א טישל, א דיוואַן, א זיינער און א טעלעפאָן ? ניין ! איך שפּיל ניט ! !

ראָזעטא שפּאַנט איבער דער בינע. טאַפּט דאָ, פאַרריכט דאָרטן. אירע אויגן שיסן פונקען־פייער. וויל זיך איבערטאָן. אַרונטערגיין פון בינע, אַנטלויפן פון זאַל.

די קאָמיטע בעט זיך ביי איר, זי זאָל זיך באַרואיקן.

סעם, דער הויפּט פון דער קאָמיטע לויפט אַרום א צעטומלטער, ווערט פאַרשוואונדן א ווײלע, קומט צוריק מיט א טישל, א זייגער.

אָבער וואו קריגט מען אַ דיוואַן און אַ טעלעפאָן? און די איבעריקע קלייניקייטן, וואָס ראָזעטאַ מוז אומבאַדינגט האָבן פאַר היינטיקן אָוונט.

די שיינע אַמאַטאָרין שטייט ביים קליין שפּיגל, פאַרריכט די פריזור, לויפט צו ראַשיק צום סופליאָר, קוקט אַריין אין דעם איינ־אַקטער און בעט אים שטיל פאָרלייענען.

דער סופליאָר לייענט וואָרט ביי וואָרט. שטיל, דעקלאַמאַטאָריש.

— עטוואָס העכער, סאָרקין! דעקלאַמירט ניט! לייענט קלאָר. שטעלט זיך אָט דאָ נעענטער צו מיר. איך זאָל אייך בעסער הערן. קיינער אָבער זאָל אייך ניט זען. שרייט ניט הויך. אָט אַזוי איז ריכטיק! — האָט אים ראָזעטאַ איינגערעפּעטירט.

סאָרקין ווידערהאָלט נאָכאַמאָל. לייענט שאַרף, קלינגענדיק.

— נו, ערשט איז אויסגעצייכנט — איז מסכים ראָזעטאַ.

ווען די קאָמיטע האָט אַלץ אַריינגעבראַכט און צעשטעלט ווי געהעריק יעדע זאַך אויף אָן אָרט, האָט דאַן ראָזעטאַ געגעבן אַ צייכן, אַז דער פּורהאַנג זאָל זיך אויפהויבן.

אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, ווי אַ שילער פאַר דער „באָארד אָוו עדיוקיישאָן" שטייט ראָזעטאַ אויף דער בינע.

דער סופליאָר לייענט פאָר צוערשט שטיל מיט עטוואָס אַ ציטערדיקער ווייכער שטימע. ראָזעטאַ זאָגט נאָך די ערשטע ווערטער.

(דורכן טעלעפאָן) „העלאָ! העלאָ! וואָס — איר קומט — באַלד. מיין מאַן? — ער איז אין קאָנטאָר! אַ דאַנק אייך פאַרן קאָמפּלימענט! ניין, רעדט דאָס ניט!!

שטעלט אוועק דעם טעלעפאָן.

דער סופליאָר לייענט ווידער. ראָזעטאַ קען אַזוי שנעל ניט אויפכאַפּן די ווערטער .ער זאָגט איבער נאָך אַמאָל. העכער. זי

כאַפּט אויף אַ פּאָר ווערטער. דאָס איבעריקע זאָגט זי אַליין. פאַר־פלאָנטערט זיך — זוכט אוים אַליין ווערטער.

דער סופליאָר זוכט וואו זי האַלט — מישט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, מישט צוריק — ער שוויצט, ווישט אַלע מאָל אָפּ דעם שוויים — ווייסט ניט וואו אָנפאַנגען.

ראָזעטאַ פאַרלירט זיך. לויפט ארום איבער דער בינע, מורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער — וויל אַנטלויפן . . .

הונדערטער אויגן פאָלגן זי נאָך.

אָפּגעריסענע ווערטער פון סופליאָר דערטראָגן זיך צום פּוב־ליקום. די נאָענטע ביי דער בינע ששששיקן — שטילער, שטילער!

— — — — — — —

ראָזעטאַס פאַרערער, מערסטנס יונגע לייט פון די יאָנג וואָיר־קערם עסן זי מיט זייערע אויגן. אויף איר פּנים איז אויסגעגאָסן אי שרעק, אי פאַרלוירנקייט, אי שטאָלץ.

אַ זייטיקע טירל פון דער בינע עפנט זיך און דער ליבהאָבער, וואָס האָט אָקאָרשט „גערעדט" דורכן טעלעפאָן, בלייבט שטיין עטלעכע טריט ניט ווייט פון ראָזעטאַן.

ער פאַרנייגט זיך העפלעך און פרעגט: „גאָר אַליין? אַך, ווי גליקלעך איך בין! און רעדט אָפּ זיין קורץ איינגעשטודירטע ראָל.

ראָזעטאַ קען זיך ניט אָריענטירן — ווייס ניט וואָס צו ענט־פערן, שעפּטשעט עפּעס אין דער שטיל און אירע באַקן גליען ווי אין פייער . . .

פּלוצלונג, ווי דורך אַ שטוים פון אימעצן, לויפט זי צו צום ווענטל, וואו דער סופליאָר איז האַלב פאַרשטעקט געשטאַנען, שלעפּט אים ארוים פון באַהעלטעניש פאַר די לאָצן און צושרייט זיך היסטעריש:

„האָספּאָדי, דאַוואַיטע סלאָוו! דאַוואַיטע סלאָוו"!

די צושויער אפּלאָדירן איר הילכיק און שרייען: בראַוואָ, ראָזעטאַ! בים! בים! בראַוואָ!!!

און דער פורהאַנג פאַלט . . .

ווען דער פורהאַנג האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעהויבן האָבן זיך דערטראָגן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן פון אירע פאַרערער.

און ביים ראַנד פון דער בינע זיינען געשטאַנען עטלעכע שיינע בוקעטן בלומען — אַלס צייכן פון „אַנערקענונג” . . .

ראָזעטאַ איז געשטאַנען אין הינטערגרונט פון דער בינע און היסטעריש געקרימט דעם פּנים, ווי צום לאַכן . . . גלייכצייטיק געוויגט איר שיין געבאַבטן קאָפּ, און קושנדיק זיך די שפּיץ־פינ־גער פון דער רעכטער האַנט, באַ׳חנ׳ט אין דער לופטן געהויבן . . .

סאַנדינאַ

ניקאָלאַ מיט די גרויסע פּעך־שוואַרצע פאַרדרייטע וואָנצעס א־לא וויקטאָר עמאַנועל, האָט נאָוויקאָוון, דעם שיין־בלאָנדן אידישן בחור, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט אין איין פאַבריק, איינגעלאַדן צו זיך אַהיים.

נאָוויקאָוו האָט זיך געקווייקלט, ניט געקענט באַשליסן גיין צו אַן איטאַליענער, פאַר וועלכן כמעט אַלע אין פאַבריק האָבן מורא געהאַט. די שרעק פאַר זיין שטענדיקן בלאַנקען סטילעטא און פאַר זיינע גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס האָט אינסטינקטיוו נאָוויקאָוון עפּעס ווי צוריקגעהאַלטן.

— גאָר פּלוצלונג גיין צו אים אַהיים נאָך אין אַזאַ ווייט־פאַר־וואָרפענעם געגנט, — האָט נאָוויקאָוו צו זיך געמורמלט. — וואָס פאַר אַ אינטערעס קען איך דאָרטן האָבן ביי אים אין הויז? סיידן באַטראַכטן זיין „מאַגדאַלינאַ" מיט די סתם הייליקע בילדער אויף די ווענט? . . .

יעדן טאָג מיטאָגס־שעה פלעגט ניקאָלאַ ווידערהאָלן די זעלבע רייד צו נאָוויקאָוון: „קום צו מיר אַהיים, באַקען זיך דאָרט מיט מיין פאַמיליע. דו וועסט זען מיין שטוב, מיין שטיקל פעלד, מיין באַלעבאַטישקייט. דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן".

אַזוי איז פאַריבער דער ווינטער און פרילינג איז געקומען.

אין פאַבריק איז פרייליכער און ליכטיקער געוואָרן. די פרי־לינגס זונען־שטראַלן האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען דורך טיר

און פענצטער און דורך יעדער שפּאַרונג, און די מענטשן גערופן צום לעבן.

נאָוויקאָוו האָט געוואוסט, אַז ניקאָלאַ גייט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. זיין פעלד און פרייע סטעפּעס רופן אים צו דער אַרבעט. ער האָט באַמערקט ווי די גאַנצע כמורנעקייט פון ווינטער טיילט זיך אָפּ פון אים און זיין פּנים ווערט אַזוי מילד, ווי אַ ליכטיקער פּאַס־שטראַל פון דער זון.

סוף וואָך האָט ניקאָלאַ מיט אַלעמען זיך פריינטלעך געזעגנט און צו נאָוויקאָוון זיך געווענדעט מיט אַ רחמנות־געבעט: „נאַ דיר מיין אַדרעס, קום אַריבער צו מיר זונטיק פרי. מיין יונגע טאָכטער, סאַנדינאַ, וועט זיך דערפרייען מיט אַ מאַנצבילס באַזוך. בפרט פון אַזאַ שיינעם יונג ווי דו ביזט. איר איז, נעבעך, אַזוי לאַנגווייליק אַליין . . . ” — און דערביי אַ טיפן זיפץ געטאָן.

נאָוויקאָוו האָט עפּעס דערפילט אַ לייכטן פריידיקן ציטער און באַשלאָסן גיין צו ניקאָלאַן אויף אַ באַזוך.

אָפּגעזונדערט פון גאַסן און געסלעך, ווייט פון פּראַגרעס און טעכניק, שטייט דער אַלטער מיל.

אַמאָל, אַמאָל איז דער מיל געשטאַנען איינער אַליין, ווייט הינטערן שטאָט. געהערט האָט ער צו אַ געוויסן קאַפּעלאַ, וועלכער האָט אַ ירושה באַקומען פון זיין זיידן. דער מיל איז געשטאַנען פּוסט. זעלטן ווען אימעצער פלעגט צו אים צוקומען. ער איז גע־שטאַנען פאַרלאָזן, פאַרשטויבט, אָרום און אָרום פאַרצוימט מיט אַ קליין נידעריק פּאַרקן.

אין יאָרן שפּעטער, ווען דער גאַנצער געגנט איז ביסלעכווייז באַזעצט געוואָרן פון איטאַליענער און דער „ריל עסטייט בום” האָט אָנגעהויבן שטייגן, דאַן האָט אַ קאָמפּאַני אָפּגעקויפט דאָס שטיק ליידיקע פּלאַץ, וואָס אָרום דעם אַלטן מיל און ס'האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרמירן געסלעך און וואו ניט וואו אויף הויכע פונדאַמענטן האָבן זיך געהויבן קליינע הילצערנע הייזלעך. דאַן האָט ניקאָלאַ

אויך אַ שטיקל פּלאַץ אָפּגעקויפט לעבן אַ לויפנדיקן וואַסער און ביים סאַמע וואַסער אויפגעשטעלט אַ הייזל.

זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון זיין פרוי, ערמינאַ, זיין שיי־נע טאָכטער, סאַנדינאַ, און אַ צען יאָריקע זון טאָני.

סאַנדינאַ איז געווען שיין ווי די לעגענדאַרישע קלעאָפּאַטראַ. אַ שטיק ליכטיקע זון איז געווען איר פּנים. אירע בלויע, גרויסע אויגן האָבן אין זיך געהאַט אַ מאַגנעטישע צוציאונג־קראַפט. טעג נאָך טעג פלעגט זי זיצן אין אַ ווייך אויסגעבעטן שטול מיט בלוי טונקעלן סאַמעט באַצויגן און פאַרטראַכט ארויסקוקן דורך די שויבן אויף די לויפנדיקע שטילע וואַסערן, וואָס זיינען שטענדיק געפלאָסן לעבן זייער פענצטער און פאַרלוירן געגאַנגען ווייט־ווייט פון אויג.

סאַנדינאַן האָט מען קיינמאָל ניט געזען, ניט באַמערקט אפילו, ווען זי זאָל ארומשפּאַצירן איבערן שטוב . . .

איינגעהילט אין אַ לאַנג־דורכזיכטיקע קלייד, פלעגט זי זיצן אויפן ווייכן שטול סיי ווינטער, סיי זומער ביז שפּעט אין אָוונט. ביינאַכט פלעגט דער ווייכער שטול איבערגעפירט ווערן פון פענצטער צום בעט און פרימאָרגן צוריק אויפן באַשטימטן אָרט.

און מיט יעדן ניי אָנקומענדיקן טאָג ווערט זי שענער און פע־טער.

פאָטער און מוטער קוקן אויף איר, שאָקלען מיט די קעפּ און טיפע זיפצן רייסן זיך ביי זיי ארויס.

ווען סאַנדינאַ איז ניין יאָר אַלט געווען, האָט זי באַקומען אַ שרעקלעכע קראַנקייט און ביידע פיס זיינען ביי איר פּאַראַליזירט געוואָרן. פון דאַן אָן זיינען שוין פאַריבער אַ סך יאָרן. די אַלע יאָרן פון סאַנדינאַס פּאַראַליזירטע פיס, קענען פאָטער און מוטער ניט שלום מאַכן מיטן גרויזאַמען שיקזאַל פון זייער אומגליקלעכער טאָכטער.

דער פאָטער האָט געזוכט פאַר זיין טאָכטער אַ חתן, ניט קוקנ־דיק פון וואָס פאַר אַ ראַסע און גלויבן. ער איז וויליק זיין שטוב, זיין פעלד, אפילו זיך אַליין פאַרמשכונען, אַבי זיין טאָכטער גליק־

לעך זען. און נאָך פילע שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען פון לאַנ־
גע חדשים איינ׳טענה׳ן מיט נאָוויקאָוו, איז ניקאָלאַן קוים געלונגען
אים איינבעטן ער זאָל קומען צו אים אהיים . . .

ביים איבערטרעטן דעם שוועל פון ניקאָלאַס שטוב און ווארפן
דעם ערשטן בליק אויף סאַנדינאַן, האָט נאָוויקאָוו זיך שוין פאַר־
ליבט אין איר. ער איז ביי ניקאָלאַן אין הייזל אָפּגעזעסן אַ פּאָר
שעה. ביים געזעגענען זיך האָט נאָוויקאָוו באַשטימט זיין זונטיק
נאָכמאָל.

פאָטער און מוטער האָבן פון שמחה די הענט געריבן און גע־
וואָרפן „דאַנקבאַרע בליקן״ צו דער הייליקער מאַגדאַלינען . . .

מיט נערוועזן אומגעדולד האָט ער קוים דערוואַרט דעם זונ־
טיק און איז גאַנץ פרי אוועקגעפאָרן און געווען דאָרטן ביז שפּעט
אין דער נאַכט . . .

די ליבע צו סאַנדינאַן איז ביי אים געוואַקסן מיט יעדער שעה.
ער האָט ניט באַמערקט קיין פעלער אין איר . . .

נאָוויקאָוו פלעגט צופאַלן צו אירע רונדע, ווייכע, ווייסע הענט
און ליידנשאַפטלעך דריקן און קושן. זי פלעגט אָפּט אים אַרומ־
אַרמען צו איר ווייכן בוזים און באַלד ווערן ערנסט פאַרטראַכט
. . . נאָוויקאָוו פלעגט פון ליידנשאַפט ציטערן ווי אין פיבער . . .

— דערלויב מיר קושן דיך, טייערע סאַנדינאַ, — האָט ער
פאַרן אוועקגיין שפּעט ביינאַכט צו איר געמורמלט און צוגעפאַלן
צו איר מיט ליידנשאַפטלעכע קושן אירע שיינע באַקן באַדעקט . . .

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געשלאָפן און געטראַכט. דער
געדאַנק אַז זיינע עלטערן וועלן זיך דערוויסן און שטערן זיין גליק,
דאַן וועט ער מוזן מיט איר אַוועק ווייט־ווייט. זי וועט זיך מגייר
זיין און אַ אידישע טאָכטער ווערן.

און ווען אַ מחשבה פלעגט אים פאַרטשעפּען: אפשר וועלן
סאַנדינאַס עלטערן פאָדערן פון אים זיך טויפן — דאַן איז שוידער־

לעך! זיינע עלטערן וועלן פון חרפה שטאַרבן, און די גאַנצע מש־פּחה וועט אים פאַרדאַמען און ווייכן פון אים ווי פון אַ מגפה . . .

און אַנדערע מחשבות פלעגן אים פאַרפאָלגן:

וואָס פאַר אַ געהיימע מאַכט צווינגט מיך צו קריכן אין פרעמדע לאַגערן זוכן אַ ווייב, אַ מוטער פאַר מיינע צוקונפטיקע קינדער? . . .

אין אונזער אייגן לאַגער זיינען דאָ אַזויפיל שיינע טעכטער! קען איך איינע צו זיך ניט צופּאַסן? מוז איך ווירקלעך זוכן דאָרט אין דער פרעמד אין אַן אומבאַקאַנטער סביבה?

און דערביי ביים קאָפּ זיך כאַפּן און אַזוי שלאָפלאָז זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט.

אַזעלכע דמיונות האָבן זיך געקנוילט אין זיין מוח. דער פאַר־נונפט מיטן הארצן האָבן געפירט אַ היציקע פּאָלעמיק מיט אַ פאַר־ביטערטן קאַמף און ענדלעך האָט דאָס הארץ גובר געווען . . .

— זי איז שיין ווי אַ מלאך! — האָט ער צו זיך גערעדט. — זי איז מיין גלויבן, מיין גאָט! און וואָס איז דער אונטערשייד פון פרוי צו פרוי? אַלע פרויען און אַלע מענטשן זיינען פון גאָט באַשאַפן און גאָט האָט ליב אַלעמען גלייך.

די לעכערלעכע מחיצה? ווער דאַרף עס ווײסן. נאַרישקייטן! און ער האָט באַשלאָסן מיט איר חתונה האָבן. און כדי דאָס גע־ווײסן זאָל אים פיל ניט פּלאָגן, האָט נאָוויקאָוו באַשטימט מאַכן אַ סוף און טאַקע די טעג ריידן מיט ניקאָלאַן וועגן זייער גאָלדענער צוקונפט . . .

זונטיק איז ער געקומען צו סאַנדינען זייער פרי. אין הויז האָבן נאָך אַלע געשלאָפן.

נאָוויקאָוו האָט עטלעכע מאָל אַרומגעשפּאַצירט איבערן שמאָלן טראָטואַר און אַריינגעקוקט דורך די שויבן.

אין הויז איז געווען שטיל.

נאָוויקאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן באַנק וואַרטן ביז אַלע וועלן אויפשטיין.

אַ שעה איז ער געזעסן פאַרטיפט אין ליבע־פאַנטאַזיעס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געמיטלעך טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם און איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער.

אַ פיבער־ציטער איז איבער זיין ליב אַריבער און אַ קאַלטער שוויס האָט זיין שטערן באַדעקט, ווען ער האָט באַמערקט, ווי די מוטער טוט אָן סאַנדינאַן די קליידער. און באַלד איז דער פאָטער אַריין אין שלאָפצימער.

לאַנגזאַם זעצט מען סאַנדינאַן אוועק אויפן ווייכן מיט סאַמעט באַצויגענעם שטול און מ'פירט איר צו צום פענצטער. ווען ניט דער קילער פרימאָרגן ווינטל, וואָלט נאָוויקאָוו אין חלשות געפאַלן.

ער איז אַ פּאָר טריט אָפּגעטראָטן פון פענצטער, געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פון טיר, זיך געשטעלט וואַרטן ביז ניקאָלאַ וועט אַרויס.

מיט אַ קלאָפּנדיקער האַרץ און בלאַסן פּנים איז ער צוגעגאַנגען צו ניקאָלען, זיך געגריסט און ראַפּטאָם אָנגעהויבן ריידן:

— כ'האָב אייך שטענדיק פאַרן בעסטן פריינט געהאַלטן, ניקאָלאַ און ערשט זע איך מיין טעות . . .

— וואָס איז געשען ? — האָט ניקאָלאַ מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס אַ ברום געטאָן און צוויי צונויפגעדריקטע פויסטן האָבן זיך פאָרמירט.

— גאָרניט געשען ! — האָט נאָוויקאָוו קאַלט געענטפערט.

— פאַרוואָס האָט איר מורא געהאַט מיר צו זאָגן, אַז אייער טאָכטער איז אַ קאַליקע ?

— כע, כע, כע ! — האָט ניקאָלאַ געלאַכט און בייז געשטשירעט די געזונטע, ווייסע ציין. האָסטו גלייך ניט געקענט זען, אַז מיין טאָכטער איז אַ קריפּל ? מיר וועלן פון די פאָדערן שאָדן־ערזאַץ ; דו האָסט מיין טאָכטערס האַרץ צעבראָכן ! דו אידיאָט !

פאַרגעס ניט, ווען מיין סאַנדינאַ וואָלט ניט געווען פּאַראַליזירט, וואָלט איך דיך אויפן שוועל ניט אַרויסגעלאָזט און ניט געלאַדן . . . אויב דיר געפעלט ניט, קענסטו צום טייפל גיין . . . איך וועל שוין דיך געפינען !

נאָוויקאָוו איז געבליבן שטיין ווי צוזאַמענגעבראַכן און זיך היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט.

דעם קריפּלס האָפענונג

דער האַלב־פּאַראַליזירטער משה האָט אין אנגסטן זיך צוגע־שאַרט צום אַרויסגאַנג פון זיין „אייז קריעם פּאַרלאָר". ער איז שטיין געבליבן אויפן שוועל, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די אושאַקעס און אַרויסגעקוקט אין גאַס.

ביי דער אַנדערער טיר, שכניש מיט זיין קראָם, איז עטל, א יונג שיין מיידל געשטאַנען און גנבישע בליקן געוואָרפן קעגנאיבער דער צווייטער זייט גאַס, וואו פרענק, א העלדיש־סימפּאַטישער יונג איז ביים גרויס־אָפענעם פענצטער פון זיין „קענדי סטאָר" גע־שטאַנען און פאַרנומען געווען מיט לייזונג פון קונדן.

— א שרפה אויף אים! האָט משה גאַליק געמורמלט, קוקנ־דיק מיט קנאה אין זיין פענצטער אריין. א מזל פון א גוי: אַלע קונדן נעמט ער צו ביי מיר. פון די שיינע מיידלעך איז אָפּגערעדט. א כפרה! וואָס קען איך העלפן. זאָלן זיי גיין. זאָלן צו מיר כאָטש קומען ניט קיין שיינע — זאָל זיין אפילו מיאוסקייטן; כ'בין מסכים, אבי מ'זאָל קומען.

דערזענדיק נאָכדעם א באַקאַנט מיידל, האָט משה זיך אָנגע־גורט מיט א זיסן שמייכל און צו איר זיך געווענדט:

— העלאָו, עטל! גאָר איינע אַליין? וואָס פּלוצלינג אין מיטן העלן טאָג אין הויז? געסטאַפּט פון דער ארבעט? קום אריין אביסל צו מיר אין אייז קרים פּאַרלאָר. כ'וועל דיר טריטן מיט א שאַכטל מאַרמאַלאַד, אָדער א קעסטעלע „אָפּערא"; אפשר ווילסטו

אַ שאַכטל „שרעפּטס" קענדי? אָדער „פּאַרק און טילפאָרד" כ'האָב אַלערליי סאָרטן. זאָג, עטל, וועלכע קאָנפעקטן גלייכסטו בעסער? האָט משה ביי איר זיך געבעטן. און מיט די אויסגעדרייטע פון רומאַטיזם פיס מיט אַ פּאָר טריט נעענטער צו איז זיך צוגעשאַרט — כדי איר האַנט באַרירן. עטל אָבער האָט קאָקעטיש זיך אַ דריי געטאָן און אָפּגעטראָטן פון אָרט אַ קורצע שטרעקע ווייטער.

— איך דאַנק אייך! האָט עטל צווישן די ציין אַרויסגערעדט. „אַי דאָנט לייק נאָ מאָר קענדי". און אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, אויב אימיצער האָט געזען, ווי זי רעדט מיטן קריפּל משה.

פון דער צווייטער זייט גאַס האָט דער שיינער פרענק ביים אָפענעם פענצטער צו עטלען ליבע בליקן געשיקט. אַ פּאָר מאָל מיט'ן האַנט געהויבן — אַ צייכן זי זאָל צו אים צוגיין. און עטל איז באַלד אויף יענער זייט גאַס געשטאַנען.

לעבן משה'ס קראָם איז בעלאַ, אַן אַכט־יעריקע מיידעלע, אויף אַ באַנק געזעסן און אַריינגעקוקט דורך דער ברייט צעעפנטער טיר אין קראָם אַריין. די שאַכטלעך קאָנפעקטן האָבן איר געמאַניעט און דערביי אַלע מאָל באַלעקט אירע רויטע ליפּעלאַך . . .

— די געבן מיר אויך קענדי?—האָט די קליינע בעלאַ משהן אַ פרעג געטאָן, און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג.

משה האָט אויפגעלייגט געשמייכלט, געשטשימעט די געל־שי־טערע צופוילטע ציין, און דער קליין מיידעלע איבער די בלאָנדע הערעלעך געגלעט.

ווען בעלאַ האָט איבערגעטראָטן דעם שוועל, האָט זי גלייך אַרויפגעזעצט זיך אויפן רונד־הויכן בענקעל, וואָס איז לעבן קאָנטער צוגעשרויפט געשטאַנען און געקוקט משה'ן גלייך אין די אויגן.

ער האָט איר געגעבן עטלעכע שאָקאָלאַדקעס און געגלעט אירע וויים־ווייכע פּוכקע הענטלעך.

— בעלאַ, „איז מאַמאַ האָאום"? — האָט משה שטיל איר

א פרעג געטאָן, און געפילט ווי זיין הארץ זעצט אים ארויס. אויב מאַמע איז אין הויז, גיי זאָג איר, אַז איך וויל איר זען.

בעלאַ איז אַראָפּגעקראָכן פון הויכן בענקל און איז באַלד פאַר־שוואונדן געוואָרן.

זייער שווער האָט משה געפּראַצעוועט, ביז ער איז געוואָרן דער אייגענטימער פון דעם געשעפט. אַליין אַן עלנטער, אָן פריינט, אָן משפחה, האָט משה געמוזט פון צייט צו צייט צודינגען א מענטשן, ווער ס׳זאָל אים צוהעלפן אין די ביזי שעה׳ן. עטלעכע יאָר האָט ער אין א סעלצער פאַבריקל געאַרבעט, געשטאַנען צען, צוועלף שעה א טאָג אויף די פיס אין א פייכטן קעלער און דאָרטן פלעשלעך געוואַשן. אַזוי לאַנג געוואַשן און גערייניקט די פלעשלעך, ביז ער האָט אביסל געלט אָפּגעשפּאָרט. אויך דאָרטן אין פייכטן קעלער, וואו די ווענט זיינען מיט גרינעם שימל באַדעקט געוואָרן, האָט משה געשלאָפן, ביז א רומאַטיזם האָט זיך אריינגעקליבן אין זיינע פיס און אים פאַר א קאַליקע געמאַכט . . . קיין מעדיצינישע מיטלען האָבן אים שוין ניט געהאָלפן. געוועזן אין פאַרשיידענע באָד־פּלעצער, אין שפּיטאָל לאַנגע חדשים געלעגן, א היבשע סומע פון דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל פאַרקרענקט, ביז — ביז דער רומאַטיזם איז געוואָרן כראָניש איינגעוואָרצלט אין זיינע פיס און טיילווייז אין זיין קערפּער, און משה איז אַן אייביקער האַלב־פּאַראַליזירטער געוואָרן.

ער וואָלט איצט אוועקגעשאָנקען זיין ביסל מזומן, זיין קראָם מיט די שאַכטלען קאָנפעקטן, ווען ער באַקומט כאָטש א פריינדין, וועלכע זאָל אים טרייסטן און מיטפילן זיין אומגליק. — אָבער וואו נעמט מען אַזעלכע פריינט? אַלע פרויען וויכן פון אים, משמעות פרויען האָבן ווייכע הערצער, זיינען צו צאַרט אָנצוקוקן זיין הילפ־לאָזיקייט און שוואַכקייט . . .

און משה ראַנגלט זיך מיט זיינע אייגענע יסורים שוין א סך

יאָרן. פאַרגיסט אַ טרער, ווען קיינער זעט ניט, גרימירט אַ פריילעכן פּנים, ווען ער רעדט צו מענטשן . . .

משה האָט לאַנגזאַם זיך צוגעשאַרט צוריק צום קאָנטער, צוגע־רוקט זיך צום „רעדזשיסטער", גענומען כלומרשט ציילן געלט . . .

בעלא'ס מאַמע, אַ יונגע אַלמנה פון דרייסיק יאָר, איז אַריין און פריינטלעך זיך געגריסט צו משה'ן.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלאָרענער, אַ פאַרדרויטלטער, און ניט געוואוסט פון איבעראַשונג וואָס צו זאָגן, ענדלעך איז משה צו זיך געקומען, אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן און ווי אַן אויסגע־חזרטן געדאַנק אָנגעהויבן צו ריידן.

— כ'האָב איך אהער איינגעלאַדן, אסתר, כדי איר זאָלט מיר אַרויסהעלפן פאַר היינטיקן טאָג און פאַר אַלע טעג . . . וואָס דאַרפט איר גיין אין שאַפּ, האָט ער מיט אַ רחמנות געבעט שטיל געזאָגט — די צען דאָלער אַ וואָך וואָס איר באַקומט דאָרטן, אַרבעטנדיק שווער, קענט איר דאָ ביי מיר פיל גרינגער פאַרדינען און אפשר נאָך מער . . .

— וואָס הייסט איר וועט מיר צאָלן געלט, משה? פאַרוואָס? האָט אסתר נאַאיוו אַ פרעג געטאָן. איך האָב ניט וואָס צו טאָן דאָ. וואָס פאַר אַן אַרבעט קענט איר מיר דאָ געבן?

— איך וועל שוין אָפּזוכן אַרבעט. האָט משה ווי געשטאַמלט. מיטאָגס־שעה, ווען די לייזונג איז מערער, אויך אין אָוונט, ווען מענטשן גייען פון דער אַרבעט. איך קען אַליין ניט אַטענדן . . . כ'לעבן, האָט משה זיך געבעטן, איר וועט עסתר, ערלעך און גרינג פאַרדינען אייערע געלט. און ער איז אין מיטן רייד אַנשווייגן געוואָרן ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט ווערטער. צוריסענע געדאַנקען האָבן זיך געקנוילט אין זיין מוח . . . „כאָטש זיין מיט אַ פרוי אַ טאָג אונטער איין דאַך; שטיין ניט ווייט פון איר, קוקן אויף איר יונג־געזונטן קערפּער און באַחנטן פּנים". — נו, וואָס זאָגט איר,

אסתר? האָט משה ענדלעך שפּראַך באַקומען. זייט איר צופרידן?

אסתר האָט נאָכגעדענקט, אַ פּאָר מינוט, געשוויגן און ענדלעך אַ מורמל געטאָן: אָלראַיט. כ׳וועל זיך באַדענקען . . .

משה האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און בליקן פול מיט ליבע, דאַנקבאַרקייט און צערטלעכקייט אויף איר געוואָרפן . . . — אין משה׳ס כמורנעם לעבן האָבן טראָפּנס זונען שטראַלן מיט געוואַלד זיך אַריינגעריסן און גענומען פאַרטרייבן פון אים די טריבע שעה׳ן.

דאָס ווייב אין טעקסי

דער ברייטער טראָטואַר איז פאַר זיי — מאַן און ווייב — צו ענג. ער שאַרט זיך ביים ראַנד פון טראָטואַר און זי, האַרט לעבן וואַנט צוגעטוליעט. איינער אויפן צווייטן פיילן פייערדיקע בליקן, ווי מיט פאַספאַר פלעמלאַך. פון גאַליגע רוגזה האַלטן זיי ביידע פעסט צונויפגעשטשימעט די ציין — ווי זיי וואָלטן פאַרהאַלטן אַ פייער־שפּייענדיקע לאַווע אין די מיילער . . . איין עסנדיקער שוויינן הערשט צווישן זיי. אין שוויינן אָבער זעט זיך ווי אַ ניכער אָנזאָג פון אַ שטורעם־אויסברויך . . . ענדלעך ברעכט דער העלישער וואולקאַן אויס. דער מאַן שיסט אוים דער ער־שטער מיט צאָרנדיקן אויפברויז.

— כ׳וועל דיך ניט אָפּלאָזן: נאָכגיין נאָך דיר, פאַרפאָלגן דיך ווי אַ שאָטן, ביז כ׳וועל אויסזוכן וואו דו ווערסט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט . . . לענגער דולדן קען איך מער ניט. מיין גאַל האָט שוין אין מיר געפּלאַצט . . . דו האָסט מיר פאַר אַ בעטלער געמאַכט. כ׳האָב מיין אַרבעט פאַרנאַכלעסיקט צוליב דיר, און מ׳האָט מיר פון מיין שטעלע אַנטזאָגט. אַ סוף וועט ערשט נעמען! „טויט אָדער רויט!” און זיינע פויסטן ביילן זיך אין דער לופטן.

אַ מאָמענטאַלער שטילשווייגן. ער בייט די אינטאָנאַציע: קום אהיים, איך בעט דיך. לאָמיר אָנהויבן לעבן ווי אַמאָל . . . טרערן זיינען ביי אים אין די אויגן געשטאַנען. איך וועל אַלץ פאַר־געסן! אַלץ פאַרגעבן! האָט ער מיט טיפע זיפצן פאַרטנעזעצט.

צוליב דער פאַרגאַנגענהייט איז מיר טייער די קעגנוואַרט. דיין איין רעכטער טריט, דיין באַזינונג קאָן און וועט היילן מיינע וואונדן, ניט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב אונזערע צוויי אומשולדיקע קינדער . . .

שרה׳לע האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט. מאַ, מאַ, מאַ, מאַ, האָט זי גערופן דורך טרערן און געכליפּעט. ערשט פאַרטאָג האָב איך איר קוים באַרואיקט, אַז באַלד־באַלד קומסטו.

בענעלען האָב איך איינגערעדט, אַז דו ביזט אַוועק צו דער טאַנטע אין האַרלעם נאָך פאַר היינטיקע נאַכט . . . און איך — אָבער איך בעט דיך, לינע, אין נאָמען פון אונזערע צוויי שיינע קינדערלעך!

דער מאַן איז נאָך איר נאָכגעגאַנגען אויטאָמאַטיש, קוקנדיק איר גלייך אין פּנים.

— דו וועסט מיר גאָרניט באַאיינפלוסן מיט דיינע זיס־לאַק־רעץ נאַרישע רייד. מיר איז ענג ביי דיר. די לופט שטיקט מיר אין דיין אַנוועזענהייט . . . לאָז מיך פריי! פריי מוז איך זיין. זאָרג ניט פאַר די קינדער: כ׳וועל זיי שוין אַליין באַזאָרגן. לאָז מיך נאָר פריי! האָט זי מיט ביטערן האַס און מיט שום אין די מויל־ווינקלען גאַליק גערעדט. פריער בין איך אַ נאַר געוועזן. געוועזן ווי אַלע נאַאיווע ווייבלעך. פאַר לייטן זיך געשעמט — געשטיקט אין זיך. איצט זע איך מ׳קען לעבן און געניסן פון לעבן . . .

ער מיט צונטער־רויטע אויגן פון אויפרעגונג.

—פריי וועסטו דאַן זיין, ווען איך וועל מיינע אויגן צומאַכן . . . אָבער ניין, איצט צוליב נקמה וועל איך אַלץ אָנווענדן דיר צו באַקעמפן. עך, ווי געשמאַק איז דער זיג!! ער איז אויפן טראָטואַר אַרויף, צוגעגאַנגען האַרט צו איר און פעסט אירע הענט געדריקט. אַז לינאַ האָט פון ווייטיק אַ קרעכץ געטאָן.

איך וועל דיך איצט ניט אָפּלאָזן. אַהיים וועסטו גיין צו די קינדער. זיי וואַרטן און בענקען נאָך דיר. דו ביזט דאָך אַ מאַמע, אַן „אייביקע מאַמע”, ווי קענסטו ביי זיך פועל׳ן לעבן אַזאַ אַרט לע־

בן . . . דיינע קינדער וועלן גרויס ווערן און זיך דערוויסן . . . זיי וועלן דיך פאַרהאַסן . . . פאַרדאַמען! וואָס וועט דאַן זיין? באַדענק זיך, לינאַ!

— לאָז מיך אָפּ, ווען ניט רוף איך אַ פּאָליסמאַן און מען אַרעס־טירט דיך. — האָט זי געשריען און זיך געריסן פון זיינע הענט. איך בין אַ פרוי, און אַ פרוי איז די גערעכטע . . .

— טעקסי! טעקסי! — האָט זי הויך גערופן. און באַלד איז אַ טעקסי שטיין געבליבן.

לינאַ איז אַריינגעלאָפן אין טעקסי און דער דרייווער האָט פאַרקלאַפּט די טיר.

— כ'וועל דיך ניט לאָזן פאָרן! האָט דער מאַן, ווי אַן אויפגע־רייצטער טיגער געדונערט. זאָלן קומען מענטשן, זאָל קומען אַ פּאָליציאַנט. זאָל מען אורטיילן ווער גערעכט איז . . . דער דרייווער דערקלערט אים, אַז „צייט איז געלט", ער וועט פאָרן.

— כ'וועל אייך באַצאָלן, מאַן, וויפיל איר וועט שטיין ,אפילו צוויי שעה, האָט ער מיט רחמנות־געבעט געזאָגט. פּילט מיינע וואונדן. מן הסתם זיינט איר אויך אַ פאַמיליע־מאַן? איך זע, אַז איר פּילט מיך מיט. פאַרשטייט אַליין — אונטער מיינע פליי־צעס פירט זי ראָמאַנען, אינטריגעס; אַ פאַררעטערין פון צוויי קינ־דער; זי האָט צושטערט מיין פרידלעכע היים, צוריסן מיין נעסט, וואָס כ'האָב יאָרן־לאַנג אַזוי שווער אויפגעבויט, פאַרניכטעט . . . אַלץ צוליב דעם בליאַסק פון די פּאָר דימענטן, וואָס ווייזט אָן אויף אירע פינגער.

איר זיינט דאָך אויך אַ פאַרהייראַטער מאַן, איז ביי אייך אויך אַ צעשטערטער פאַמיליען־לעבן? דער דרייווער, אַ סענטימענטאַלער איד פאַרגעסט פון צייט און געלט און פון פרנסה, עפנט אויף די טעקסי טירל און הייסט איר גיין . . .

נייגעריקע מענטשן שטראָמען פון אַלע זייטן און דער עולם ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט.

— שלאָגט אים! ברעכט אים די ביינער! שרייען מענער־

שטימען פון געזעמל. וואָס פאַר אַ חוצפה פאַרפאָלגן אַ ווייב! ?
— „הי איז רייט״! — רופט אוים דער טעקסי דרייווער. זי איז די שולדיקע. זיידענע קליידער ווילט זיך איר. קוקט ווי דער מאַן איז אָנגעטאָן און זעט ווי שיין „געדרעסט״ זי איז.

— אַרעסטירט זי! שרייען ווייבער. אָרימער מאַן!! זיפצן מענער. לינאַ איז אין געזעמל פאַרשוואונדן. זי איז צוגעגאַנגען צו אַ ראָג גאַס, זיך פאַרקירעוועט אָן אַ זייט — צוגערופן אַ טעקסי און איז באַלד פאַרשוואונדן . . .

בער מאונטיין

— לעשט אוים די עלעקטריק, קינדער! הערט שוין אויף צו כאַכאַטשען ווי גענז!! — האָט דער פּאָטער ליגנדיק אין בעט, פון זיין שלאָפצימער געשריען. גאָט מיינער! אין גאַנצן צוויי קינדער און דער טומל פון זיי, ווי אַ באַטאַליאָן באַראַבאַנשטשיקעס וואָלטן אויף זייערע פייקלעך אַ שדים־טאַנץ אויסגעקלאַפּט. נו, אַ סוף זאָל עס נעמען. שלאָפט שוין איין. אויב איר ווילט מיין „רימען" ניט פאַרזוכן! . . .

די קינדער — סעמי צען יאָר אַלט און פרידאַ אַכט, ווייסן ניט פון „כבוד־אָב". טומלען, שפּרינגען אין די בעטן, פייפן, קלאַפּן מיט לעפל אויף צוויי אַלטע בלעכן; לאַכן מיט פריידיק־זאָרגלאָזן געלעכטער. דער פּאָטער ווערט נאָך מער אויפגערעגט, וויל פון בעט אַרונטער — אריינלויפן צו די קינדער אין שלאָף־צימער, באַשטראָפן זיי. די מוטער אָבער האַלט אים אָפּ.

— נאָר מיט גוטן, לואי, ניט נויטיק זיך אויפרעגן פון יעדער קלייניקייט. קינדער מוזן דאָך שטיפן. דו האָסט שוין פארגעסן דיין קינדהייט? רייד צו זיי מיט גוטן. צאַרטע ווערטער פון אַ פּאָטער איז אַ ווירקזאַמער מיטל פאַר קינדער, בפרט פאַר יונגינקע הערצעלעך, און דער גוטער איינדרוק זאַפּט זיך איין אין יונגע מוחות, — האָט זיין ווייב אים געזאָגט אין דער שטיל.

לואי קלערט אַ ווייל, פאַרטראַכט זיך. אין האַרצן איז ער מסכים, אַז זיין מינע איז פולקאָם גערעכט.

— שאַט! קינדער ,איך וויל אייך אָנזאָגן פרייליכע נייס, — האָט דער פאָטער שוין א באַרואיקטער אויסגערופן. אָבער מיט א תנאי: ווער פון אייך וועט פריער איינשלאָפן ,דער וועט מאָרגן פרי, טאַקע באַגינען אויף טאָג פאָרן מיט מיר אויף אַן עקסקווירשאָן־שיף צום „בערמאָונטיינס”. נו, פארשטאַנען וואָס פאפא זאָגט? זייט איר צופרידן מיט די פריילעכע נייעס?

— שור, פא? אמת? יאָ? דו פראמיסט? — האָבן ביידע קינדער צוגלייך הילכיק די פראגן געשטעלט און ענטוזיאַסטיש געפּאַטשט מיט די הענטלעך. זאָג עס נאָכאַמאָל, פּאַפּאַ, איז באַלד שלאָפן מיר איין. — האָט סעמי מיט פארפלאָמטע בעקלאך אויסגע־רופן און פון שמחה איז דער „בעטספרינג” שיער ניט צעבראָכן געוואָרן . . .

— זיכער, זיכער, קינדער! — האָט דער פאָטער באַשטעטיקט. איך „פּראָמיס” . . . און באַלד איז אין זייער שלאָף־צימער שטיל געוואָרן.

דער פאָטער איז לאַנגזאַם פון בעט אַראָפּ, פאַמעלעך זיך אַריינגעשאַרט אין קינדערשן חדר, פאַר'גנב'עט ביים שפּאַרונע פון דער האַלב־צוגעמאַכטער טיר אַריינגעקוקט.

סעמי איז געלעגן מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגלעך און פון צייט צו צייט באַוועגט די אויגן־דעקלעך, געסטאַרעט זיי פעסט צודריקן, כדי קענען גיכער איינשלאָפן.

פרידא איז געלעגן פאַרטייעט, איבערגעדעקט מיטן ליילעך איבערן קאָפּ מיטן פּנים צום וואַנט.

דער פאָטער איז שטיל אַוועק צו זיך אין צימער, אַריינגע־וואָרפן זיך אין בעט, פאַרלאָשן דעם צוקאָפּנס עלעקטריק־לעמפּל, וואָס איז אויף זיין וואַנט־בעטל, ווי א מצבה געהאַנגען, א טורקע געטאָן זיין פרוי — איר עפּעס געוואָלט דערציילן. אָבער מינע האָט שוין געשמאַק געשלאָפן, אַרויסבלאָזנדיק פון אירע מויל־ווינקלען א פּפּפּ! — האָט לואי זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער. נאָכגעדענקט טאָג־געשעענישן ביי זיך אין פּאָב־

ריקל, צופרידן און זאַט געשמייכלט, ליכט אָפּגעזיפצט אַ פּאָר מינוט . . . און באַלד איז אין גאַנצן הויז שטיל געוואָרן.

— —

די עקסקוירשאַן שיף גליטשט זיך אויף די רואיקע שטילע וואַסערן צום „בער מאַונטענס". די לופט איז פריש־מחיה'דיק. אַ קילער ים־ווינט בלאָזט און פרישט אָפּ אַלע פּאַסאַזשירן.

לואי מיט זיין געליבטער טאַניען שטייען ביי די שטאַכעטן פון שיף און קוקן אין דעם וויטן אומענדלעכן רוים. דער האָריזאָנט, וויפיל דאָס בלויזע אויג קען אַרומנעמען, איז טיף און בלוי. די בלויקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין די קלאָרע וואַסערן. עס שווימען פאַרביי קליינע פישער־שיפלעך, „סקונערס" און אַנדערע עקסקוירשאַן־שיפן. עס זעען זיך פון וויטן קליינע אינזלען גרינע בערג און הויכע שפּיצן־קלויסטערס; די לאַנדשאַפט אַרום איז אָטעם־פאַרכאַפּענד.

לואי מיט טאַניען באַוואונדערן די הערלעכע פּאַנאָראַמע. פון אַנטציקונג האַלט לואי טאַניען פעסט אַרומגעאַרעמט און שעפּטשעט איר אַריין ליבע רייד . . .

טאַניאַ איז זיין נייע בוכהאַלטערין, וועלכע אַרבעט ביי אים ערשט אַ פּאָר חדשים. ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט אַ פּאַסענדע געלעגנהייט מיט טאַניען אין ערגעץ אַרויספאָרן און גראַדע איז אים היינט געלונגען. זיין מיגען האָט ער דערציילט, אַז ער פאָרט אָפּ קיין באָסטאָן וועגן געשעפט . . . גליקלעך איז ער ערשט. כאָטש איין טאָג זיין מיט איר אַליין — פריי פון הויז־פליכטן. עפּעס איז אים דערווידער זיין מינע. צען יאָר צוזאַמען זיין מיט אַ פרוי אונטער איין דאַך איז אַ גרויסער נסיון . . . שוין איבערדריסיק די ליבלעך־מאַניערלעך באַלעבאַטישקייט . . . ס'פּאַסט ניט, ניט שיין צו מאַכן ליטישן געלעכטער. מ'מוז זיך האַלטן אין ראַם און טראָגן אַ מאַסקע פון אַ דזשענטלמען. אַ פאַרגלייך טאַניע צו מינען. טאַניאַ איז אַן עלטערע מיידל. גרויע שטרייפן

האָר, בלויע רעדער אונטער די אויגן — אַן איינגעפאַלענער בוזים, פּרעמדע ציין . . . אָבער דאָך אַ מיידל — עפּעס אַנדערש ווי אַן אייגן ווייב . . . זיין מינע איז דוכט זיך אינגער, שענער, געזינטער, לעבעדיקער — אָבער אַן אייגן ווייב איז גאָר ניט אינטערעסאַנט . . .

בער מאָונטענס! בער מאָונטענס! האָבן זיך געטראָגן פרייד־דיקע אויסרופן.

זיי זיינען אַראָפּ פון שיף. פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקן וועגל, ווייט פון מענטשישע אויגן . . .

אַביסל ווייטער אַוועק — אַ פליסנדיקער טייכל.

ביידע זיינען אָנגעטאָן אין באָד־קאָסטיומען .

לואי שטייט טיף אין וואַסער, האַלט טאַניען אויף די הענט — לערנט זי שווימען. ווייזט איר ווי שפּרייטן „קלאַפּטער". לאָזט זי אַ ווײלע אָפּ, דריקט זי צו זיך, קושט זי אין די האָר, אין האַלז, אין די אויגן . . .

— אָט אַזוי, טייערע, מאַך מיט די הענט, לייג „קלאַפּטער", לערנט איר לואי. אַזעלכע עטלעכע לעקציעס, ביזטו אַ פולקאָמענע שווימערין. טאַניע לייגט זיך אויפן וואַסער, לאָזט זיך אַרונטער צום גרונט. ער וויל זי אונטערכאַפּן. ער שווימט שנעל ווי אַ פיש, סאָפּעט, ווערט פאַרמאַטערט. לייגט זיך בויך אַרויף, „רע־בקעוועט" מיט די הענט, ווי מיט צוויי ווענסלעס און ראַטעוועט טאַניען אַרויס . . . ער דריקט זי צו זיך. טאַניאַ פּראָטעסטירט: ניט שיין, מיסטער זאַקס, לאָזט מיך אָפּ . . . און קוקט אויף אים מיט קאָקעטישע באַ'חנ'טע שמייכלען . . . לואי דריקט זי צו זיך פעסטער און פעסטער . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אום גאָטעס הימל! לאָז מיך אָפּ, לואי, וואָס איז מיט דיר? שטיק מיך ניט אַזוי. דו וועסט מיך דערוואַרגן. האָט זיין פרוי אים געוועקט און פאַרן האַנט געצויגן . . .

— וואָס — וואו בין איך? — האָט לואי מיט האַלב־פאַר־

שלאָפענע אויגן זיך ארומגעקוקט און צעצויגן געפרעגט. טפו, זאָלסטו ווערן! א גוטן חלום געהאט! . . . נאַכוואָס, מינע, האָסטו מיך אויפגעוועקט? האָט ער האלב־פארדראָסן און האלב־ערנסט זיין ווייב א פאָרוואורף געמאכט.

— דו האָסט שיער מיינע אויגן ניט ארויסגענומען מיט דיינע הענט, — האָט מינע מיט כעס געזאָגט. זע וויפיל סימנים דו האָסט מיר אָנגעמאכט. ווען איך וועק דיר ניט אויף, וואָלט איך א לע־בעדיקע פון דיר ניט ארוים . . . א מענטש צעלאָזט זיך אזוי מיט הענט . . .

— א מחנה מאָסקיטעס האָבן מיך באפאלן! נו, האָב איך געמוזט זיי פון זיך פאריאָגן. האָט ער נגב׳יש זיין מינען א תירוץ געגעבן.

באלד זיינען די קינדער אריינגעלאָפן צו אים אין שלאָף־צימער מיט געוויין. פאַ! שוין אזוי שפּעט! וואָס שלאָפסטו, דו האָסט אונז געפּראָמיסט, אז מיר פאָרן צום ערמאָונטענס. נו, ווען?

— פארשפּעטיקט, קינדער, זאָל זיין א צווייטן מאָל. — האָט דער פאָטער פארטראכט געענטפערט. און זיך שנעל גענומען אָנטאָן.

אין אַ שטאַבּס געריכט

(אין יענע טעג)

באַגינענען אויף טאָג, ווען די קינדער האָבּן נאָך געשמאַק גע־שלאָפן, חלומ'ענדיק זיס־קינדערשע חלומות, איז שוין יעקב'ס פרוי אויף די פיס געשטאַנען. מיט ניט אויסגעשלאָפענע רויטע אויגן באַקוקט אים מיט אַזאַ רחמנות־געפיל, אַז דאָס האַרץ האָט ביי איר אַזש פאַרקלעמט פון אַזאַ צאַרטקייט, און ער האָט זיך שיער ניט צע־בליפּעט, ווי אַ קליין צעפּיעשצעט קינד. זיין פרוי האָט איילנדיק זיך אַריינגעוואָרפן אין דער „פאַלערינע", גיך אַנגעטאָן די הוט מיט די ברייטע ראַנדן, געוואָרפן צעשטרייטע בליקן אויף די געלעגערס, וואו זייערע צוויי קינדער זיינען געשלאָפן. פאַרזיכטיק זיי גוט איינ־געדעקט, זיך איבערגעבויגן איבער זיי — איינגעהערט זייער נאָרמאַל־שטילן אָטעמען און באַרואיקט אַרויס אין דער שטילער געסל. אַ דראָזשקע איז לעבּן הויז געשטאַנען, גרייט געווען זיי אָפּפירן צו דער באַן־סטאַנציע, פון וועלכער ער האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן צום שטאַבּס געריכט, וואוהין ער איז געווען מיט „אַ פּאַוועסטקע איינגע־לאַדן" — אַן ערקלערונג געבּן פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געיאַוועט צו דער מאָביליזאַציע.

נאָך עטלעכע טעג פאָרן האָבּן זיי ביידע שטילע זיפצן און הייסע טרערן פאַרגאָסן. די לעצטע נאַכט זיינען זיי ביידע וואַך געווען זיי זיינען פאַרזאָרגטע געלעגן מיט יאוש'דיקע געדאַנקען, קלערנדיק פון עפּעס אַ געהיימער קראַפט, וואָס זאָל אַ נס טאָן און

באַפרייען אים פון שטראָף, וואו אין געריכט איז געלעגן אַ פּראָטאָקאָל אויף אַ סך זייטן באַשריבן, דערקלערנדיק זיין גוואַלדיקן פאַרברעכן. פון צייט צו צייט האָט זיין פרוי אין דער שטיל היסטעריש גע־כליפּעט און מיט רויט־געשוואָלענע אויגן פון טרערן אַרויסגעקוקט אין דער טונקל־בלויער נאַכט אַריין.

אַ וואַרימע הערבסט נאַכט איז געווען. איינע פון די געשענק־סטע הערבסט נעכט, וואו די נאַטור איז קאַרג אין זיך רוסלאַנד. וואָלקענדלעך צעריסענע האָבן זיך אימפּעטיק אַרומגעיאָגט אין די ווייַ־טע הויכקייטן, ווילנדיק איינער דעם צווייטן דעריאָגן. אַ רונדע לבנה האָט זיך געטונקט אין זיי אויף און אַפּ און זיך ניט געלאָזן איינשלינגען.

די דראָזשקע איז שטיל געפאָרן. די אייזערנע רעדער־שינעס האָבן הילפלאָז געקייקלט זיך איבער די זאַמדיק פייכטע געסלעך. די אָרימע, דערשלאָגענע איינוואוינער פון די גאַסן זיינען נאָך געשלאָפן, פאַרגעסנדיק אין שלאָף דאגת־פרנסה פון טאָג טעגלעכן יאָך. טיר און טויער פאַררינגלט. פענצטער מיט לאָדן געשלאָסן, איבערגע־וואָרפן אין מיטן מיט אַ „גראָב אייזערנעם שטאַנג״.

באַטויטע מיט „פרימאַראָזקעס״ טראָטואַרן זיינען אויסגעשפרייט געלעגן, טוליענדיק זיך הארט צו דער זאַמדיקער ערד.

ביי דער סטאַנציע האָט יעקב׳ס פרוי שטיל אַ מורמל געטאָן, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן אַריינגיין צו ר׳ מרדכי סלאָנימער ,און אים איבערגעבן דאָס צעטעלע, וואו עס שטייט אויסגעשריבן די שלאָפ־קייט פון איר מוטער און בעטן פון רבי׳ן אַ ברכה, אַז זי זאָל בקרוב אַ רפואה שלמה באַקומען און אָגב דערמאָנען דעם רבי׳ן, אַז ער זאָל זיך אויך משתדל זיין ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל ווייך מאַכן די הערצער פון נאַטשאַלסטוואָ און מ׳זאָל אים באַפרייען פון תפיסה.

יעקב האָט צוגעזאָגט אַלץ דורכפירן און מיט אַ שווער געמיט, כלומרשט מיט אַ געמאַכט שמייכל אויף די ליפן, זיך געזעגנט מיט זיין פרוי, און מיט בליי אָנגעפילטע מחשבות אַריין אין וואַגאָן, וועל־

כער האָט מיט אַ קלאַפּעריי פון רעדער טראַ־טאַ־טאַ־טאַ פאַרלאָזן די קליינע פּלאַטפאָרמע און זיך לאַנגזאַם ניט איילנדיק אַוועקגעלאָזט צו דער סטאַנציע באַראַנאָוויטש, וואו דער שטאַבּס־געריכט פון די „זאַפּאַסנע" האָט באַדאַרפט אין אַ פּאָר טעג אַרום פאַרקומען.

פון באַראַנאָוויטש איז יעקב מיט אַ פּויערשער פורל אָפּגעפאָרן קיין סלאָנים און פאַרפאָרן אין איין איינפאָר הויז.

פון פּויער איז ער געוואויר געוואָרן פון ר' מרדכי'לעס גרוים וואונדער.

— וואָש ראַבין, האָט דער ערל מיט זיין גרויסער טשופּרינע האָר געשאָקלט, וועליקי טשעלאָוועק: ראַדי יעוואָ יאַ נאַשאָל סוואָיו לאָשאַד . . . " און ער האָט אים דערציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז ביי אים פאַרפאַלן געוואָרן אויף דער פּאַשע אַ פערד און בשום אופן ניט געקענט אָפּזוכן — אַרומגעפאָהרן אין אַלע דערפער, אין אַלע שטעטלעך אַרום, אפילו אויפן יאַרמאַראָק געווען, אפשר וועט ער דאָרטן זיין פערד דערקענען, אָבער ווי אין דר'ערד אריין. ביז דער „ראַבאַי" האָט אים גע'עצה'ט אריין צום „פּאָפּ" און יענער זאָל מיט איהם צוגעהן צום פּריץ און טאַקע מיט אַ פּאָר רובל האָט ער דאָרטן זיין פערד געפונען . . .

גלייך פון פרימאָרגן האָט יעקב זיך דערפרעגט צום רבין. אַ גבאי האָט הכנעה'דיק פאַר אים די טיר געעפנט — אַ דאַנק פאַר זיין „אָפּשטעקן" אים אין האַנט אַ גוט צונויפגעלייגטן רובל . . .

אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ גרוים ליכטיק צימער, צווישן שאַפעס מיט ספרים, איז ר' מרדכלי געזעסן אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע, באַגאַרטלט מיט אַ ברייט בלוי־געוועבטן גאַרטל. זיין פּנים האָט געשטראַלט — ממש די שכינה האָט אויף אים גערוט. די גרייס־ברייטע צעוואַקסענע גרויע באָרד האָט כבודיק זיך אַראָפּגעלאָזט ווייט איבערן ברוסט. זיין הדרת־פּנים האָט פאַר'כישופ'ט יעדן, ווער עס האָט אויף אים געקוקט. זיינע פּאָר מילדע, ווי ביי אַ קינד נאַאיווע אויגן, האָבן צאַרט געקוקט מיט ליבע און רחמנות.

ווי דורך אַ שפּיגל האָט מען געקענט פון זיינע אויגן אַרויסזען זיין גוטע, ווייכע נשמה.

מענטשן פון גאָר דער וועלט פלעגן קומען צום רבי'ן זיך עצה'נען מיט אים און אַלע פלעגן אַוועקפאָרן פון אים צופרידענע פול מיט בטחון . . .

ביים ערשטן באַגעגענען זיך מיט ר' מרדכי'לען פּנים אל פּנים האָט אַ לייכטער ציטער דורך יעקבס קערפּער דורכגעלאָפן. זיין פּאַטריאַרכאַלישער אויסזען, ווי פון אַ הייליקן לעגענדאַרישן נביא, האָט אים מאַגנעטיזירט און ער איז שטיין געבליבן אין אַ קאַמי־שער פּאָזע.

יעקב, יונג, שלאַנק, פול מיט לעבנס־באַגער, גלאַט ראַזירט, אָנגע־טאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, און ער, דער רבי, אַלט, אַ האַלבער מת מיט אויסגעלאָשענע אויגן, שטייען פּנים אל פּנים. אַ מאָדנער פּאַראַלעל; אַ קאָנטראַסט ווי פון 10 דורות. אַ וועלט פון 20טן יאָרהונדערט, מיט פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, מאָדערנישקייט, ווי מיט אַ וועלט פון מיטל־אַלטער . . .

זיץ, יונגער מאַן, האָט ער ווייך, ווי אַ פאָטער צו יעקבן נאָך אַ קורצער פּויזע זיך געווענדט. זאָג וואָס פאַרלאַנגסטו?

יעקב מיט אַ לייכטן ציטער האָט אים דערציילט אין קורצן זיין בקשה און געבעטן זיין ברכה — אַז די „נאַטשאַלסטוואָ" זאָל אים באַפרייען פון שטראָף און אים איבערגעבן דאָס קוויטעלע, אין וועלכן זיין פעטער ר' יוסף סופר האָט געשריבן רש"י כתב — אַז די אשה פלונית בת פלונית איז שלאָף ר"ל או בעט פון צדיק אַ רפואה שלמה.

— גיי בשלום, האָט דער רבי שטיל געזאָגט. ווען יעקב האָט זיך אויפגעשטעלט, און די הענט אויף זיין קאָפּ אָנגעלעגט. השי"ת זאָל דיך בענטשן און דיין וועג זאָל דיר מצליח זיין — און נאָך עפּעס אין דער שטיל מיט די בלוטלאָזע ליפּן געשעפּטשעט . . .

יעקב האָט טיף איינגעבויגן דעם קאָפּ און ביי זיך געפילט

עפּעם פאַרשוּלדיקט פאַר זיין גלאַט ראַזירטן יוּנג־שיינעם פּנים . . .

אויף גיך האָט ער אויך דערנאָך דאָס קוויטעלע איבערגעקוקט, צוגויפגעצויגן די ליפּן, זיך פאַרטראַכט און אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט אויף זיין טיש . . .

געקומען איז יעקב אויף מאָרגן אין שטאַבּס־געריכט. די געבּיידע האָט זיך געפונען אין ניי־באַראַנאָוויטש, ווייט אונטערן שטאָט, אין אַ קליין וועלדל אין סאָלדאַטסקן לאַגער.

די פּאַלאַטקעס אין לאַגער זיינען שוין געווען צענומען. סימנים פון גריבער, וואו די פּאַלאַטקעס זיינען געשטאַנען, האָבן זיך געוואָרפן דאָ און דאָרטן אין לאַנגע שורות.

דער לאַגער, וואו אַ גאַנץ זומער שפּרודלט און זידט מיט לעבן, מיט סאָלדאַטסקע קרעפטיקע לידער, מיט „אוטשעניעס", מיט „מוזיקאַנטסקע סיגראַווקעס", מיט פאַרנאַכטיקע „מאָליטוועס" אויף דער „לינעיקע", מיט די דראַב פון די באַראַבאַנשטשיקעס פון „קאָל סלאַוון" — איז איצט געווען שאַ־שטיל, טויט — אָפּגעשטאָרבן דאָס פריילעך סאָלדאַטסקע לעבן — די סאָלדאַטן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין קאַזאַרמע, אויף די ווינטער־קוואַרטירן. וואו ניט וואו האָבן זיך נאָך געפונען גרופּקעס סאָלדאַטן — אָפּגעשטעלט פאַרן ווינטער פּיליוועס קאַזנאַס גוטס . . .

די געבּיידע, וואו דאָס געריכט האָט באַדאַרפט פאָרקומען, איז געווען אָן איין־עטאַזנע מיט אַ פליגל צוגעבּויט.

געשטאַנען איז די געבּיידע צווישן אַלט־הויכע טאָפּאָלן־ביימער, וואו וואָראָנעס האָבן געהאַט זייערע לאַנג־לאַנג־יעריקע נעסטן און מיט זייערע האַרבסטיקע יאוש קראַ־קראַ־קראַ פאַרטויבט די לופט אַרום.

די טרעלן פון די לוסטיקע פייגעלעך, וואו אַ גאַנץ זומער פלעגן זיי זינגען און פלאַטערן פון צווייגל אויף צווייגל, איז איצט פאַרשטומט — די וואָראָנעס האָבן איבערגענומען די אויבערמאַכט . . .

פאַרפלויגן זיינען די נאַכטיגאַלס ווייט־ווייט איבער ים'ען אין וואַ־רימע לענדער, וואו די זון שיינט און לאַסטשעט מוטערלעך־געטריי.

ארום דעם בנין זיינען געשטאַנען געוועזענע סאָלדאַטן, אַנט־לאָפענע פון מאָביליזאַציע מיט בלאַס־טויטע פנימער, געוואַרט מיט פיבערהאַפטן ציטער אויפן סוד.

„א טשאַסאָוואַי" מיט אַ בלויזער שווערד אויפן אַקסל איז צו־געקומען, אין באַגלייטונג מיט אַ שטאַבס־אָפיצער צו דער גרופּע געוועזענע סאָלדאַטן און זיי אויסגעשטעלט אין אַ לאַנג־גלייכער שערענגע. באַלד זיינען צום בנין צוגעקומען פיר שטאַבס אָפי־צערן, דער גלח, אַ פּראָקוראָר מיט אַ גענעראַל. דער סוד (משפּט) האָט זיך אָנגעהויבן.

דער ערשטער אויף דער ליסטע איז יעקב געווען. מיט אַ בלאַס דערשראָקענעם פּנים און ציטערדיקע קני איז ער פאַרן ריכ־טער געשטאַנען. מ'האָט אים באַשולדיקט אין פאַרראַט קעגן זיין פאָטערלאַנד, אַז אין דער צייט פון מאָביליזאַציע איז ער ווי אַ דעזערטיר, ווי אַ פייגלינג אַנטלאָפן און איז פאַרשוואונדן ערגעץ אין אויסלאַנד און געוועזן דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט . . . און נאָך אַ צעטל פון „שרעקלעכע" חטאים, און נאָכן „סטאַטיא" 939 פון קרימינאַל קאָדעקס קומט אים אַ גרוי־סע שטראָף.

מיט אַ קלאָפּנדיקער האַרץ האָט יעקב אויסגעהערט אַלע זיינע „חטאים". ווען עס איז געקומען זיין ריי צו פאַרטיידיקן זיך, האָט ער פּלוצים קוראַזש און שטאָלץ באַקומען, און זיין גאַנץ וויסן און קענטניש פון דער רוסישער שפּראַך אויסגענוצט, כדי זיך צו ריינוואַשן.

מיט אַ שאַרף־פּליסיק ריינער שפּראַך זיי דערקלערט, אַז דער גאַנצער פּראָטאָקאָל איז ניט גענוג פּאָרזיכטיק צוזאַמענגעשטעלט, זייער פיל איבערטריבן. ערשטנס, האָט ער מיט פאַקטן באַוויזן, אַז פון מאָביליזאַציע איז ער ניט אַנטלאָפן, נאָר אָפּגעפאָרן מיט אַ דערלויבניש פון דעם גובערנאַטאָר מיט אַ פּאַספּאָרט. צווייטנס,

קיין אַלגעמיינע מאָביליזאַציע איז אין רוסלאַנד ניט געווען, נאָר אַ טיילווייזע. דריטנס, איז ער לאָיאַל צו זיין פאָטערלאַנד. רוסיש איז זיין מוטער־שפּראַך, — האָט ער ענטוזיאַסטיש אויסגערופן און אַלס איד איז ער אַ געטרייער אונטערטאַן צו זיין „צאַר".

— איך בין געווען אין אַ ווייט לאַנד, — האָט ער זיך פאַר־טיידיקט, אַזש אין קאַנאַדע — אַ פּראָווינץ פון ענגלאַנד, האָט ער זי מעשה געאָגראַפיסט דערקלערט, און דאָרטן זיינען ניטאָ קיין אידישע און רוסישע צייטונגען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין זיין שטאָט. און ווען ער האָט באַקומען פון דער היים אַ בריוו מיט אַן אויסשניט פון „קיעווסקאַיאַ מיסל", אַז אין זיין שטאָט ווערט דער זאַפּאַס מאָביליזירט, דאַן איז ער גלייך אַהיימגעקומען . . . אָבער די מלחמה איז שוין געווען פאַר־איבער . . .

זיי האָבן אים נאָך איניקע פראַגן געשטעלט און באַקומענדיק אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און געהייסן אים פאַר אַ קורצער צייט פאַרלאָזן דאָס געריכט . . .

די פּאָר מינוט וואָס יעקב איז אין קאָרידאָר געשטאַנען, וואַרטנדיק אויפן אויסגאַנג פון זיין אורטייל, קענען פילן די, וועלכע האָבן אין זייער לעבן דורכגעמאַכט אַזאַ פּראָצעס. הענט און פיס האָבן ביי אים געציטערט. זיין אָטעם איז פאַרשנעלערט גע־וואָרן.

ווען מ'האָט יעקב'ן ענדלעך אַריינגערופן און איבערגעלייענט דעם באַשלוס פון זיין פּראָצעס, האָט ער געפילט דאַן ווי פאַלן אין חלשות.

פאַר אַ מאָמענט האָט זיך דער גאַנצער געריכט אויפגעשטעלט, ווען מ'האָט געלייענט: „פאָ אוקאַזו יעוואָ אימפּעראַטאָרסקאַוואָ וועליטשעסטוואָ" . . . אין די אויערן האָט יעקבן גערוישט, גע־טומלט, ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. נאָר צום סוף, ווען דער פאָרזיצער האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פריינטלעכן פּנים

און גוטמוטיק א פרעג געטאָן: „נו, דאָוואָלני לי ווי סודאָם?״ — האָבן זיך די פּאָר ווערטער טיף איינגעשניטן אין זיין זכרון.

דאַן האָט ער פולשטענדיק פארשטאנע אז ער איז פריי פון טורמע... פרייהייט! האָט אין זיינע אויערן געקלונגען, ריינגע־וואשן!!

פון פרייד האָט ער זיך צעוויינט און צו יעדן געשוואוירענעם טיף זיין קאָפּ געבויגן, אויסדריקנדיק שטום זיין הארציקן דאנק...

דעמזעלביקן טאָג איז ער אהיים געפאָרן און זיין גרויס שמחה מיטגעטיילט זיין פרוי און גוטע פריינט.

זיינע צוויי קינדער האָבן פון פרייד געטאנצט, געזונגען און מיט די הענטלעך געפּאטשט, ווי אפּלאָדירנדיק זיין באפרייאונג...

צווישן צוויי וואַגאָנען

— פּאַלאָוואַי וועט זיין דער ערשטער פון היינטיקן אָוונט אונדז דערציילן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון זיינע רייכע איבערלעבונגען — האָט די יונגע באַלעבאָסטע ליזאַ, אַ שיין בלאָנד ווייבל מיט דורכזיכטיקע בלאַס־ראָזעווע באַקן, זיך געווענדט צו דער גרופּע, וועלכע איז געזעסן אַרום פיר־קאַנטיקן טיש, אָנווייזנדיק אויף אַ יונגנמאַן מיט פאַרחלומטע אויגן.

פּאַלאָוואַי האָט זיך אַ פּאָר מאָל געלאָזט בעטן, אָנגעבנדיק תירוצים,אַז ער איז איצט אין אַ שלעכטער שטימונג,אָבער געמוזט נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פון דער שיינער דאַמע, וועלכע האָט צוזאַמענגערופן די נאָענטע פריינט צו אַן אינטימער וועטשערינקע ביי איר אין הויז.

אין צימער איז שטיל געוואָרן. די חברים האָבן זיך ענגער צוזאַמענגערוקט, אָנגעשפּיצט אויערן און אַריינגעקוקט פּאַלאָוואַיען אין די אויגן.

דער יונגער מאַן האָט זיך פאַרטראַכט, מיט דער לינקער האַנט געריבן דעם שטערן, געגלעט די ברעמען, עטוואָס נאָכגעדענקט, טיף אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבן דערציילן:

—שוין אַ סך יאָרן און אַ סך וואַסערן זיינען פאַרשוואונדן אין ווייטן אומענדלעכקייט נאָך יענער פּאַסירונג. דאַ בין איך געווען יונג, מוטיק, פול מיט לעבנס טוי מיט אַ קוואַל חלומות פון אַ נייעם איבערבוי אין דער גאָרער וועלט. מיין שטאַרקע ליידנשאַפט איז באַ־

שטאַנען פון וואַנדלען — פשוט צופוס גיין איבער וועלדער, פעלדער, סטעפּעס, בערג, טאָלן, כדי צו באַקומען אינהאַלטסרייכע איינדריקע און באַאָבאַכטונגען פון לעבן.

דאָן איז געווען אַ רעגנדיקער האַרבסט־טאָג. די נאַסקייט האָט זיך איינגעזאַפּט אין די נעט פון מיינע אָפּגעטראָגענע קליידער און דורכגענעצט אַלע מיינע גלידער. איך בין דאַן געגאַנגען איבער אַ ווילדן סטעפּ; ס׳איז אַפילו ניט געווען קיין ביימעלע, אונטער וועלכן איך זאָל קענען כאָטש אַ פּאָר מינוטן זיך שיצן. איך קוק אויף אַלע זייטן, אפשר וועל איך געפינען אַ פּלאַץ, וואו זיך אָפּ־רוען. איך פיל, ווי איך שלאָג זיך אַרויס פון אַלע מיינע כחות. פּלוצלונג דערהער איך אַ ווייטן פייף, ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו. מיין האַרץ איז מיר שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פון פרייד. מיט באַ־פרישטע כחות האָב איך גענומען שפּרייזן אין דער ריכטונג פון וואַנען דער פייף איז געקומען און צו מיין איבעררראַשונג האָב איך דערזען פון ווייטן אַ וועג, אַן אָנגעשאָטענע הויכע גרעבלע אין אַ גלייכער ליניע מיט רעלסן.

— ס׳האָט זיך גלאָזט הערן אַ צווייטער פייף, אַ דריטער און אויגנבליקלעך האָט זיך פון נעפּל אַרויסגעשיילט אַ באַן מיט אַ סך וואַגאָנען, און ווי דורך אַ וואונק פון אַ געהיימער האַנט, האָט די באַן פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג. כ׳האָב זיך באַנוצט מיט דער מי־נוטיקער געלעגנהייט און זיך אַרויפגעשאַרט אויף די טרעפּלעך און זיך באַהאַלטן צווישן די ווענט פון צוויי וואַגאָנען, כדי קיינער זאָל מיך ניט באַמערקן. איך פּאָר, און אין מיין קאָפּ קנוילן זיך געדאַנ־קען ווי צעריסענע פעדים. וואו אייגנטלעך פּאָר איך? איך בין איינער אויף דער ערד, וואָס קיינער אינטערסירט זיך ניט מיט מיר און קיינר וועט ניט באַדויערן מיין טויט, אויב איך גליטש זיך אויס און פאַל אַרונטער פון מיין געהיימען באַהעלטעניש אין טיפן אָפּגרונט, וואו איך וועל צעשאָטן ווערן אויף שטויב און פּראַך.

— די באַן האָט פאַרשנעלערט איר גאַנג: פעלדער, וועלדער,

הייזער, בערג, טאָלן לויפן פאַרביי און שווינדלען ווי אַ מיראַזש פאַר מיינע אויגן.

— איך פיל ניט באַקוועם אין מיין באַהעלטעניש צווישן די ווענט פוןביידע וואַגאָנען; איך פיל אַז אָט־אָט פאַרליר איך מיין קאָנטראָל, באַלאַנס, פאַל אַרונטער אין טיפן רוישנדיקן וואַסער, וואו איך וועל איינגעשלונגען ווערן פון די ברויזענדע כוואַליעס.

פון אַ גאַנצן טאָג אַרומוואַנדלען און פון שווערע אָנשטרענגונג, האָב איך איינגעדרימלט. וויפיל איך האָב געדרימלט ווייס איך ניט, ווייל פּלוצים בין איך געשטערט געוואָרן פון אַ הייזעריקן, הויכן אויסגעשריי: אַראָפּ פון דאַנען, דו באָם! דו הונט! ווען ניט וואַרף איך דיך אַרונטער צום טייפל! איך גיב דיר אַ פּאָר מינוטן צייט! און דער „ברייקמאַן" שטייט ניט ווייט פון מיר, קוקט אויף מיר מיט מלאך־המות׳שע אויגן, וואַרטנדיק אויף מיין אַנטשיידענעם טריט. וואו לויפן איז ניט געווען. די באַן לויפט אין פולן גאַנג. אַרונטערשפּרינגען איז אַ זיכערער טויט. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים, וויינען דורך פאַרשטיקטע שלוכצן, אַז ער זאָל מיר לאָזן שטיין אין אַזאַ פּאָזיציע ביז די באַן וועט זיך אָפּשטעלן. כ׳האָב רחמנות געבעטן, אָבער דער „ברייקמאַן" איז קאַלטבלוטיק ווי אַ גזלן, וויזט ניט אַרויס קיין פונק מיטלייד. דער חיה־מענטש האָט מיך גענומען טרייבן מיט ווילדע, גראָבע זידלערייען. ווען איך שפּרינג אַרונטער, וואָלט מיין גאַנצער קערפּער צעשאָטן געוואָרן. די מינוטן זיינען ביי מיר אייביקייטן. איך פיל אַז באַלד־באַלד קומט אָן די אַנטשיידענע מינוט און איך מוז באַשליסן. דער חיה־מענטש איז צו מיר אַ פּאָר טריט נעענטער צוגעקומען, גענומען אַן אייזערנעם שטאַנג און אָנגעהויבן מיך שלאָגן איבער די הענט און פיס. פון ווייטיק שווינדלען ביי מיר אין די אויגן רויטע, גרינע פלעמלעך. איך פאַרביים ביז בלוט מיינע ליפּן. פון ווייטיק שטשימעט זיך צונויף מיינע ציין און מיינע פויסטן ביילן זיך . . . איך באַשליס צו וואַרטן נאָך אַ פּאָר מינוט און דאַן —

—פּלוצלונג הער איך אַ מורמלען, ווי דורכן ווינט: „ראַטעווע דיין לעבן, מיין קינד. טו וואָס איז דיין מאַכט. אפשר קענסטו דיין שונא גובר זיין? אפשר — פּרוביר!" . . .

— אין דעם מאָמענט האָט די באַן אָנגעהויבן פייפן און סיקען, געמאַכט שלענגלישע דרייאונגען. פלינק ווי אַ האָז האָב איך אַ שוועב געטאָן, געכאַפּט מיין שונא ביים פּוס. ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט — און אַרונטערגעפאַלן . . .

קיין עדות זיינען ניט געווען ביי דער שטומער טראַגישער פּאַסירונג. קיין שאָרעך, קיין פּיפּס, קיין ריר — שאַ־שטיל, ווי גאָרניט פּאַסירט . . .

— כ'האָב פריי אָפּגעאָטעמט.

קורץ נאָכדעם האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט, עס איז געווען שפּעט ביינאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג אַ קליינעם נאָטיץ, פאַרשטופּט ערגעץ אין אַ זייט, אַז אַן אָנגעשטעלטער פון אַ באַן איז געפונען געוואָרן אַ צעשמעטערטער צווישן די רעלסן. דער נאָטיץ־שרייבער האָט אָנגעמערקט, אַז דער אומגליקלעכער איז וואַרשיינלעך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד . . .

די עטלעכע חברים פון דער קליינער גרופּע זיינען געזעסן שטומע מיט צונויפגעצויגענע ליפּן, ריכטיק ווי זיי אַליין וואָלטן דורכגעלעבט יענע פאַרגאַנגענע צייט צווישן די בלינדע ווענט פון די צוויי וואַגאָנען . . .

מחלל שבת געווען

א פּאָר יאָר נאָך דער וועלט מלחמה האָט לייביש באַשלאָסן אריבערצוּנעמען צו זיך זיין פרוי און קינדער.

ווען עס מאַכט זיך ניט דער אינצידענט מיט דעם מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך צופעליק באַקאַנט, שטייענדיק אין איין הויז אויף קוואַרטיר און ווען זיין פרוים קוזינע דערוויסט זיך ניט, אַז לייביש איז עפּעס צוּפּיל אינטים מיט איר, און ווען זי סטראַשעט אים ניט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָלט לייביש נאָך עד היום פאַרבליבן אַליין ביז — ביז ער וואָלט מיט דער צייט זיין ווייב און קינדער אינגאַנצן פאַרגעסן . . .

די ערשטע צייט נאָך זיין אָפּפאָר פון דער היים, האָט לייביש שטאַרק געבענקט נאָך זיין חיה'לען און נאָך די קינדער, איבערהויפּט נאָך זיין דריי־יעריקן „בכור". ווען דאַן וואָלט אַ מעגלעכקייט גע־ווען, וואָלט ער דעם ערשטן יאָר זיי אַלעמען אריבערגענומען, אָבער אַזוי ווי די אומשטענדן זיינען געווען ניט קיין גינסטיקע און עס זיינען פאַריבער היבשע עטלעכע יאָר, איז די בענקשאַפט נאָך זיין פאַמיליע כמעט ווי אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן . . . דערצו האָט נאָך מיטגעווירקט די גרויסע וועלט־קריג, ווען דאָס נאָרמאַלע לעבן איז צעשטערט און פאַרניכטעט געוואָרן.

זעלטן ווען זיין פרוי פלעגט אים אַרויפשווימען אויפן געדאַנק און אַז ס'פלעגט פּאַסירן אַמאָל יאָ, פלעגט לייביש פון זיך אַליין חוזק מאַכן, און ניט געקענט פאַרגעבן זיין נאַרישקייט פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט, ווען ער האָט זי ליב געהאַט . . .

— ווי האָב איך געקענט אַביסל צייט בענקען נאָך אַ מיאוסע פּאַנאַ־טישע פּרוי, ווען דאָ אין דער גרויסער וועלט־שטאָט ווירבלען און שוועבן פאַרביי די אויגן אַזעלכע שיינע, צאַרטע, בויגזאַמע מיט קאָ־קעטישע באַוועגונגען מיידלעך און פרויען? ווי דום מ׳איז אין דער יוגנט, ווען מ׳פאַרקויפט זיך צום טייוול פאַר אַ נדן! פלעגט לייביש זיך אַליין אַמאָל אַ פאָרוואורף מאַכן. ס׳זיינען אַלץ געווען סענ־טימענטאַלע אויפברויזן און ניט מער.

ער האָט דאָ געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות אַבי געלט פאַר־דינען און אַזוי געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט.

פלעגט צוזאַמענקלייבן עטלעכע צענדליק דאָלער און עס אַרומ־געטראָגן מיט זיך, ניט וועלנדיק געטרויען קיין באַנק.

— אַ באַנק, פלעגט ער צו זיינע באַקאַנטע זאָגן, איז נאָר גוט אַן אייגענע — ביי זיך אין קעשענע.

קיינער, אויסער זיין פריינט שלום, האָט ניט געוואוסט וויפיל לייביש פאַרמאָגט מזומנים. שלום האָט אפילו געוואוסט פון זיין גרויסער אבדה, ווען לייביש איז איינמאָל אין מרחץ געגאַנגען און דאָרטן האָט מען ביי אים זיינע הויזן מיט דאָס געלט צוגענומען און איבערגעלאָזן אַנדערע מיט אויסגעשניטענע קעשענעס . . . לייביש איז דאַן פון זינען שיער ניט אַרונטער. דאָס לעבן האָט ער זיך געוואָלט נעמען.

— וואָס טויג איך איצט אָן געלט, — האָט ער געיאָמערט און די האָר פון קאָפּ זיך געריסן. שלום האָט אים געטרייסט, אַז די וועלט־מלחמה איז נאָך ניט געענדיקט, ביז וואַנען זיין פאַמיליע וועט צו אים קומען, וועט אים גאָט „מזכה" זיין מיט אַנדערע געלט . . .

לייביש האָט אָנגעהויבן פילן די עלנטקייט און איינזאַמקייט זינט ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט.

מ׳ווערט עלטער פון טאָג צו טאָג. אַ סך גרויסע שטרייפן האָבן אָנגעהויבן באַזילבערן זיין קאָפּ. באַלד קומט די שעה ווען מ׳וועט אים פאַר אַן איבעריקן האַלטן. דאַן האָט אים אַ מרה־שחורה באַ־

פאַלן. זיין שרעק איז נאָכמער פאַרשאַרפט געוואָרן ווען זיין פריינט שלום איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און געמוזט גיין אין שפּיטאָל.

לייביש פלעגט צו אים איבער אַ טאָג אין שפּיטאָל קומען, זיין „גוטהאַרציקע שוועסטער" געווען. געזעסן לאַנג לעבן אים, געטרייסט מיט פריינטלעכע ווערטער און שטיל אַריינגעמורמלט: אַז גאָט וועט דיך גיך געבן אַ רפואה שלמה, איז דיין ערשטע אויפגאַבע קריגן אַ מיידל און חתונה האָבן.

צוקוקנדיק שלמה'ס עלנטקייט, האָט לייביש באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן ביז איבער אַ יאָר, מוז ער זיין ווייב און קינדער אַריבער־ברענגען . . .

— אַ צו שווערע לאַסט וועט פאַלן אויף מיר! האָט לייביש איינמאָל זיין פריינט געזאָגט. אַ לאַסט, פון וועלכער כ'קען אַמאָל צוזאַמענברעכן! און נאָך ערגער האָט אים פאַרפאָלגט אַ געדאַנק, אַז זיין חיה'לע וועט בשום אופן ניט קענען זיך צופּאַסן צום היגן לעבן. צו פרום, צו רעליגיעז איז זי געווען דאָרטן אין דעם קליין פוילישן שטעטל.

די ערשטע צייט איז לייבישן געווען אומדערטרעגלעך זיך צוצו־פּאַסן צום נייעם פאַמיליען־לעבן דאָ אין לאַנד. יעדער באַוועגונג פון זיין פרוי איז אים געווען דערווידער. די האַלב ווילדע זיטן פון חיהלען האָבן ווי מיט שאַרפע פיילן זיין לייב געשטאָכן.

אַ פּאָר טעג איז חיה'לע געווען איבערראַשט און צוטומלט פון פרייד. באַקאַנטע, פריינט, לאַנדסלייט זיינען געקומען זי זען און אָפּנעמען אַ גרוס, הערן עפּעס נייעס פון דער היים. האָט חיה'לע קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט זיך אַרומקוקן, זען וואָס אַרום איר קומט פאָר. אָבער גאָר גיך האָט זי אָנגעהויבן „וואָיעווען" מיט איר לייבישן, אַז די מילך, די פּוטער, די פליייש, אפילו ברויט און זעמל זיינען ניט כשר. איבערהויפּט פלעגט זי שטילע סקאַנדאַלן מאַכן און היסטעריש וויינען, פאַרוואָס ער ראַזירט זיין באָרד און וואָנסן . . .

— דו זעסט אוים ווי דער קסאַנדז באַנדרעוויטש, — פּלענט זי גאַליק אים באַמערקן . . .

ליביש האָט פאַרשווינגן, געדולדעט אירע ווילדע קאַפּריזן, גע־וואָלט אונטער אַלע מעגלעכקייטן אויפהאַלטן דאָס גאַנצע שלום־בית. חיה׳לע האָט אָנגעהויבן איינפירן נייע פאַראָנדקעס אין הויז: שטרענג אכטונג געגעבן אויף כשרות און איבערהויפּט אָפּהיטן מאַן און קינדער פון חילול שבת. האָט זי באַשטעלט אַ „שייגעץ״ אויף פרייטאָג נאַכט און שבת, ער זאָל צונעמען די „לייכטער פון טיש״, פאַרלעשן די עלעקטריק, אָנצינדן שבת פרי דעם „רענטש״, אָנוואַרימען דעם טשאָלענט, דעם טשייניק טיי און קומען נאָך וואַר־מעם פאַרלעשן דעם פייער . . .

עטלעכע חדשים האָט חיה׳לע דורכגעפירט איר „אָנגעצייכנטן פּראָגראַם״, ווי אַ כשר׳ע צנועה, ניט אָפּטרעטנדיק פון אידישן דת אויף אַ קוצו של יוד . . . ביז — ביז איינמאָל, אַ שבת תשובה איז עם געווען. דיקי קומט ניט אַראָפּנעמען די לייכטער, נישט פאַרלעשן די עלעקטריק און ניט אָנצינדן דעם „רענטש״.

חיהלע שטייט מיט איר טאָכטער אַ באַזאָרגטע ביים פענצטער, אַרויסקוקנדיק דיקי׳ן. פון ווייטן האָט זי אים באַמערקט גייענדיק אַן אויסגעפּוצטער צוזאַמען מיט אַן עלטערן מענטשן און געטראָגן אונטערן אָרעם אַ קליין פּעקעלע.

זי האָט געהייסן איר טאָכטער אים צורופן.

— איך ניט קום היינט. יו נאָו. — האָט דיקי פון ווייטן הויך אין פענצטער אַריינגעשריען. היינט מיין בר־מצוה. גיי אין סיגאַגאָג מיט פּאַ. קומען נעקסטן שבת!״

חיה׳לע איז שיער אין חלשות געפאַלן. „גאָט, האַרציקער! זי מיר מוחל,״ האָבן אירע ליפּן ווי אַ תפילה געשעפּטשעט. זעקס חדשים נאָכאַנאַנד האָב איך בפירוש מחלל שבת געווען. אַ כשר אידיש קינד פאַר אַ „שייגעץ״ געמאַכט!

פאַרגלאָצנדיק אירע אויגן צו דער סטעליע האָט זי אירע שפּיץ־פינגער אָן די פייכטע פענצטער־שויבן געריבן . . .

„רידזשעקטעט"

לאנגע חדשים האָט דזשאָ קאַלפּאַק די אויגן געבלענדט — לערנענדיק דעם „איי בי סי". זיינע צוויי קלענערע קינדער — סעמי און נעלי פלעגן זיך בייטן מיט די לערער־ראָלן. אמאָל פלעגט סעמי לערנען דעם פּאַפּען. יעדער בוכשטאַב באַזונדער אָפּצאַמען פון אַנדערן מיט צוויי פינגער, ווי אין אַ קעסטעלע אים אַריינזעצן און טייטלענדיק מיטן ווייז־פינגער דעם אַלפאַבעט עטלעכע מאָל הין און צוריק, אָבער גיך פלעגט סעמי פון געדולד אַרויס, זיך אָנבלאָזן און צווישן די ציין צוקייען: „פּאָר גאָדם סייק"! און מיט בייזע אָנגעכמורעטע ליפּלאַך אַרויסזאָגן: „וואָצימעדער, פּאַ? לערנסט און לערנסט און ניט קען; יו נאָ גוד. יו קרינגן איי סי . . . " און נאָכדעם די „פּעדאַגאָגיע" איבערגעבן צו זיין עלטערע שוועסטער נעלין.

זי, נעלי, איז שוין געווען געדולדיקער ווי סעמי. זי פלעגט לער־נען מיטן פּאַפּען ווי אַ ריכטיקע סקול־לערערין: פּרוביר, פּאַ, פלעגט זי מילד צום פאָטער ריידן נאָכאַמאָל דורכלייענען דעם „איי בי סי". ערשט צוריק — פאַרקערט, און דעם פאָטער פלעגן די אויגן שווינד־לען פון אָנשטרענגונג, זאַאיקען, טעות'ן זיך אויף יעדן בוכשטאַב און קוים מיט שוועריקייטן אַדורכקריכן די מאָדנע פאַרדרייטע בוכ־שטאַבן און צום סוף לייכט אָפּעטעמען, — ווי געדעשעט די שווער־סטע מאַטעמאַטישע פּראָבלעם . . .

דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ביים עקזאַמען וועט זיין פּראָס־

טער קאָפּ און האַלב־טונקעלע ווי באַנקעס אַרויסגעשפּאַרטע אויגן אים פאַרראַטן און צום נאַר מאַכן. אָבער דער געדאַנק, אַז ער מוז האָבן אַ שטענדיקע פּרנסה און זיין אויף פרישער לופט, האָט אים קוראַזש און ענערגיע צוגעגעבן און געדולדיק ווידער „שטודירט" דעם איי בי סי.

קוקנדיק אויף אים האָבן זיינע פּאָר גוטע פריינט, מיט וועמען ער האָט אין שכנות געוואוינט, אויך אָנגעהויבן לערנען דעם איי בי סי. ער האָט זיי אין האַלבע ווערטער דערציילט, אַז ער גרייט זיך צום עקזאַמען פאַר אַ סיטי דזשאָב . . .

זיין פרוי האָט פון דעם פּלאַן ניט געוואוסט.

קאַלפּאַק האָט געטראַכט: ווי נאָר ער וועט קריגן די שטעלע אַלס אַ גאַסן־קערער, וועט ער זיין פרוי אַ סורפּריז מאַכן. פון די צוויי און דרייסיק דאָלער מיט די פופציק סענט אַ וואָך געהאַלט, וועט ער אַראָפּנעמען זעקס דאָלער אַ וואָך, און ס'וועט הייסן, אַז ער פאַרדינט ניט מער ווי זעקס און צוואַנציק און פופציק. און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער וועט זיך אָנזאַמלען אַ היבשער קאַפּיטאַל, דאַן וועט ער זיין יעטען דאָס גאַנצע געלט אָוועקגעבן און דערביי מיט פרייד זאָגן: נאַ, מיין ווייב, און דערלאַנגען איר אַ גרויס פּעקל אַסיגנאַציעס, טו מיט דאָס געלט, וואָס דו ווילסט — ווייל דאָס באַלאַנגט צו דיר!

דורכשניטלעך פאַרדינט ער אין „זיין" פאַבריק אַ סך, אַ סך ווייניקער. זיין גאַנץ יעריקן פאַרדינסט, אַז מ'זאָל צעטיילן אויף 12 חדשים, וואָלט אויסגעמאַכט נאָך ווייניקער ווי צוועלף דאָלער אַ וואָך, נו קען מען מיט אַזאַ פאַרדינסט אויפהאַלטן אַ שלום בית? מ'דאַרף פון אַזאַ פאַבריק אַנטלויפן ווי פון אַ מגפה!

— ס'איז אַ גליק, — האָט קאַלפּאַק געטראַכט — וואָס אידן אין אַמעריקע האָבן „ראַוונע פּראַווע": אידן פאַרנעמען דאָ פּאַר־שיידענע רעגירונגס־שטעלעס, גלייך מיט קריסטן. האָט מען דאָ אין מיינע צייטן געהערט אין רוסלאַנד?

און קאַלפּאַק האָט מיט אַ פיבערהאַפטער געשפּאַנטקייט געוואַרט אויף אַ בריוו — אים רופן צום „עקזאַמען".

צו זיינע נאָענטע באַקאַנטע האָט ער געזאָגט: אַ קליינקייט אַ סטעדי דזשאַב, און מיט פּאַטאָס פאַרטגעזעצט ריידן:

— ווער עס איז ניט פויל און ער שטייט אויף אין דער פרי, יענעם העלפט גאָט! מאַלע וואָס מ'קען געפינען פאַרטאָג אין גאַס — אַ סך גאַסן וועלן זיין אין מיין רשות — אַלע זאַכן, פאַרשיידענע אַרויסגעוואָרפענע, ווי: אַלטע מעבל, מאַטראַצן, פענדלעך, טעפּלעך, גלעזער, אפילו אַלטע זייגערס וועלן אויפגעקליבן ווערן פון מיינע הענט, אויך קען מען קערנדיק אַפּט געפינען דזשולערי, דימענטלעך, ווי מיינע באַקאַנטע האָבן מיר דערציילט. ווער רעדט נאָך, אַז מ'וועט מיך „נאַזנאַטשען" אין אַ רייכן געגנט, דאַן — — סעמי וועט לערנען פידל שפּילן. ער האָט גרויס חשק צו דעם — און ער וועט אַ גרויסער מוזיקאַנט ווערן, אַ באַרימטער פידל־שפּילער ווי מיין באַס בענאַק.

גרויסע אַפישן וועלן אָנגעקלעפּט ווערן אויף אַלע ראָג־גאַסן מיט סעמים פּאָטאָגראַפיע. ווער עס וועט פאַרבייגיין, וועט זיך אָפּשטעלן באַוואונדערן זיין שיינעם אויסזען און וואַרטן מיט אומגעדולד דעם טאָג פון זיין שפּילן. אין אַ גרויס זאַלן וועלן זיין פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. אַלע מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס וועלן הערן זיינע זיסע טענער און מיין זון אַליין, שטאָלץ ווי דוד המלך, וועט מיט זיין סמיק שווימען איבער די סטרונעס און אַלע וועלן זיין ווי פאַרכישופט פון די זיסע מעלאָדיעס. אַ הייליקע שטילקייט וועט אַלעמען אַרומנעמען — און אַן אויסברוך פון דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן וועלן אָפּהילכן איבער דעם גאַנצן זאַל און אין גאַסן אוועק . . .

און מיין טאָכטער נעלי וועט פאַרטזעצן איר לערנען אַזוי לאַנג ביז זי וועט אַליין וועלן . . . — איך וועל איר ניט שיקן אין אַ שאַפּ אַרבעטן: זי וועט ביי מיר אַן אמת'ע „באַרישנע" זיין, ווי אַלע

בעלי־בית׳ישע קינדער. איר וועט זען, אַז דזשאָ וועט האַלטן וואָרט, זאָל נאָר דער עקזאַמען „בלאַגאָפּאָלוטשנע" דורכגיין . . .

אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָט קאָלפּאַק באַקומען אַן איינ־לאַדונגס בריוו — גיין צום עקזאַמען.

— וואָס פאַר אַ קענטשאַפט דאַרף מען, אום צו קענען ראַמען די גאַסן? — האָט ער אַ גאַנצן טאָג זיך אַליין געפרעגט און פון נערוועזיטעט די אַקסלען געהויבן.

אַ גרויסער זאַל. אַ פּאָליסמאַן ביי דער טיר קוקט שטרענג נאָך די אַלע איינלאַס־קאַרטן און לאָזט אַריין איינציקווייז — און די ריי וואַקסט פון מינוט צו מינוט . . .

אַ דאָקטאָר מיט צוויי באַאַמטע עקזאַמינירן אים פריער קערפּער־לעך. אָדם נאַקעט שטייט קאָלפּאַק. מ׳טאַפּט אים די הענט, די מאַסלס, מ׳וועגט אים אָפּ. דער דאָקטאָר עקזאַמינירט דאָס האַרץ, די לונגען. נאָכדעם גיט מען אַ שווערע משא הויבן. ביי קאָלפּאַקן אין האַרצן קלאַפּט ווי אַ באַטאַליאָן באַראַבאַנשטשיקעס וואָלטן אויף זייערע פּייקלעך „דראָב געשאָטן" . . .

נאָכדעם זעצט מען אים אויף אַ ווייכן שטול. אין אַ דיסטאַנץ פון 25 פוס ווייזט מען אים אויף אַ שוואַרץ ברעטל צעשאָטענע ווייסע מעטאַלענע בוכשטאַבן און מ׳הייסט אים לייענען.

קאָלפּאַקן שווינדלט אין די אויגן. קען ניט קלאָר אונטער־שיידן פון איין „אַר" ביז אַ „קיי" און איין „אי" ביז איין „עף". ער האַלט זיך אָפּ עטלעכע סעקונדן אַרויסזאָגן דעם בוכשטאַב — טאָמער ניט ריכטיק, און דאַן — — — פּאַסט אָבער מוט. צום אָפּ טיף דעם אָטעם און זאָגט ווי פאַרשטיקט־הייזעריק אַרויס „קיי", „עף", „אַר", „ווי" און די עטוואָס קלענערע בוכשטאַבן זיינען ווי אין נעבל איינגעהילט — יענע זעט ער ניט קלאָר. אַרויסזאָגנדיק די פיר בוכשטאַבן האָט קאָלפּאַק דערפילט ווי דער אָטעם איז אים אָפּגעהאַקט — עס פעלט אים לופט . . .

ער איז אַראָפּ פון שטול, אַרויס פון קאָרידאָר, זיך אַרומגעווישט

דעם קאַלטן שוויס און מיט בטחון געמורמלט: „אולי ירחם, דער אויבערשטער וועט ניט פאַרלאָזן" . . .

אבער ווי דערשלאָגן איז דזשאָ געוואָרן, ווען אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּאָסטל מיט געציילטע פּאָר ווערטער: מר. קאָלפּאַק, „יו אַר רעדזשעקטעד" . . .

„פוט הים אין דהי באָקס"

מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט קאָהן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שילד, אויף וועלכע עס איז געווען געמאָלדן מיט אַ בליישטיפט, אַז אויפן זעקסטן שטאָק, „בעק", דאַרף מען האָבן אַ „האַנט", מעג זיין אַפילו אַ „קאָלאָרד מען".

אַ ליכטיק שטראַל פון עטלעכע פונט ברויט און קאַרטאָפל האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח, און געמאַכט העפטיקער קלאַפּן זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ.

אַזוי לאַנג אַרבעטסלאָז, פאַרגעסן אַפילו ווי אַ קוואָדער זעט אויס, האָט קאָהן געטראַכט און טיפער געצויגן דעם אָטעם. זאָל זיין אַפילו 1 דאָלער אַ טאָג, האָט ער ביי זיך גע'פּועל'ט, אַבי ניט שיקן מאָרגן מיין ווייב ווידער צו מיין שוועסטער לייען :טשיינדזש", אָדער גיין אין גראָסערי סטאָר שוואַרצן דעם פּנים . . .

— פע אַ פּאַסקודנע געזעלשאַפט! אַ מאוס'ע אָרדנונג — האָט קאָהן גאַליק, כמעט הויך, אויסגעשריען און זיך אַרומגע־קוקט, ווי ער וואָלט וועלן, אַז דערביי זאָלן זיין אַ סך, אַ סך מענטשן און הערן זיינע רייד.

ער איז אַריין אין האַלב־פינצטערן האָל, באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל און אַ שמוציקער ניט לאַנג געוואַשענער דיל און טרעפּ.

פּלוצלונג איז ער שטיין געבליבן אָנהאַלטנדיק זיך אָן די פאַרענטשע־טרעפּ מיט אַ רחמנות־פאַרקרימטן פּנים און שטאַרק

פארשטשעמעטע ציין, און אַן אַן אויפהער גענומען רייבן, גלעטן די רעכטע באַק, וואו ער האָט דערפילט יסורימדיקע ציין שמערצן.

קאָהן פילט ווי עס האַמערט אים אין די שלייפן, שטעכט אים ווי אַ מאָסקיטאָ ביס אין רעכטן אויער. ער ביילט פון ווייטיק דעם לינקן פויסט, זשמורעט מיט די אויגן פון וועלכע עס שפּריצן ווי פונקען־פייער, ווייל זיך אָבער ניט אונטערגעבן. קאָהן פּרובירט זיך קרעפטיקן, אָננעמען מיט קוראַזש, פאַרגעסן די ווייטיקן און אַרויפ־שפּאַנען אויף די טרעפּ. אָבער ניין — דער צאָן רייסט ווי מיט דינאַמיט באַשאָטן. ער ברעכט די פינגער, טופּעט מיט די פיס, ווייס ניט וואָס צו טאָן, ווי זיך לייכטער מאַכן די שמערצן. וואָלט ער צוויי דאָלאַר געהאַט, איז אַנטקעגן אַ דענטיסט־שליד און מ׳ווערט פּטור פון טייוול און אַ סוף צו די ווייטיקן — איז אָבער די צרה — אַזוי לאַנג אַרבעטסלאָז אַז אפילו פּאַר צוריק „קאַרפעיר״ איז ניטאָ.

קאָהן ווייס, אַז ערגעץ ניט ווייט אַוועק, טאַקע אויף דער עוועניו, איז דאָ אַ שטאָטישער דענטאַל קאַלעדזש, וואו אַרבעטער־ציין ווערן אָן געלד געריסן . . .

אימפּעטיק איז ער צום דענטאַל קאַלעדזש געקומען און ווי פון אַ שלאַנג געביסן אַריינגעלאָפן אין וואַרטונגס־זאַל, וואו דריי דענטיסטן־שילער האָבן שוין דערקענט זייערן אַ העכט־פּאַציענט, און אָן פרעגן אים אַריינגענומען אין זייער אָפיס, געהייסן אים זיך זעצן אויף אַ ווייכן, ברייטן שטול, און אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף אַ צווייענדיק מיט סאַמעט באַצויגענער קישעלע און האַלטן ברייט אָפן דעם מויל.

איין מינוט איז אַריבער. קאָהן איז אין די הענט פון די דריי דענטיסטן־שילער. וועלכע דאָמינירן איבער זיין מויל, זיינע יאַסלעס, זיינע ציין, און פרעגן אים קיין דעה ניט.

— מאַכט ברייטער דעם מויל, נאָך ברייטער!

אַזוי באַפעלט איינער דיקטאַטאָריש אין ווייסן כאַלאַט, אָנ־געגורט מיט שאַרפע ציין־געצייג אין די הענט.

קאָהן פילט ווי אַ גאַנצער מוראַווייניק פויזעט איבער זיין לייב און דער אָטעם ווערט פאַרדרייפאַכט פון האַרץ־קלאַפּעניש.

זיין יעדער ריר מיטן צווענגל איז יסורימדיק וויי.

פון שמערצן שטייען ביי קאָהענען טרערן אין די אויגן, האָלט זיך אָבער איין פון שרייען. זיי געדולד האָט אָבער געפּלאַצט, ווען ער האָט דערפילט אַ קליין שטעכיק מעסער איינעסנדיק זיך אין זיינע יאַסלעס. ער לאָזט אַרויס אַ מורא׳דיקן קוויטש, אַ קוויטש ווי פון געבורט־ווייען און פאַרכלינעט זיך; וויל צוהאַלטן זייערע הענט, בעטן ביים עלטסטן רחמים, רחמנות.

איז זיין מויל ברייט אָפן, אַריינגעשטופּט צונויפגעפּרעסטע שטיקער וואַטע, וועלכע לאָזן ניט דעם שלאָס פון מויל באַוועגן זיך . . .

פלוצים האָט קאָהן דערפילט ווי ער שוועבט ערגעץ אין דער הויך אין די ווייטע ווייטקייטן און ווערט גרינג־גרינגער, ביז ער ווערט פאַרשוואונדן אין אומענדלעכן רוים . . .

פיל עס האָט גענומען דער קאַשמאַרער צושטאַנד האָט קאָהן קיין באַגריף ניט געהאַט. עפּעס אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי דורך אַ נעפּל האָט זיך צו אים אַזוי ווייט דערטראָגן: „איף הי דאָזנ׳ט רעיז היז הענד פּוט הים אין די באָקס”.

מיט די לעצטע אָנגעשטרענגטסטע כוחות האָט קאָהן אַ באַוועג געטאָן זיינע פינגער, און ווידער מאַכטלאָז ליגן געבליבן.

באַלד האָט קאָהן דערפילט ווי אַ שווערער נאַסער האַנטוך איז אויף זיין פּנים אַרויפגעשליידערט געוואָרן.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָבן די אַלע דריי דענטיסטן־שילער אים אַראָפּגעשטופּט פון ווייכן שטול און געהייסן אים אַרויסגיין אין וואַרטונגס־זאַל.

וואַקלענדיק מיט זיגזאַגישע טריט, איז קאָהן אַריין אין צווייטן צימער, וואו אַ פרוי, זיצנדיק ביי אַ דעסק, האָט פון אים פאַר־

לאנגט צוויי דאלער פאר געז, וואס די דענטיסטן האבן פאר אים פארנוצט, כדי אים איינשלעפערן.

קאהן, האלב צעטומלט, נאך ניט באפרייט פון „געז־טריט־מענט", האט מיט שרעק אין די אויגן באטראכט די פרוי און גאליק ארויסגעזשיפעט:

— וואַ־אַ־אַס? איך זאל נאך אייך צוצאלן צוויי דאלער פאר געז? און ווער וועט מיר באצאלן פאר מיינע אוממענטש־לעכע יסורים? דאָ איז דאך אַ שטאַטיקער דענטאל קאלעדזש פאר אָרימע אָן געלט!! אזא חוצפה!

— „פוט הים אין די באקס, מיס מעקאדאָ!" — האבן זיך דערטראגן שטימען פון צווייטן צימער — אויב ער באצאלט ניט באלד די צוויי דאלאר.

קאהן איז פון שרעק האלב־פאראליזירט געווארן און קוים מיט די לעצטע כוחות הייזעריק געשריען: — פאלים! העלפ!

די חברה דענטיסטן האבן הנאה'דיק זיך צעלאכט און א האלב־פאר'חלש'טן אים ארויסגעשטופט אין גאס.

„טו סלאָו"

מיט אַ „וואָירקינג־קאַרד" אין האַנט איז ער ביים טיר פון אַ מענער קליידער־שאַפּ שטיין געבליבן און מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אין אַלע זייטן — געוואַרט אויפן אָנקום פון פאָרמאַן, וועל־כער זאָל אים צו דער אַרבעט אָנשטעלן . . .

דער זש־זש־זש־זש־זש פון די ניי־מאַשינען און דער קלאַפּן פון די פרעס־אייזנס מיט די הייסע פאַרע לופט וואָס איז געהאַנגען איבערן גאַנצן שאַפּ חלל האָט אים ווי פריטשמעליעט . . .

שוין לאַנג־לאַנג אַז ער איז אין אַ שאַפּ ניט געווען. נאָך לענ־גער אַ פרעס־אייזן אין האַנט ניט געהאַלטן. זינט זיין „באָס" מיט דער צושטימונג פון זיין יוניאָן, האָט אים און נאָך פיל אַנדערע אַלטערע אַרבעטער פון שאַפּ אַרויסגעוואָרפן, האָט ער נאָך אַ סענט ניט פאַרדינט. פאַרגעסן אַפילו דעם געשטאַלט פון אַ דאָלאַר. ער שטייט ביים טיר און טראַכט, אַז ער זאָל ביים פאָרמאַן חן באַקומען — כאָטש אים לאָזן אַרבעטן איין טאָג.

ווי וואָרים דאָ איז, טראַכט ער ווייטער. אַ מחיה. ביי אים אין הויז איז קאַלט, ממש „טרייב הינט". ווען דער פאָרמאַן האָט רחמנות און שטעלט אים אָן צו דער אַרבעט, כאָטש פאַר היינטיקן טאָג, וואָלט ער אַהיימגייענדיק נאָך דער אַרבעט, אַ זעקל קוילן דעם קוילן־מאַן געהייסן ברענגען, געקויפט אַ „דאָזן ראָלס", אַ פּאָר ברייטלעך, אַ פערטל פונט פוטער, אַ פונט צוקער, 5 פונט קאַרטאָפעל, מאַכן אַ סורפּרייז דער ווייב. נאַ, גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ דזשאָב

און זע — אז בטחון מוז מען האָבן! און מיין יאָסל, דער קראַנקער זון, וואָס קען אינגאַנצן ניט אַרבעטן — וואָלט זיך מחיה געווען מיט׳ן וואַרימען קאַרטאָפּעל־זופּ און מיט דער הויז־וואַרעמקייט. גאָ־טעניו טו אַנס!!

באַלד איז צו אים צוגעגאַנגען דער פאָרמאַן, א קליין נידעריק צעשוואָומענער מענטשל, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס און דערזענדיק די גרויע באָרד, האָט ער וואָויל־יונגעריש א פינטל געטאָן מיט׳ן אויג צום נאָענטן אַרבעטער, וואָס איז ביים ניי־מאַשין געזעסן און שפּאַסיק צו אים זיך געווענדט:

— וויפיל קענט איר „סופּאָוז" מאַכן א טאָג אַרבעט. כ׳מיין וויפיל וועט איר קענען אונטערפּרעסן א טאָג אַרבל מיט פאָלעס?

— לאָזט מיך זיך שטעלן צו דער אַרבעט, האָט דער מאַן מיטן „וואָירקינג קאַרד" ביים פאָרמאַן זיך געבעטן. איך וועל „טרייען" מאַכן וואָס מער...

— איך גלויב אַז איר וועט זיין „טו סלאָו" — איר ווייסט דאָך. איר וועט ניט קענען נאָכקומען, כ׳מיין געבן צום האַנט... האָט דער פאָרמאַן געענטפערט, קוקנדיק אויפן יונגן אָפּערייטאָר, וועלכער איז דערביי געזעסן, און וואָויליונגעריש צו אים געפינטלט מיטן אויג. אָלרייט איך וועל אייך געבן א „שאָו".

דער מאַן מיט דער גרויער באָרד האָט אָפּגעאַרבעט א פערטל שעה. דער פאָרמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הארט לעבן אים, געקוקט, געציילט און אַלע וויילע געוואָלט אים אָפּסטאָפּן.

— גענוג! האָט דער פאָרמאַן באַפוילן, און דעם פּרעס־אייזן אויסגעלאָשן.

— לאָזט מיר, כ׳בעט אייך, האָט זיך דער אונטערפּרעסער געבעטן. גיט מיר א „טשענס" נאָך א שטונדע. איך וועל זיך איינטרייען. כ׳וועל אַרבעטן געטריי און ביליק. כ׳בעט אייך!!

— גענוג! גענוג!! איך וויים שוין אייער אַרבעט. די פופ־צן מינוט איז פּלענטי! איר זייט „צו סלאָו".

דער גרויער אונטער־פּרעסער האָט אָנגעטאָן זיין ראָק און די אַלטע הארטע הוט, געשטאַנען אַ ווײַלע ביים טיר, ווי ניט וועלן פאַרלאָזן דעם ווארימען שאַפּ — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן האָט אַ ווינט מיט אַ נאַסן שניי, אַ קאָמבינאַציע פון צווײַ־אייניגקייט, געפּייפט און געוואָיעט מיט בייזע יללות, ווי באַדויערנדיק די אַרויסגעשפּיגענע אַלטע אַרבעטער.

גאָט! האָט געמורמלט דער אַרבעטסלאָזער. דערלעבט יאָרן! איך צו „סלאָו״. ווי לאַנג צוריק בין איך געווען דער בעסטער אין מאַרקעט! ערשט צו סלאָו — צו סלאָו.

דער בעל תכלית

דריי שוועלן איבערשפּאַנען פון „פּאַראַדנעם" אַריינגאַנג, און אַ פּאָר מיט אויל־קלאַט באַצויגענע טרעפּלעך אַרונטערגיין — איז די קיך. צוליב דעם ברייטפּאַרצווייגטן בוים, וואָס שטייט האַרט לעבן שמאָלן פענצטער איז אין קיך שטענדיק טונקל. די שטראַלן פון דער זון האָבן קיין שליטה ניט אַריינצודרינגען אַמאָל און באַלייכטן די קיך. דערפאַר זיינען די ווענט שטענדיק פייכט און אַ גרויקייט וויעט אין אַלע ווינקלען.

פּאַרנאַכט, ווען שלמה זובער קומט פון דער אַרבעט, אָדער פון שול, וואו ער איז אַ מעמבער שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, איז זיין באַקוועמסטער אָרט גלייך אין קיך.

דאָרטן האַרט צום וואַנט שטייט זיין אָפּגעריבענער מיט טשוועקלעך באַקלאַפּטער שטול אויף וועלכן ער זיצט שוין היבשע עטלעכע יאָר.

ער איז אַ גרויסער בעל תכלית, שלמה זובער: ווען זיין פאַמיליע איז אַראָפּגעקומען אַהער שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט ער דאַן נאָך דער עצה פון אַ פּאָר שול־אידן, איינגעקויפט „אַ סעט פוירני־טשור" פאַר אַלע חדרים און עד היום דינט אים דער „סעט" זייער געטריי . . . מיט די זעלבע מעבל האָט ער אַלע קינדער חתונה גע־מאַכט . . . עס האָבן ניט געהאָלפן די פּראָטעסטן פון די זין און טאָכטער אַז ביי היינטיקער צייט, ווען מענטשן זיינען מער עסטעטי־שער, ראַפינירטער, פּאַסט ניט האָבן אַזעלכע מעבל אין הויז, און עס איז אפילו ניט שיין אימעצן אין הויז אַריינברענגען.

ער, אָבער, איז ביי זיינס געבליבן: מ'דאַרף קוקן אַ תכלית! און ווען זיין פרוי פּלעגט מיט גוטן איינ'טענה'ן, אַז די קינדער האָבן טאַקע רעכט — ווי אַזוי קען מען וואוינען אין אַזאַ הויז מיט אַזעלכע מעבל? — פּלעגט ער אויפציטערן פון רוגזה און גאַליק אַרויס־זשיפּען: דו, פּעלטע, ביזט אויך מיט זיי? דו האָסט אויך אַזאַ פּאַר־שטאָפּטן קאָפּ ווי דיין טאָכטער? נאַרעניו! פּלעגט ער נאָכדעם מיט גוטן ריידן — וואַרט נאָך אַ ביסל. אַז מיר וועלן קויפן אַ הייזקע, ווי אַלע מיינע באַקאַנטע, דאַן אויף להכעיס דיין משפּחה וועל איך אַריינגעמען נייע מעבל. מיר וועלן „אויספּיקסן" אַ שיינע היים . . .

און מיט די האָפנונגען האָבן די זובערס געלעבט יאָר איין יאָר אויס, ביז — ביז זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגענע הויז, אָבער מיט די זעלבע אַלטע מעבל, ווי מיט יאָרן צוריק.

שלמה זובער זיצט אויף זיין בענקל אין קיך אונטערגעלענט מיט האַלב פאַרמאַכטע פויסטן־פינגער אויף די איינגעשרומפּן־פאַר־טריקנטע, מיט שיטערע האָר באַבערדלטע באַקן. אויפן שוים ביי אים ליגט זיין זעקס יעריקער אייניקל מיט אַן אָפּגעדעקטן הינטן און וואַרפט די פיסלעך אויף און אָפּ, ווי אַ הוידע . . .

— וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן, שד? — האָט ער געקוויטשעט, צוזעמענדיק מיט אַמאָל ביידע הענט פון די באַקן, און מיט איין האַנט איינגעהאַלטן אירע פיסלעך זי זאָל פון שוים ניט אַרונטערפאַלן און מיט דער צווייטער האַנט אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאַסיק פון די הויזן. נו, זאָג וואָס טוט מען מיט דיר? זאָל איך דיר היינטיקן מאָל שענקען? זאָג מיר צו, וועסט מער ניט עסן קיין „אייז־קרים", מער ניט קויפן קענדי? זאָג, האַ?

דאָס קליין מיידעלע וויינט, בליפּעט, פאַרשטיקט מורמלט זי: נאָ מאָר, גרענדפּאַ, נאָ מאָר!

פון דערווייטן שטייט איר מאַמע מיט דער באָבע, ביידע בלאַסע,

אויפגערעגטע, פארביטערטע פון טאטנס האנדלונג קעגן דער קליינער טיבעלען, און בײדע האבן מורא א װארט צו זאגן. די מוטער בייסט די פינגער: אירע אויגן זיינען פיכט פון טרערן.

— זאל ער זי אפלאזן! דו הערסט, מאמע, זאג אים! זי איז מיין קינד. איך װעל דוד׳ן דערציילן, א סקאנדאל װעט זיין, דו הערסט, א סקאנדאל!

שלמה זובער באמערקט פון דערװייטן אויף זייערע פנימער א ניט צופרידנהייט, װארפט אויף זיי פייערדיקע בליקן, שטשירעט מיט די ציין און גלייכצייטיק שארט זיך אראפ דאס איניקל פון זיי־נע קני. אלע דריי װארפן אויף אים האסיקע בליקן און שארן זיך אריין אין צװייטן צימער.

אין א פאר שעה שפעטער זיינען ביים קליין פירקאנטיקן קיך־טישל געזעסן זיין שװעסטער און שװאגער, װעלכע זיינען צו אים געקומען צו גאסט פאר איין טאג נאך א נײן יעריקן זיך ניט זען.

פעלטע, זיין פרוי, האט אים איינגעראמט א סוד, אז אין קיך איז ענג — ניט שיין פאר געסט עסן אויף אזא טישל. בעסער גיין אין „דיינינג רום״.

שלמה זובער האט אויף זיין פעלטען א בייזן קוק געטאן און טעמפ א ברום געטאן: ניש׳קשה! דא איז אויך גוט. און דער ערשטער גענומען טונקען די נעכטיקע געבאקטע זעמל און טיי און טשמאקען מיט די ליפן.

— יא, שװעסטער, — האט ער מיט א פולן מויל עסן געזאגט — זייער שװערלעך זיך דא ארויפארבעטן, אבער געלויבט איז גאט! א מענטש, קאטארי, װאס שפארט און לעבט מיט א תכלית, קען זיך דאך ארויפארבעטן. אט אזוי װי דו זעסט, בין איך א גבאי אין א שול, און מיט א שטיקל נאמען. כע־כע־כע, — האט ער מיט א צופרידנקייט געכעכעט — איך א גבאי אין א שול. מיינסט אפשר, א קליין שולכל? אפשר א זעכציק חברה ברידער זיינען מיר. אין

דער היים פלעג איך אויך אומעטום זיך שטופן. אַבער ווער האָט דאָס געקענט דערגרייכן. דאָרטן איז יחוס: דאָ זיינען אַלע יחסנים. שלמה זובער איז איין מיוחס מיט משה פישמאַן, מיט זלמן ווינשטאָק, האָסטו די מאה, ווערסטו שוין אַ „לידער" — און איך בין עס טאַקע... דאָס איז אַלץ אַז מען איז אַ בעל תכלית!

ווער דאַרף האָבן די מוּאווים, דעם טעאַטער — האָט שלמה זובער פאַרגעזעצט — ווער ברויכט אָט די אַלע נאַרישקייטען מיט זייערע שפּילעריי. ווער דאַרף „ספּענדן" געלט אויף „פּייפּערס", אויף ביכער. וועמען ליגט דאָס אין זינען? שטות! אַ מענטש דאַרף סייפן און סייפן געלט. אָט וועסטו זען, מיין שוועסטער, — האָט ער איר שטיל איינגעראָמט אין אויער — אַז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער וועל איך זיין אַ שטילער גביר, וועל איך זיין. און זאָלן מיין ווייבס קרובים לאָפענען פון פאַרדרוס... און קינדער דאַרפן דאָ אַרבעטן און דאָס געלט געבן די עלטערן, ווי מיינע קינדער האָבן געאַרבעט. ווער דאַרף דאָ זייער לערנען? לערנען איז דאָ קיין תכלית נים. אין אַמעריקע — האָט ער מעשה עקספּערט צוגעגעבן — זיינען דאָ דאָקטוירים און לאָיערס מער ווי סטאָליאַרעס און מוליאַרעס. אַמע־ריקע איז אַ לאַנד פון געלט מאַכן. מאַך כל זמן דו קענסט!

דער שוואָגער מיט דער שוועסטער זיינען געזעסן ווי אויף שפּי־זיקע פּיילן, און זיך אַליין אַ פאַרוואורף געמאַכט, וואָס דער טיוול האָט זיי אין הויז אַהער פאַרשליידערט...

— דו רעדסט ניט לאָגיש, ברודער, — האָט די שוועסטער אים אויפמערקזאַם געמאַכט — דאָס גאַנצע לעבן פון עלטערן איז צו זען קינדער אינטעליגענט און געבילדעט.

אין די רייד זיינען אַריין זיינע צוויי זין.ביידע זין זיינען כמעט קליינע קינדער געקומען אַהער אין לאַנד. אַבער די גראָבקייט און אומגעלומפּערטקייט האָט בולט זיך אַרויסגעוויזן פון זייערע באַווע־גונגען.

די טאָכטער איז געשטאַנען פון ווייטן פאַררוקט אין אַ ווינקל,

געשעמט זיך צו גיין צום אָנקל און טאַנטע. די טאָכטער איז געווען אומאַנטוויקלט, ווי אַ גרויס קינד.

— דאָס איז אייער תּכלית — האָט דער שוואָגער אויפמערקזאַם געמאַכט שלמה זובערן, אָנווייזנדיק אויף די קינדער, — אויף דעם האָט איר געשטרעבט אַלע אייערע יאָרן? אַ גוטער בעל תּכלית!

שלמה זובער האָט גאָרניט געענטפערט, טיף אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און פון זיין ברוסט אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן, טיפן זיפץ...

אינהאַלט

פון פאַרוואַלטערשאַפט צום פיקעט ליין 5
אַ ווייס־רויטער פלאַקאַט 38
אַ ניי לעבן 47
לאהלע 52
זלמן 61
דער לעצטער עטאַפּ 67
זיין פאָטאָגראַפיע 75
ביים שוועל פון שטיבל 80
אַ סעט מעבל 84
אייביק וועל איך לעבן 89
צוויי אַלמנות 95
„דאַוואַיטע סלאָוו" 101
סאַנדינאָ 106
דעם קריפּלס האָפנונג 113
בער מאונטיין 122
אין אַ שטאַבס געריכט 127
צווישן צוויי וואַגאָנען 135
מחלל שבת געווען 139
„רידזשעקטעט" 143
„פּוט הים אין די באָקס" 148
„טו סלאָו" 152
דער בעל תכלית 155